יאנוש קאָרטשאק



ווען איך וועל ווידער זיין קליין

יאַנוש קאָרטשאַק

ווען איך וועל ווידער זיין קליין

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 12724

VEN IKH VEL VIDER ZAYN KLEYN

Janusz Korczak

Permanent preservation of this book was made possible
by Roberta Liebhaber
In memory of my grandparents - Harry and Rachael Mermey

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER

AMHERST, MASSACHUSETTS

413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG

WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

MAJOR FUNDING FOR THE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY

WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust

Arie & Ida Crown Memorial

The Seymour Grubman Family

David and Barbara B. Hirschorn Foundation

Max Palevsky

Robert Price

Righteous Persons Foundation

Lief D. Rosenblatt

Sarah and Ben Torchinsky

Harry and Jeanette Weinberg Foundation

AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE

National Yiddish Book Center

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x101, or by email at cmadsen@bikher.org.

יאַנוש קאָרטשאַק

ווען איך
וועל ווידער זיין קליין

פאַרלאַג: ייִדיש בוך וואַרשע

JANUSZ KORCZAK

KIEDY ZNÓW BĘBĘ MAŁY

Okładkę projektował: R. CHOW
הילע פראיעקטירט: ר. כאוו

WYDAWNICTWO „IDISZ BUCH", WARSZAWA, UL. NOWOGRODZKA 5

Nr zam. 1635. Nakład 2,500 egz. Druk ukończono w grudniu 1962 r.
Ark. druk. 13, wyd. 11. Papier druk. sat. V kl. 61 × 86, 80 g
Druk. RSW „Prasa", Warszawa, Tarczyńska 8. S-61



1878 (1879) — 1942

צום דערוואַקסענעם לייענער

איר זאָגט:

— עס לאנגווייליקט אונדז דאָס אומגיין מיט קינדער.

איר זענט גערעכט.

— ווייל מיר מוזן זיך אראָפּלאָזן צו זייערע השגות.

אַראָפּלאָזן, איינבייגן, אַראָפּנייגן, איינקאָרטשען.

איר האָט א טעות.

נישט דאָס פארמאטערט אונדז. — נאָר וואָס מיר מוזן אַרויפדערלאנגען צו זייערע געפילן.

ארויפדערלאנגען, זיך אויפהייבן, אויף די פינגער זיך שטעלן, גרייכן, כדי נישט ווי צו טאָן.

צום יונגן לייענער

אין דער דאָזיקער דערציילונג זענען נישטאָ קיין משעקאַווע פּאַסירונגען. ס׳איז א פּרווו פון א פסיכאָלאָגישער דערציילונג.

נישט פסיכאָלאָגיש, ווייל וועגן הינט*). נישט קיין הינט. בלויז איין ראבטשיקל.

און היות אויף גריכיש הייסט פסיכיע נשמה,

רעדט זיך דאָ, וואָס עס טוט זיך אין א מענטשס נשמה: וועגן וואָס ער טראכט, וואָס ער פילט.

עס איז אזוי געווען.

איך ליג מיר אמאָל אין בעט און שלאָף נישט. אָבער איך דערמאָן מיר, אז ווען כ׳בין געווען קליין, האָב איך אָפט געטראכט, וואָס איך וועל טאָן, ווען איך וועל אויפוואקסן.

איך האָב געפּלאַנעוועט פארשידן.

אז איך וועל זיין גרויס, וועל איך אויפשטעלן א הויז פאר טאַטע־מאַמע. און א גערטנדל וועל איך האָבן, כדי אין גערטנדל צו פארזעצן ביימלעך: בארנביימער, עפּלביימער, און פלוימענביימער. איך וועל פארזייען בלומען. אזוי, אז ווען א טייל בלומען וועלן וועלקן, זאָלן אנדערע אָנהייבן בליען.

כ׳וועל אָנקויפן ביכלעך מיט בילדלעך, אָדער אָן בילדלעך, אבי נאָר זיי זאָלן זיין אינטערעסאנט.

כ׳וועל קויפן פארבן, קאָלירטע בלייפעדערס, כ׳וועל צייכענען, מאָלן. וואָס איך וועל זען, וועל איך צייכענען.

כ׳וועל פלעגן דאָס גערטנדל — און אַן אלטאַנקע וועל איך מאַכן. אין דער אַלטאַנקע וועל איך ארײנשטעלן א שטול, א פאָטעל

---

*) אין אָריגינאל איז דאָס א וואָרטשפּיל פון Psy, וואָס באַדייט אויף פּויליש — הינט.

מיט אַן אָנלעז. די אַלטאַנקע וועט זיין באוואָקסן מיט ווילדן וויינשטאָק, און אַז דער טאַטע וועט אהיימקומען פון דער אַרבעט, זאָל ער זיך זיצן באקוועם אין שאָטן. ער וועט אָנטאָן די ברילן אויף דער נאָז און לייענען א ציישונג.

די מאַמע ווידער — זי וועט האָבן הינער. און א טויבנשלאַק וועט זיין הויך אויף א שטאַנג, כדי די קאַץ, אָדער אן אנדער שאָדנ־ווינקל זאָל זיך אהין נישט ארויפגנבענען.

און קראָליקעס וועלן זיין.

אַ סראָקע וועל איך האָבן, כ'וועל זי אויסלערנען רעדן.

איך וועל האָבן א קוציקל און דריי הינט.

אמאָל וויל איך האָבן דריי הינט, און אמאָל פיר. איך האָב אפילו געוווסט, ווי אזוי כ'וועל זיי רופן. אָדער — זאָלן זיין דריי: פאר יעדן איינער. מיינער וועט הייסן בעקאס. און די מאמע מיטן טאַטן זאָלן אָנרופן, ווי זיי וועט געפעלן.

פאר דער מאַמען א קליין, היימיש הינטל, און אויב זי וויל בעסער א קאַץ, טאָ זאָל זיין א קאַץ. זיי וועלן זיך צוגעוווינען, וועלן עסן פון איין שיסעלע. דאָס הינטל מיט א רויט בענדל, די קאַץ — מיט א בלוי.

איינמאָל האָב איך אפילו א פרעג געטאָן:

— מאַמע, א רויט בענדל איז בעסער פאר א הונט, צי פאר א קאַץ?

און די מאַמע האָט געענטפערט:

— האָסט שוין ווידער צעריסן די הויזן.

דעם טאַטן האָב איך געפרעגט:

— צי יעדער אלטימשקער מוז האָבן א בענקעלע אונטער די פיס, ווען ער זיצט?

דער טאַטע האָט געענטפערט:

— יעדער שילער מוז האָבן גוטע מיינונגען און נישט שטיין אין ווינקל.

האָב איך אויפגעהערט צו פרעגן. איך האָב מיר שוין דערנאָך אַלצדינג אליין פארענטפערט.

אפשר וועלן די הינט זיין פאר יאַגד. כ'וועל גיין אויף יאגד. כ'וועל אהיימברענגען, אוועקגעבן דער מאמען. כ'וועל אפילו פאנ־

גען א ווילד הזיר, אָבער נישט אליין — מיט די חברים. מיינע חברים וועלן שוין אויך זיין גרויסע.

מירן זיך גיין באָדן. מירן מאַכן א שיפל. אויב די עלטערן וועלן וועלן, וועל איך זיי פירן.

טויבן וועל איך האָבן א סך. כ'וועל שרייבן בריוו און שיקן דורך טויבן. דאָס וועלן זיין פּאָסט־טויבן.

מיט קי איז דאָס זעלבע. אַמאָל טראַכט איך, אז איינע וועט גענוג זיין, אמאָל — צוויי.

און אז מיר האָבן קי, איז שוין דאָ מילך, פּוטער, קעז. און די הינער וועלן לייגן אייער.

דערנאָך וועלן זיין בינשטאָקן, בינען, האָניק. די מאַמע וועט איינמאַרינירן פאר געסט פלוימען אויפן גאַנצן ווינטער און אָנ־בּרענגלען פּאָווידלע.

ס'וועט זיין א וואלד. כ'וועל גיין אין וואלד אריין אויף א גאנצן טאָג, כ'וועל גיין קלייבן יאגדעס, און דערנאָך שוואָמען. מ'וועט אָנטריקענען שוואָמען — וועט זיין.

כ'וועל אָנהאַקן האָלץ א ס־ס־ך, אויפן גאנצן ווינטער. עס זאָל זיין ווארעם.

א ברונעם דארף מען אויסגראָבן א טיפן, אזש ביז צו ריין קוואליק וואסער.

אָבער מען דארף קויפן פארשידענע זאַכן: שטיוול, אָנטועכץ. דער טאַטע וועט זיין אַלט, נישט קענען א סך פאַרדינען. וועל איך.

כ'וועל איינשפּאַנען דאָס פערד און אוועקפירן אויפן מארק פרוכטן, גרינס, אלץ, וואָס מירן נישט דארפן. און וואָס מירן דארפן וועל איך ברענגען צו פירן. כ'וועל מיך דינגען און קויפן וואָלוול.

אָדער כ'וועל אָנפילן קוישן מיט עפל, אוועקפאָרן אין ווייטע לענדער מיט א שיף. אין ווארעמע לענדער זענען דאָ פייגן, טייט־לען, פּאָמעראנצן, טאָ זענען זיי דאָרט צוגעגעסן, וועלן זיי קויפן עפל און איך — זייערע פרוכטן. כ'וועל ברענגען א פּאַפּוגיי, א מאלפּעלע און א קאַנאַריק.

איך וויים שוין אליין נישט, צי איך האָב אין דעם אלעם גע־גלייבט. אָבער ס'איז געווען אָנגענעם אזוי צו טראַכטן.

טיילמאָל האָב איך אפילו געוווסט, צי דאָס פערד וועט זיין

ברוין, צי שווארץ, וואָרום אַט, למשל, זע איך א פערד און טראכט: „אַט אזא וועל איך האָבן, ווען איך וועל זיין גרויס". — און דער־נאָך זע איך אן אנדערס און איך טראכט: „ניין, אַט אזא וועט זיין בעסער". אָדער: „זאָלן זיין צוויי — דאָס און יענץ".

ביז איך נעם און מאך איבער אלץ אַנדערש.

אז איך וועל זיין א לערער. כ'וועל צונויפנעמען מענטשן און זאָגן:

— מ'דארף אויפבויען א גוטע שול. עס זאָל נישט זיין אזוי ענג, אז איינער זאָל דעם אנדערן נישט שטופן, נישט אָנטרעטן, נישט שטורכען.

קומען קינדער אין שול און איך פרעג:

— טרעפט, וואָס מירן טאָן?

זאָגט איינער:

— מיר וועלן פאָרן אויף אן אויספלוג.

אַן אנדערער זאָגט:

— מען וועט ווייזן בילדער.

און דאָס און יענץ.

און איך:

— ניין — ניין — דאָס אלצדינג וועט אויך זיין, אָבער נאָך עפּעס וויכטיקערס.

אז זיי וועלן זיך בארואיקן, דעמלט:

— איך וועל אייך אויפבויען א שול.

און איך טראכט אוים כלערליי שטערונגען. אז כלומרשט איז די שול שוין במעט פארטיק, און מיטאַמאָל פאלט זי איין, אָדער אַ שריפה. דאַרף מען נאָכאַמאָל אָנהייבן; אָבער אויף צו־להכעיס וועלן מיר אויפבויען נאָך א בעסערע.

איך האָב שטענדיק געטראכט מכוח שטערונגען. אז איך פאָר מיט א שיף, איז א שטורעם. אז איך בין אַן אָנפירער, פארשפּיל איך תחילת, און ערשט לסוף קומט נצחון.

וואָרום עס לאנגווייליקט, אויב אלץ גערינגט פון סאמע אָנ־הייב אָן.

איז, הייסט עס, ביי דער שול פאראן א גליטש, פאראן פאר־שידענע בילדלעך, מאַפּעס, מכשירים, גימנאַסטיק, אויסגעשטאָפּטע חיות.

עס קומען אָן די יום־טובים, און דאָ זאמלען זיך צונויף פאר דער שול יינגלעך און מיידלעך און שרייען.

— לאָזט אונדז אריין. מיר ווילן נישט קיין יום־טובים. מיר ווילן זיין אין שול!

דער שול־דינער קריגט זיך מיט זיי, אָבער עס העלפט נישט. און איך זיץ אין קאנצעלאריע, ווייס גאָרנישט דערפון, וואָרום איך שרייב פארשידענע פאפירן. ביז ס'קומט פלוצלונג אריין דער שול־דינער. ער האָט אָנגעקלאפט און איז אריין.

ער קלאפט אָן. איך זאָג:

— ביטע.

און ער זאָגט:

— די קינדער האָבן געמאכט א בונט, זיי ווילן נישט קיין יום־טוב.

און איך:

— ס'איז גאָרנישט. איך וועל זיי באלד בארואיקן.

איך גיי ארויס. איך לאך. איך בייזער מיך נישט. איך גיב צו פארשטיין:

— אויב יום־טוב, זאָל זיין יום־טוב. די לערערס מוזן זיך אָפּרוען. וואָרום אז זיי זענען פארמאטערט, זענען זיי אויפגערעגט און שרייען אויף די קינדער.

עס בלייבט: זיי וועלן קומען זיך שפילן אויפן הויף, אָבער אָרדענונג מוזן זיי אליין אָפּהיטן.

איך האָב פארשידענערליי געטראכט, וואָס איך וועל טאָן, ווען איך וועל אויפוואקסן.

פיילמעל, אז עס וועט נאָר זיין דער טאטע און די מאמע, און מיילמאָל, אז איך וועל האָבן א ווייב, פירן אַן אייגענער באלעבאטישקייט.

עס איז מיר אַ שאָד זיך צוצעשיידן מיט די עלטערן, איז וויינען מיר צוזאמען, אָפּגעטיילט בלויז מיט א פּאָדערהויז. אויף איין זייט די עלטערן, אויף דער אנדערער איך און מיין ווייב. אָדער זאָלן זיין צוויי שטיבלעך אין שכנות, וואָרום עלטערע מענטשן האָבן ליב מנוחה. אז זיי וועלן זיך נאָכמיטאָג צולייגן, זאָלן די קינדער נישט שטערן. וואָרום קינדער לויפן ארום, טופען, קלאפן, שרייען, געוואלדעווען.

דאגות האָב איך מכוח די קינדער, וואָרום איך ווייס נישט, צי כ'זאָל וועלן בלויז יינגלעך, צי א מיידעלע אויך. צי איז בעסער, אז דאָס יינגל זאָל זיין עלטער, צי זי.

דאָס ווייב וואָלט געמעגט זיין אזוי ווי מיין מאמע, און די קינ־דער — ווייס איך אליין נישט. צי וויל איך, אז זיי זאָלן ארומ־שטיפן, צי זאָלן זיי זיין רואיק, און וואָס זיי דערלויבן צו טאָן? נו — אז זיי זאָלן נישט רירן, וואָס נישט זייערס, זאָלן נישט ריי־כערן קיין פאפיראָסן, נישט רעדן קיין מיאוסע רייד, זיך נישט שלאָגן און נישט צופיל קריגן.

און וואָס וועל איך טאָן, אז זיי וועלן זיך ארומשלאָגן, נישט וועלן פאָלגן, אָדער עפּעס א שאָדן אָנטאָן?

צי זאָלן זיי זיין גרויס, צי קליין?

איך טראכט פארשידן.

אמאָל וויל איך זיין גרויס ווי מיכאל, אמאָל ווי דער פעטער, אמאָל ווי דער טאטע.

טיילמאָל וויל איך זיין א גרויסער אויף תמיד, און טיילמאָל בלויז אויף א פּרווו. וואָרום טאָמער וועט מיר תחילת נישט זיין אָנגענעם, און שפּעטער וועל איך ווידער וועלן זיין קליין?

און איך האָב געטראכט — געטראכט, ביז איך בין אויף אן אמת אויפגעוואקסן. איך האָב שוין א זייגערל, וואָנצעס, א ביורקע מיט שופלעדלעך, אליין האָב איך אזוי ווי דערוואקסענע. און איך בין אויף אן אמת טאַקע א לערער. און עס איז מיר נישט גוט.

עס איז מיר נישט גוט.

די קינדער זענען נישט אויפמערקזאם בעת די לעקציעס, איך מוז מיך תמיד בייזערן. איך האָב א סך כלערליי עגמת־נפשן. דעם טאַטן און די מאמע האָב איך שוין נישט.

נו, גוט.

וועל איך אָנהייבן אצינד טראכטן אויף פארקערט.

— וואָס וואָלט איך געטאָן, ווען איך זאָל אמאָל ווידער זיין א קינד. נישט אזוי גאָר אינגאנצן א קליינס, אָבער אז איך זאָל גיין אין שול, זיך ווידער שפּילן מיט די יינגלעך. אז איך זאָל אזוי פּלוצ־לונג זיך אויפכאפּן און דערזען:

— וואָס איז געשען? צי חלומט זיך מיר בלויז, צי איז עס אויף אן אמת?

איך קוק אויף די הענט און וונדער זיך. איך קוק אויף מיינע מלבושים און וונדער זיך. איך שפּרינג ארויס פון בעט, לויף צו צום שפּיגל. — וואָס איז געשען?

און מיטאמאָל פרעגט די מאמע:

— ביסט שוין אויפגעשטאַנען? טו זיך אָן גיך, ווייל די וועסט פארשפּעטיקן אין שול.

ווען איך זאָל ווידער זיין א קינד, וואָלט איך געוואָלט פאר־געדענקען, וויסן, קענען אלצדינג, וואָס איך ווייס און קען אצינד. און אז קיינער זאָל זיך נישט אָנשטויסן, אז איך בין שוין געווען א גרויסער. און איך — איך מאך אן אָנשטעל, אז איך בין א יינגל פּונקט ווי אלע, איך האָב א טאטן און מאמע און איך גיי מיר אין שול אריין. אזוי וואָלט געווען צום אינטערעסאנטסטן, צום בעסטן. איך וואָלט מיך נאָר צוגעקוקט, און עס וואָלט אַזוי קאָמיש געווען, וואָס קיינער דערקענט מיך נישט.

איז ליג איך אַמאָל אין בעט — שלאָף נישט און טראכט:

ווען איך זאָל דעמלט געווען וויסן, וואָלט איך אינגאנצן נישט געווען געוואָלט אויפוואקסן. עס איז הונדערט מאָל בעסער צו זיין א קינד. דערוואקסענע זענען אומגליקלעך. עס הייבט זיך גאָרנישט אָן, אז דערוואקסענע קענען טאָן, וואָס זיי ווילן. אונדז איז נאָך ווי־ניקער דערלויבט, ווי קינדער. מיר האָבן שווערע פליכטן. מיר האָבן מער דאגות. מיר האָבן זעלטענע פריילעכע מחשבות. אמת טאקע, מיר וויינען שוין נישט, אָבער אפשר דערפאר, ווייל עס לוינט נישט צו וויינען.

מיר זיפצן בלויז שווער.

און איך האָב אָפּגעזיפצט.

איך האָב אָפּגעזיפצט שווער, טיף: אז עס איז שוין פארביי — פארפאלן. קיינער קאָן דאָ נישט העלפן. איך וועל שוין קיינמאָל נישט זיין קיין קינד. וויפל ס'זאָל נישט זיין א שאָד, ווען שוין גאָר־נישט העלפן.

אָבער ווי איך האָב אזוי אָפּגעזיפצט, איז פּלוצלונג פינצטער געוואָרן, אינגאנצן פינצטער, איך זע גאָרנישט, בלויז עפּעס א רויך, אזש עס דרייט אין נאָז.

די טיר האָט א סקריפּ געטאָן. איך האָב מיך דערשראָקן. עפּעס א קליין פּלעמל האָט זיך באוויזן. אזוי ווי א שטערנדל.

— ווער איז?

און דאָס שטערנדל שווימט דורך דער פינצטער — און וואָס אמאָל נעענטער — צו מיר. אָט איז עס שוין ביים בעט, אויפן קישן.

איך טו א קוק, ס'איז א קליין לאמטערל. און אויפן קישן שטייט א קליין מענטשעלע. און אויפן קאָפּ האָט ער א רויטן הויכן הוט. און א גרויע באָרד. הייסט עס — א שרעטעלע. אָבער גאָר־גאָר קליין, ווי א פינגער.

— כ'בין דאָ.

ער שמייכל און וואַרט.

איך האָב אויך געשמייכלט. וואָרום איך האָב געמיינט, אז דאָס חלומט זיך מיר אזוי. א גרויסן חלומט זיך טיילמאָל אויך א קינדערישער חלום, אז ער חידושט זיך אזש: פונוואנען עס איז געקומען.

און דאָס שרעטעלע זאָגט:

— האָסט מיך גערופן, טאָ בין איך געקומען. וואָס ווילסטו. נאָר גיך.

ער רעדט נישט, נאָר ער צווישערט עפּעס, אָבער שטיל, שטילינקע. און איך הער און פארשטיי.

— האָסט מיך גערופן — זאָגט ער — און אצינד גלייבסטו נישט.

און ער האָט אָנגעהויבן וויגן מיטן לאמטערל: רעכטס, לינקס, רעכטס, לינקס.

— גלייבסט נישט — זאָגט ער — פאַרצייטנס האָבן מענטשן זיך פארנומען מיט כישוף. אצינד גלייבן אין כישופמאכערס, אין שרעטעלעך און טרעפּערקעס בלויז קינדער.

ער ווינט דאָס לאמטערל און שאָקלט צו מיטן קאָפּ. און איך האָב מורא אפילו זיך א ריר צו טאָן.

— זאָגט עפּעס א באַגער. פּרוווּ. וואָס קאָן עס דיך אָרן?

איך האָב א ריר געטאָן מיט די ליפּן, כדי אים עפּעס צו פרעגן, און ער האָט שוין געטראָפן — ער ווייסט שוין.

— האָסט מיך ארויסגערופן מיט א זיפץ פון בענקשאפט. מענטשן מיינען, אז שפּרוכן מוזן דווקא זיין מיט ווערטער. אָבער ניין, ניין.

ער שאָקלט מיטן קאָפּ אויף ניין. שטעלט זיך איבער פון איין פּיס אויפן אנדערן. אזוי קאָמיש. און מיטן לאַמטערל אויף רעכטס און אויף לינקס. און איך פיל, אז איך שלאָף איין. איך עפן פאַ־ נאַנדער ברייט די אויגן, כדי נישט איינצושלאָפן. וואָרום עס איז מיר א שאָד.

— נו, זע — זאָגט דאָס שרעטעלע — זע וואָס פאר אן עקשן דו ביסט. אייל דיך, וואָרום איך גיי מיר אַוועק. איך טאָר נישט בלייבן לאנג. ווערסט נאָכדעם חרטה האָבן.

איך וויל שוין אפילו זאָגן א באגער, אָבער איך קאָן נישט. אפשר איז שוין אזוי אויף דער וועלט, אז ס׳איז גרינג צו זאָגן, ווען מען וויל אזוי זיך, אָבער שווער, אויב מען באגערט שטארק.

איך זע, אז דאָס שרעטעלע איז פארדאגהט. עס איז מיר אויף אים א רחמנות. אָבער איך קאָן נישט.

— נו, פארבלייב געזונט. א שאָד.

און ער גייט אוועק. און ערשט דעמלט האָב איך געזאָגט שטיל און גיך:

— איך וויל ווידער זיין א קינד.

ער איז צוריקגעקומען — האָט זיך עפּעס א דריי געטאָן — און מיטן לאַמטערל גלייך אין די אויגן. און ער האָט עפּעס גע־ זאָגט, אָבער איך האָב נישט געהערט. איך ווייס נישט, ווי אזוי ער איז ארויס. און ווען איך האָב זיך אינדערפרי אויפגעכאפּט, האָב איך אלצדינג געדענקט.

איך קוק מיך ארום נייגעריק איבערן צימער.

ניין, עס האָט זיך מיר גאָרנישט געחלומט.

עס איז אמת.

דער ערשטער טאָג

איך זאָג קיינעם גאָרנישט, אז איך בין שוין געווען א גרוי־סער, איך מאַך אן אָנשטעל, אז איך בין שטענדיק געווען א קליין יינגל, און איך ווארט, וואָס דערפון וועט זיין. ס׳איז מיר אזוי מאָד־נע און קאָמיש. איך קוק און ווארט.

איך ווארט, די מאמע זאָל מיר אָנשניידן ברויט, כלומרשט אז אליין קען איך נישט. די מאמע פרעגט, צי איך האָב שוין גע־מאַכט די לעקציעס. איך זאָג, אז יאָ, אָבער אינדערעמתן ווייס איך נישט.

אַלצדינג איז ווי אין מעשהלע וועגן דער שלאָפנדיקער בת־מלכה, אפילו נאָך ערגער. וואָרום די בת־מלכה איז געשלאָפן הונ־דערט יאָר, אָבער אלע צוזאמען מיט איר זענען אויך געשלאָפן און צוזאמען זיך אויפגעכאַפּט: סיי די קוכערס, סיי די פליגן — די גאנצע דינערשאַפט, אפילו דאָס פייער אויפן קוימען. און זיי האָבן זיך אויפגעכאפּט פונקט אזוי ווי זיי זענען געווען. איך אָבער האָב מיך אויפגעכאפּט אינגאנצן אן אנדערער.

איך האָב א קוק געטאָן אויפן זייגער, אָבער איך האָב מיך באַלד אוועקגעדרייט, כדי נישט ארייננצופאלן. וואָרום אפשר האָט יענץ יינגל זיך נישט געקענט אויף קיין זייגער?

איך בין גייגעריק ווי ס׳וועט זיין אין שול, וואָסערע חברים כ׳וועל דאָרט טרעפן. צי וועלן זיי עפּעס באמערקן, צי וועלן זיי מיינען, אז איך גיי שוין לאנג אין שול אריין. מאָדנע, וואָס איך ווייס, אין וועלכער שול איך דארף גיין, אויף וועלכער גאס. איך ווייס אפילו, אז אונדזער קלאַס געפינט זיך אויפן ערשטן שטאָק, און איך זיץ אויף דער פערטער באנק נעבן פענצטער. און נעבן מיר גאיעווסקי.

איך גיי — איך מאַרשיר. איך מאַך מיט די הענט. איך בין לייכט, אויסגעשלאָפן. גאָר אנדערש, ווי בעת איך בין געווען א לערער. איך קוק מיך ארום אויף אלע זייטן. איך האָב א קלאפּ געטאָן מיט דער האנט אין א בלעכענער שילד. איך ווייס נישט נאָכוואָס איך האָב עס געטאָן. עס איז קאַלט, אזש א פּאַרע גייט פון מויל. איך הויך מיטן מויל, עס זאָל גיין מער פּארע. עס פּאַלט מיר איין, אז איך קען א פּייף טאָן ווי א לאָקאָמאָטיוו, א בלאָז טאָן מיט פּארע און לויפן אַנשטאָט גיין. נאָר איך שעם מיך עפּעס. אָבער צוריק געשמועסט — פארוואָס? אויף דערויף האָב איך דאָך ווידער געוואָלט ווערן א קינד, אז עס זאָל מיר זיין פרייילעך.

אָבער מיטאמאָל קאָן מען נישט. מען דאַרף פריער זיך צו־קוקן צו אלצדינג, און ערשט דערנאָך.

עס גייען יינגלעך און שילערינס, עס גייען אויך דערוואַקסע־נע. איך קוק, ווער ס'איז פרייילעכער. די זענען רואיק און די זע־גען רואיק. אמת: אויף דער גאַס קאָנען זיי נישט שטיפן. איבע־ריקנס, זיי האָבן זיך נאָך נישט צערודערט. איך בין עפּעס אנ־דערש: ערשט דעם ערשטן טאָג הייב איך אָן צו זיין א קינד, טאָ איז מיר פרייילעך.

און עפּעס מאָדנע. גלייך איך וואָלט מיך פאַר עפּעס געשעמט.

— ס'איז גאָרנישט. דעם ערשטן טאָג מוז אזוי זיין. דערנאָך וועל איך מיך צוגעווינען.

מיטאמאָל האָב איך דערזען א גרויסן וואָגן. און דאָס פערד קאָן זיך קיין עצה נישט געבן. הפּנים שלעכט געקאָוועט, וואָרום די פיס גליטשן זיך אים. עטלעכע יינגלעך שטייען און קוקן. האָב איך מיך אויך אָפּגעשטעלט.

— ער וועט רירן פון אָרט, צי נישט?

איך רייב איין די אויערן, טופּע מיט די פיס, וואָרום ס'איז מיר קאַלט; כ'וויל שוין, אז דאָס פערד זאָל רירן פון אָרט, אז עס זאָל א סוף נעמען. און ס'איז מיר א שאָד אוועקצוגיין, ביז איך וועל נישט זען. וואָרום ס'איז א טשעקאַווע זאַך: אפשר וועט דאָס פערד אומפאלן, און ווי אזוי וועט דער פורמאַן זיך אן עצה געבן? ווען איך זאָל זיין א גרויסער, וואָלט איך פארבייגעגאנגען גלייכגילטיק, איך וואָלט עס זיכער גאָרנישט באַמערקט. אָבער אזוי ווי איך בין א יינגל, איז דאָס פאַר מיר טשעקאַווע.

איך קוקט, ווי די ערהוואקסענע שאַרן אונדז נאָר רק אָפּ פון וועג, ווייל מיר שטערן זיי. וואָס איילן זיי זיך אזוי?

נו, ס'איז גאָרנישט געשען. דער וואָגן האָט ענדלעך געריררט פון אָרט, און איך קום אין שול אריין. איך הענג אויף דעם פאלטן און גיי אריין אין מיין קלאס. און דאָרט רעדט מען שוין, אז די ווייסל האָט זיך געשטעלט.

— היינט ביינאַכט.

איינער זאָגט, אז ס'איז נישט אמת. מען קריגט זיך. דאָס הייסט, נישט מען קריגט זיך, נאָר מען שפּארט זיך.

איינער זאָגט:

— קוקט אים נאָר אָן. דער ערשטער פראָסט, און שוין האָט זיך אים די ווייסל געשטעלט. א קריע מעגלעך שווימט.

— זיי שווימען שוין דווקא נישט.

— עעע. דרייט א קאָפּ.

נאָך עטלעכע זענען צוגעקומען. גרויסע וואַלטן אוודאי גע־זאָגט, אז זיי קריגן זיך. וואָרום ס'איז דאָך אזוי; דער זאָגט „ביסט א נאר", יענער זאָגט: „לעקיש". פון דער ווייסל איז מען ארי־בערגעגאנגען אויף שניי. צי וועט יאָ זיין, צי נישט? אז דער רויך פון קוימען גייט גלייך ארויף אינדערהייך, וועט נישט זיין קיין שניי. אז לויט די וואָרעבייען קאָן מען דערקענען, צי ס'וועט זיין א שניי. איינער זאָגט, אז ער האָט געזען דעם באראָמעטער.

און ווידער:

— ביסט א נאר.

— דערפאר ביסטו קלוג.

— זאָגסט א ליגן.

— אפשר זאָגסטו א ליגן?

נישט אלע באטייליקן זיך אין דער קריגעריי. וואָרום אנדערע שטייען און רעדן גאָרנישט, הערן זיך בלויז צו.

איך הער מיך אויך צו און דערמאָן מיך, אז די גרויסע אין קאפע־הויז קריגן זיך אויך אָפט — נישט וועגן שניי, נאָר וועגן פּאָליטיק. פונקט אזוי. זיי זאָגן אפילו פונקט אזוי:

— לאָמיר זיך געוועטן, אז דער פרעזידענט וועט נישט אָננע־מען די דימיסיע.

און דאָ:

— לאָמיר זיך געוועטן, אז ס'וועט נישט זיין קיין שניי. זיי זאָגן נישט: „נאר — זאָגסט א ליגן" — זיי שפּארן זיך איידל, אָבער ס'איז אויך א טומל.

אָבער ווי איך שטיי מיר אזוי, לויפט צו קאָוואלסקי:

— דו, הער נאָר, האָסט אָנגעשריבן די אויפגאבעם? באָרג מיר, וועל איך מיר איבערשרייבן. נעכטן זענען ביי אונדז געווען געסט. אפשר וועט די לערערין קאָנטראָלירן.

איך זאָג גאָרנישט: איך צעעפן די טעקע און קוק, וואָס דאָרט אין העפט טוט זיך. גלייך ווי עס וואָלט גאָרנישט געווען מיינס, נאָר עפּעס אן אנדער יינגלס, וואָס האָט נעכטן געמאכט פאר מיר די לעקציע.

און דערווייל קלינגט דאָס גלעקל. ער וואַרט נישט, איך זאָל אים דערלויבן, נאָר כאפּט אליין און לויפט צו זיין באנק. און מיר פאלט איין, אז אויב ער וועט איבערשרייבן פּינקטלעך, קאָן די לערערין דערקענען און מיינען, אז דאָס האָב איך איבערגעשריבן. זי קאָן מיך נאָך שטעלן אין ווינקל.

עס האָט זיך מיר אויסגעוויזן קאָמיש, אז איך וועל שטיין אין ווינקל. און ווישניעווסקי פרעגט מיך:

— וואָס לאכסטו?

— איך האָב מיך עפּעס דערמאָנט — זאָג איך און לאַך ווייטער.

און ער:

— משוגענער. לאכט, און ווייסט אליין נישט פון וואָס.

זאָג איך:

— יאָ משוגע — נישט משוגע. אפשר ווייס איך, פון וואָס איך לאך, נאָר כ'וויל דיר נישט זאָגן.

און ער:

— האָ־האָ, וואָס פאר א סודות דו האָסט.

און ער איז אוועק א באלייידיקטער.

איך וואונדער מיך, וואָס כ'ווייס, ווי אזוי זיי הייסן: איך זע דאָך זיי צום ערשטן מאָל, און זיי מיך אויך. פּונקט ווי אין חלום.

דערווייל קומט אריין די לערערין, און קאָוואלסקי האָט דעם העפט נישט אָפּגעגעבן. איך רוף שטיל: „קאָוואלסקי — קאָוואלסקי", אָבער ער הערט נישט, אָדער ער מאכט זיך נישט הערנדיק. און די לערערין זאָגט:

— וואָס דרייסטו זיך? זיץ רואיק.

איך טראכט מיר: „נו, אָט האָב איך מיר שוין פארדינט די טרשטע באמערקונג אין שול פון דער לערערין".

און איך זיץ אומרואיק, וואָרום איך האָב נישט דעם העפט, איך האָב מיך באהאלטן הינטער דעם, וואָס זיצט פאר מיר און וארט, וואָס עס וועט זיין.

איך האָב מורא. עס איז מיר אומאָנגענעם מורא צו האָבן. ווען כ'זאָל זיין א גרויסער, וואָלט איך נישט מורא געהאט. קיינער וואָלט פון מיר נישט איבערגעשריבן קיין אויפגאבעס. אָבער אזוי ווי איך בין א שילער און א חבר האָט געבעטן, האָב איך דאָך נישט געקאָנט אָפּזאָגן. וואָרום באלד וואָלט ער געזאָגט, אז א נישט-גינציקער, און עגאָיסט. ער וואָלט געזאָגט: א „כיטרער", אז איך וויל, די לערערין זאָל נאָר מיך לויבן, וואָס איך האָב גוט אָנגעשריבן די אויפגאבעס.

איך וועל מסתמא זיך לערנען בעסער פאר אלע, וואָרום איך האָב שוין איינמאָל געענדיקט די שול. האָב א ביסל פארגעסן, אָבער עפּעס אנדערש איז זיך צוריק דערמאָנען, און עפּעס אנדערש לערנען אלצדינג אויפסניי.

די לערערין דערקלערט גראמאטיק, און איך קען שוין פון לאַנג, די לערערין הייסט אונדז שרייבן, איך טו א שרייב אָן איינס און צוויי. איך זיץ. די לערערין באמערקט, אז איך טו גאָרנישט און פרעגט:

— און דו פארוואָס שרייבסטו נישט?

איך ענטפער:

— איך האָב שוין אָנגעשריבן, לערערין.

— ווייז נאָר, וואָס דו האָסט דאָרט אָנגעשריבן — זאָגט די לערערין א ביסל ווי אומגעדולדיק.

איך האָב אויך נישט ליב געהאט, ווען איך פלעג איפּגעבן אויף א גאנצע שעה און די שילער האָבן אָנגעשריבן שנעלער. וואָ-

רום דער לערער גיט אויף די לעקציע און וויל האָבן מנוחה ביז צום קלונג, און זיי איילן זיך און דערנאָך הייבן זיי אָן צו שמועסן.
אלזאָ, גיי איך צו צו דער לערערין און ווייז.
— יאָ, גוט, אָבער איין גרייז האָסטו געמאכט.
— ווו? — פרעג איך כלומרשט פארוואונדערט.
איך האָב בכיוון געמאכט א גרייז, כדי די לערערין זאָל זיך נישט משער זיין, אז איך האָב שוין אמאָל געענדיקט די שול.
די לערערין זאָגט:
— זוך אליין, ווו דער גרייז געפינט זיך. ווען דו זאָלסט דיך נישט געוועזן אזוי איילן, וואָלסטו געקאָנט אָנשרייבן אינגאנצן גוט.
איך גיי צוריק אויף מיין אָרט און זוך כלומרשט. איך מאַך אַן אָנשטעל, אז איך בין זייער פארנומען. איך וועל מוזן מאכן די לעקציע פאמעלעך, אָבער גאָר אין אָנהייב. דערנאָך, ווען איך וועל שוין זיין דער בעסטער שילער אין קלאַס, וועלן די לערערס זיך צוגעוווינען, אז איך בין א פעיקער.
אָבער עס הייבט מיר אָן צו ווערן לאנגווייליק. און די לערערין פרעגט:
— האָסט געפונען דעם פעלער?
איך זאָג:
— איך האָב געפונען.
— טאָ ווייז אהער.
די לערערין זאָגט: „יאָ“. און עס קלינגט דאָס גלעקל.
אז דאָס גלעקל קלינגט, הייבט זיך אָן די הפסקה. דאָס הייסט א פויזע. דער דיזשורנע טרייבט ארויס פון קלאַס און עפנט די פענצטער.
וואָס וועל איך דאָ טאָן? עס האָט זיך מיר אויסגעוויזן משוגע־הדיק, אז איך דארף ארומלויפן מיט די יינגלעך. אָבער איך פרוו, אזוי ווי אנדערע
עס איז אָנגענעם, פריילעך.
אָ, אָנגענעם.
ווי לאנג איך בין שוין נישט ארומגעלאָפן?
ווען איך בין געוועזן יונג, האָב איך געקאָנט נישט ארומיאָגן זיך, אָבער לויפן צום טראמוויי אָדער צו דער באַן. טיילמאָל האָב איך געשטיפט מיט די קינדער ביי באַקאַנטע. כלומרשט וויל איך

כאַפּן. זיי אַנטלויפן — נו, יאָ: ווען איך בין געווען יונג. — שפּעטער פלעג איך מיך שוין נישט איילן צום טראַמוויי. א דאגה — איז אוועק איין טראַמוויי, וועל איך צוּוואַרטן אויף א צווייטן. און אויב איך יאָג נאָך א קינד אין שפּאַס, איז עס בלויז עטלעכע טריט, און דערנאָך טופּע איך אויף איין אָרט, כדי איבערצושרעקן. און דאָס קינד אנטלויפט און קוקט זיך ערשט אום פונדערווייטנס. אָדער עס לויפט ארום און ארום און מאַכט א גרויסן קרייז, און איך דריי מיך אויף איין אָרט און מאַך אַן אָנשטעל, אז איך לאָז מיך לויפן. — דאָס קינד טראַכט, אז ווען איך זאָל וועלן, וואָלט איך געכאַפּט, ווייל איך בין א גרויסער. און איך קען נישט. וואָרום כוח האָב איך, אָבער דאָס האַרץ הייבט מיר אָן באַלד צו קלאַפּן און עס פאַרפעלט מיר אָטעם. — יאָ, און אויף די טרעפּ פלעג איך שוין פּאַמעלעך ארויפגיין, און אויב עס איז געווען הויך, האָב איך אָפּגערוט אויפן וועג.

און אצינד.

איך פיל. אז די לופט רוישט און שלאָגט אין פּנים, כ'בין פאַרשוויצט געוואָרן, אָבער ס'איז גאָרנישט. ס'איז אָנגענעם, פריי־לעך.

כ'בין אזש אונטערגעשפּרונגען פאַר פרייד און אויסגעשריגן:

— א־א־א, עס איז אָנגענעם צו זיין א קינד!

איך האָב מיך באַלד דערשראָקן און ארומגעקוקט, צי האָט עס נישט עמעצער געהערט; וואָרום ער וואָלט געקאָנט טראַכטן, אז אויב איך פריי מיך אזוי, בין איך אפשר נישט תמיד געווען א קינד.

איך פיל, אז אלצדינג שווינדלט מיר פאַר די אויגן. איך ווער איינגעמאַטערט, דאָס איז אמת. אָבער עס גענוגט זיך אָפּצו־שטעלן א רגע, אָפּאָטעמען א פּאָר מאָל — און איך קאָן שוין ווי־דער, שוין אָפּגערוט — ווייטער!

עס איז גוט אזוי, וואָס איך לויף ווידער ארום, און נישט אזוי: טשאַפּ — טשאַפּ — טריט ביי טריט.

אָ, גוט שרעטעלע, ווי דאנקבאר איך בין דיר.

וואָרום פאַר אונדז לויפן איז ווי רייטן אויף א פערד, אין גאַלאָפּ, „מיטן ווינט אין א געוועט“. מען ווייסט גאָרנישט, מען טראַכט נישט, מען גערענקט נישט, מען זעט אפילו נישט — מען

פילט בלויז לעבן, א סך לעבן. מען פילט, אז עס איז פאראן לופט אין זיך און ארום.

איך יאָג, איך אנטלויף — אלציינס, גיכער.

איך בין געפאלן. איך האָב מיר צעקלאפּט א קני. איך האָב דערפילט א ווייטיק. און עס האָט זיך דערהערט דאָס גלעקל.

א שאָד. כאָטש נאָך א ביסעלע. כאָטש א מינוטקעלע.

— ווער וועט גיכער: דו, צי איך?

דער פוס טוט שוין נישט וויי. דער ווינט שלאָגט ווידער אין די אויגן, אין פּנים, אין די לונגען. איך לויף ווידער אָן אַן אָטעם, כּדי צו זיין דער ערשטער. איך יאָג פלינק אריבער די יינגלעך, ב'בין גובר די שטרויכלונגען. צו דער שוועל — א כאַפּ דעם אָנ־לעז און ארויף איבער די שטיגן. איך קוק מיך נישט אום, אָבער איך פיל, אז איך בין שוין ווייט פאָרויס. איך זיג.

און מיטן גאנצן אימפּעט אין שמאָלן קאָרידאָר — באַץ ארויף אויפן דירעקטאָר. — ער איז שיער נישט אומגעפאלן.

איך האָב געזען, אז דער דירעקטאָר שטייט, אָבער איך האָב שוין נישט באוויזן זיך צו פארהאלטן, פונקט אזוי, ווי א מאַשי־ניסט, אָדער א שאָפער. אין דער רגע האָב איך פארשטאנען, אז מען באשולדיקט זיי אומגערעכט. א צופאל, אן אומגליק, אָבער נישט — שולד. אפשר האָב איך טאַקע אָנגעווירן די פלינקייט? גאָט מיינער, אזוי פיל יאָרן, אזוי פיל יאָרן.

איך האָב מיך געקאָנט אריינשטופּן צווישן די אנדערע יינג־לעך, וואָרום אלע זענען געלאָפן. אָבער איך בין דאָך ערשט דעם ערשטן טאָג ווידער א שילער.

בין איך דעריבער געבליבן שטיין ווי א נאַר. איך האָב אַפילו נישט געזאָגט: „אַנטשולדיקט“.

און דער דירעקטאָר האָט מיך א כאַפּ געטאָן פארן קאָלנער און געגומען טרייסלען. ס'האָט מיר אָנגעהויבן שווינדלען אין קאָפּ. אזא בייזקייט, זינט איך לעב!

— ווי הייסטו, דו מזיק?

איך ציטער פאר שרעק. דאָס הארץ קלאפּט, איך קאָן קיין וואָרט נישט ארויסרעדן. ער ווייסט דאָך, אז נישט בכיוון, וואָלט ער דאָך באדארפט שענקען. צוריקגעשמועסט אָבער — אזא ייִמטוב טאָן דעם דירעקטאָר. ער האָט זיך דאָך געקאָנט איבער־

קערן, צעקלאפּן. איך וויל עפּעס זאָגן, אָבער איך ציטער אינגאנצן, און די צונג איז מיר פארשטייפט געוואָרן. און דער דירעקטאָר האָט מיך ווידער א טרייסל געטאָן און שרייט:

— דו וועסט מיר ענטפערן, צי ניין? איך פרעג דיך, ווי הייסטו?

און דאָ ארום האָט זיך צונויפגעזאמלט א רעדל. און זיי קוקן. און מיר איז אזש א בושה, וואָס עס איז אן אָנגעלויף. פונקט איז די לערערין אָנגעקומען און אריינגעטריבן אין קלאס. איך בין גע־בליבן אליין. איך האָב אראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, ווי א פארברעכער.

— קום אין קאנצעלאריע.

איך זאָג שטיל:

— זאָל דער הער דירעקטאָר דערלויבן, איך זאָל מיך פאר־ענטפערן.

און דער דירעקטאָר:

— וואָס וועסטו מיר דערציילן מעשיות. אז איך האָב גע־פרעגט דעם נאָמען, פארוואָס האָסטו נישט באלד געענטפערט?

איך:

— ווייל איך האָב מיך געשעמט, וואָס אלע שטייען און קוקן.

— און לויפן ווי א צעדולטער, דאָס שעמסטו זיך נישט? קום מאָרגן מיט דער מאמען.

איך האָב אָנגעהויבן וויינען. די טרערן רינען פון זיך אליין ווי באָב. און די נאָז ווערט באלד פייכט.

דער דירעקטאָר האָט א קוק געטאָן, עס איז אים אפּנים גע־וואָרן א רחמנות:

— נו, זעסטו — האָט ער געזאָגט — ס'איז נישט גוט צופיל צו שטיפן, ווייל דערנאָך וויינט מען.

ווען איך זאָל אצינד איבערבעטן, זע איך, וואָלט ער מוחל גע־ווען. אָבער איך שעם מיך צו בעטן. איך וויל שוין זאָגן: „זאָל מיך דער הער דירעקטאָר אַנדעריש באשטראָפן, ווייל צו וואָס אָנטאָן דער מאַמען עגמת־נפש“. אָבער וואָס זאָל איך טאָן, אז כ'קאָן נישט, און די טרערן שטערן.

— נו, גיי אין קלאס אריין, וואָרום די לעקציע האָט זיך אָנ־געהויבן.

איך האָב מיך פאַרנייגט. איך גיי: ווידער קוקן אַלע. און די לערערין קוקט. און מאַרילסקי טוט מיר פון הינטן א צופּ:

— נו, וואָס?

איך ענטפער נישט, און ער ווידער:

— וואָס האָט ער דיר געזאָגט?

כ'בין בייז, וואָס מישט ער זיך, וואָס איז דאָס זיין עסק? די לערערין זאָגט:

— מאַרילסקי, איך בעט נישט שמועסן.

די לערערין, ווייזט אויס, האָט אויך געוואָלט, ער זאָל מיך צורו לאָזן. די לערערין זעט, אז איך האָב עגמת־נפש, איז האָט זי א גאנצע שעה גאָרנישט געפרעגט.

און איך זיץ און טראַכט. איך האָב א סך צו טראַכטן. איך זיץ, איך הער נישט, איך ווייס נישט, וועגן וואָס מען רעדט. און גראָד איז דאָס אריטמעטיק. זיי גייען צו צום טאָוול, שרייבן, מעקן אָפּ. די לערערין האָט גענומען דאָס שטיקל קרייד, רעדט עפּעס, גיט צו פאַרשטיין. איך בין ערגער ווי א טויבער. וואָרום איך הער גאָרנישט און איך זע גאָרנישט. און איך מאַך אפילו נישט קיין אָנשטעל, אַז איך ווייס. די לערערין האָט גלייך געקאָנט דערקענען, אז איך בין נישט אויפמערקזאַם. זי מוז זיין א גוטע, וואָרום אַן אַנדערע וואָלט דווקא אויף צו־להכעיס מיך א רוף געטאָן. אַצינד פאַרשטיי איך שוין, אז ביי קינדער, אויב עס טרעפט עפּעס א צרה, משעפּעט זיך שוין פון אַלע זייטן. מען פאַרלירט באַלד דעם גלויבן אין זיך. און זיין וואָלט דאָך באַדאַרפט אַזוי, אז ווען איינער שרייט אָן, זאָל דער אַנדערער לויבן, צוגעבן חשק, טרייסטן. און צי דאַרף מען שרייען? וואָס ווייס איך: אפשר דאַרף מען, אפשר נישט.

און ווי אַזוי האָב איך געטאָן, ווען איך בין געזעען א לערער־פאַרשידן.

— איז הייסט עס: איך בין פּלוצלינג אַרויפגעפאַלן אויפן די־רעקטאָר, און ער האָט פּלוצלינג מיך א כאַפּ געטאָן פאַרן קאַרק. וואָס דען האָט ער געזאָלט טאָן? ער האָט זיך צעבייזערט, דערנאָך זיך באַרואיקט. האָט ער מיר מוחל געווען?

ער האָט געזאָגט:

— גיי אין קלאַס אַריין.

און איך ווייס נישט, צי דאַרף איך מאָרגן קומען מיט דער מאַמען, צי נישט?

און איך טראַכט מיר אַזוי:

— קוים עטלעכע שעה, ווי איך בין אַ קינד און וויפל איך האָב שוין איבערגעלעבט. צוויי מאָל האָב איך שוין געהאַט שרעק: איינ־מאָל, וואָס ער האָט מיר צוגענומען דעם העפט — ס'איז געווען אומ־אָנגענעם; דאָס אַנדערע מאָל — מיטן דירעקטאָר. און עס האָט זיך נאָך נישט געענדיקט. און איך ווייס אַליין נישט, וואָס צו טאָן.

איך בין אויסגעשטאַנען אַזויפיל בושה, בעת מען האָט מיך אַזוי ווי עפּעס אַ גנב געהאַלטן פאַרן קאָלנער. אַ דערוואַקסענעם וועט דאָך קיינער נישט כאַפּן, נישט טרייסלען, אויב ער וועט אומגערן אַ שטיפֿ טאָן. אמת, אַז דערוואַקסענע גייען פּאָרזיכטיק, אָבער עס טרעפט זיך.

נו, און קינדער מעגן דאָך לויפן. און אויב זיי מעגן, טאָ ווער דאַרף זיין פּאָרזיכטיקער: איך, אַ קליין יינגל, צי אַ דערפאַרענער פּעדאַגאָג?

מאָדנע, וואָס דאָס איז מיר קיינמאָל נישט איינגעפאַלן, ווען איך בין געווען אַ גרויסער.

קוים עטלעכע שעה, ווי איך בין אַ קינד און שוין די ערשטע טרערן. טאַקע נישט לאַנג, אָבער איך האָב געוויינט. און איצט אַפילו, כאָטש איך האָב טרוקענע אויגן, אָבער אין האַרץ האָב איך אַזויפיל ווייטיק.

און עס נעמט נאָך נישט קיין סוף. איך בין דאָך געפאַלן. האָב איך אַראָפּגערוקט דעם זאָק, איך טו אַ קוק: די הויט אויף דער קני איז אָפּגעריבן — עס גייט נישט קיין בלוט, אָבער עס טוט ווי עס טוט אַפילו נישט וויי, נאָר עס מאַטערט. פריער האָב איך נישט געפילט, נאָר אַצינד, ווען איך זיץ רואיק און האָב עגמת־נפש...

ערשט צוויי שעה ווי איך בין אַ שילער, האָט מיר שוין די לע־רערין געמאַכט אַ באַמערקונג, אַז איך זאָל מיך נישט דרייען און זיצן רואיק. און וואָס וואָלט געווען, ווען זי זאָל וויסן, אַז איך האָב אויך געלאָזט איבערשרייבן די אויפגאַבעס? וואָס וואָלט געווען, ווען די לערערין וואָלט אַצינד אַ זאָג געטאָן:

— חזר איבער.

איך בין נישט אויפמערקזאם. יאָ, איך בין נישט אויפמערק־זאם. און אין קלאַס דאַרף מען נישט בלויז זיצן רואיק, נאָר מען דאַרף הערן, וויסן, וואָס עס טוט זיך.

איז אָט בין איך אַן אָפּנאַרער, אַ צעטראָגענער, אַ נישט אויפמערקזאמער, און אַלץ בלויז דערפאַר, ווייל איך בין ווידער אַ קינד. — איז אויב אַזוי, וואָלט אפשר גלייכער געווען צו בלייבן אַ גרויסער?

און איך האָב דערפילט אַ רחמנות אויפן פערד, וואָס האָט נישט געקאָנט שלעפּן דעם וואָגן, ווייל עס איז געווען שלעכט אונ־טערגעשמידט, און דער וואָגן איז געווען שווער, און די פיס האָבן זיך אים געגליטשט אויפן אייז.

איך האָב אַ מינוט געטראַכט וועגן פערד און באַלד זיך צו־ריקגעקערט צו מיין זאַך:

— צי איז מיר בעסער געווען, ווען איך בין געווען אַ גרוי־סער? אפשר וועט דער דירעקטאָר מיר שענקען? דורכן קאָרידאָר וועל איך שוין גיין פאָרזיכטיק. אפשר וועט ביינאַכט טאַקע אָנ־פאַלן אַ שניי? און איך בענק אַזוי נאָכן שניי, גלייך ווי ער זאָל זיין מיינער אַ לייבלעכער ברודער.

איך קוק גראָד אַרויס דורכן פענצטער, און אַ כמאַרע האָט פאַרשטעלט די זון. איך געדענק נישט, צי זיי האָבן זיך געוועט. אַז ס'וועט פאַלן אַ שניי. און איך האָב אַ טראַכט געטאָן, אַז אין אמע־ריקע האָבן דערוואַקסענע מענטשן אויך אַ טבע אויף אַלצדינג זיך צו וועטן.

אפשר איז טאַקע גאָרנישט אַזאַ גרויסער חילוק פון קינדער צו דערוואַקסענע, זיי לעבן בלויז אַנדערש און האָבן אַנדערע רעכט.

און דורכן פענצטער זע איך די כמאַרע גרעסער ווערן, זי איז שוואַרץ. און עס איז מיר איינגעפאַלן:

— אַ קינד איז אַזוי ווי פרילינג. אָדער זון, אויסגעליי־טערט און באַלד זייער פריילעך און שיין; אָדער פּלוצלונג אַ שטו־רעם, עס בליצט, עס דונערט און אַ טראַסק. און אַ דערוואַקסענער — אַזוי ווי אין אַ נעפּל. אַ טרויעריקער נעפּל רינגלט אים אַרום. נישט קיין גרויסע פרייד, נישט קיין גרויסער טרויער. גרוי און ערנסט. וואָרום איך געדענק דאָך. אונדזער פרייד

און טרויער פליט ווי א שטורעם־ווינט, און זייערע ציט זיך בלויז. איך געדענקט דאָך.

מיר איז געפעלן דער דאָזיקער פארגלייך. יאָ, ווען איך זאָל זיך אפילו ווידער קענען בייטן, וואָלט איך געוואָלט נאָכאמאָל פרווון.

און עס מיר געוואָרן אזוי שטיל, אָנגענעם. אזוי שטיל, ווי בעת מען גייט פארנאכט ארויס אין פעלד, און א ווינטל גלעט מילד איבערן פנים, גלייך ווי א האנט זאָל באַרירן. און דער הימל איז אויסגעשטערנט. און אלץ שלאָפט. און מען פילט בלויז דעם ריח פון פעלד און וואלד.

די דאָזיקע שעה איז מיר שנעל פארבייגעלאָפן. אויב איך וועל ווידער זיין א לערער, וועל איך קיינמאָל נישט אָפּרייסן קיין שי־לער פון זיינע מחשבות. בעת ער איז פארדאנגהט, זאָל ער טראכטן, זאָל ער זיך בארואיקן, זאָל ער זיך אָפּרוען.

איך האָב אזש איננאנצן א ציטער געטאָן, ווען דאָס גלעקל האָט א קלונג געטאָן.

און באלד האָט מען זיך אָנגעהויבן טשעפּען צו מיר:

— פארוואָס האָסטו געוויינט? וואָס האָט דער דירעקטאָר געזאָגט?

די דערוואקסענע זאָגן, מען זאָל זיך נישט שלאָגן. זיי מיינען, אז מיר שלאָגן זיך פאר פארגעניגן. יאָ, פאראן שטארקע אוואנ־טורניקעס, וואָס זוכן זיך צו פארטשעפּען מיט א שוואכן. מיר דרייען זיך אוועק, טרעטן אָפּ, מיידן אויס. אָבער דאָס פאר־שטארקט נאָך זייער הוצפה. ווען די מאָס ווערט פול, מוזן מיר זיי סוף כל סוף אָנלערנען. צום גליק איז נישט פאראן קיין סך אזעלכע. זיי זענען אונדזער סם, אונדזער קללה און עס איז לעכערלעך, וואָס די דערוואקסענע באשולדיקן אלע צוליב זיי. — דערוואקסענע ווייסן נישט, וואָס דאָס איז אזוינס א קאָכלעפל אָדער א צוטשע־פּעניש, וואָס קאָן דעם רואיקסטן דערפירן צו ווילדקייט און פאר־צווייפלונג. נו, יאָ — איך האָב עגמת־נפש. עס קאָן דאָך יעדער אליין פארשטיין, וואָס דער דירעקטאָר האָט מיר געקאָנט זאָגן, ווען איך האָב אים שיער נישט אומגעוואָרפן. צו וואָס פרעגן:

— וואָס? ווי?

און ווען דאָס זאָל זיין איינער. ניין, טשעפּעסט זיך אָפּ פון איינעם, קומט אונטער א צווייטער. און ווידער אויפסניי. זיי זעען דאָך, אז איך וויל נישט רעדן. איינער, וואָס איך בין מיט אים נישט באקאנט, אין רעד כמעט קיינמאָל נישט מיט אים — און ער אייך:

— ביסט ארויפגעפאלן אויפן דירעקטאָר. ער האָט דיר אוו-דאי געהייסן קומען מיט דער מאמען?

זיי לאָזן גאָרנישט א מענטש זיין טרויעריק. זיי וועלן אזוי לאנג קריכן, ביז דער טרויעריקער וועט ווערן בייז.

דעם ערשטן ענטפער איך רואיק. דעם צווייטן אומגעדולדיק:

— גיי אוועק.

דעם דריטן:

— טשעפּע זיך אָפּ.

דעם פערטן שטופּ איך אָפּ.

אצינד קומט צו ווישניעווסקי. שוין אינדערפרי האָט ער מיך גערופן: בעל-סוד און משוגענער. אצינד, וויל ער, איך זאָל אים ענט-פערן.

— נו, וואָס? וואָס האָסטו געוויינט? ער האָט דיך גוט אָנ-געזידלט? האָסט באדארפט ענטפערן, אז מ'האָט דיך געשטופּט.

— אויב דו ווילסט, זאָג אליין ליגן — ענטפער איך.

און באלד האָב איך חרטה געהאָט.

— אָאָאָ, וואָס פאר אן אמת-זאָגער. קוקט נאָר, יינגלעך, גע-פונען אן אמתן.

איך וויל אוועקגיין, פארהאלט ער מיך.

—ווארט, וואָס איילסטו דיך אזוי?

ער לאָזט נישט אָפּ — ער גייט פון דער זייט און שטורכעט. האָב איך גענומען און אים אוועקגעשטופּט. און ער נאָך מער:

— דו שטופּ זיך נאָר נישט אזוי, וואָרום ס'איז נישט דיין שול. ער מיינט, ווייל די לערערין האָט אים געלויבט, אז ער האָט געמאכט איין פעלער, מעג ער זיך שוין דערלויבן.

תחילת האָב איך אפילו נישט געוווסט, וואָס ער פּלאפּלט. דערנאָך ערשט האָב איך פארשטאנען.

איך וויל שוין גיין צו דער טיר, און ער לאָזט נישט:

— קליין קינדעלע — זאָגט ער — זיך צעוויינט ס'פּיצעלע. זיך צעכליפּעט ס'מיידעלע.

און מיט דער ברודיקער לאַפּע וויל ער מיר א גלעט טאָן איבערן פּנים.

איך האָב מיך שוין א ריס געטאָן. נאָר ער איז שטארק, דער זווישניעווסקי. אָבער איך בין שוין אזוי בייז געווען, אז ס'איז מיר געווען אלצייגנס: וואָס עס וועט זיין, וועט זיין. ווען ס'וואָלט גע־וואָרן א געשלעג, וואָלט ער אויך געקריגן.

און איך טראכט מיר, וואָס וואָלט דער דירעקטאָר געזאָגט, ווען ער זאָל צופעליק פארבייגיין און זען. פארשטייט זיך, אז איך בין שולדיק. איך האָב דאָך מיך שוין איינמאָל צעבריקעוועט — און אצינד ווידער. ער וועט מיך שוין געדענקען. זאָל נאָר עפּעס געשען, וועט ער באלד מיך חושד זיין.

וואָרום איך בין א שאָלטיק:

— איך קען דיך שוין. שוין נישט דאָס ערשטע מאָל ביי דיר.

ווען איך בין געווען לערער, פלעג איך דאָך אויך אזוי זאָגן.

אָבער צום גליק קומט די לערערין אריין אין קלאַס צו קאָנט־ראָלירן, אויב די ייִנגלעך זענען ארויס אינדרויסן.

— גייט ארויס, ייִנגלעך, א ביסל ארומלויפן.

און ער, דער אומפארשעמטער, פארמסרט נאָך:

— לערערין, איך האָב געוואָלט ארויסגיין, נאָר ער לאָזט מיך נישט.

איך האָב דערפילט צו אים אזא עקל, נאָר א שפּיי צו טאָן.

— נו, גייט שוין, גייט.

ער האָט פארזשמורעט איין אויג, עפּעס אזוי דאָס מויל אויסגעקרימט, און ווי א לין, ברייט צעשמעלנדיק די פיס, איז ער ארויסגעגאַנגען, און איך נאָך אים.

אויפן הויף בין איך שוין נישט ארויס. איך וואַרט בלויז, אז די פּויזע זאָל זיך ענדיקן.

עס קומט צו מונדעק. קוקט א ווײַלע — און שטיל:

— ווילסט נישט ארויסגיין זיך שפּילן?

איך זאָג:

— ניין.

ער איז געבליבן שטיין, געקוקט, צי איך וויל מיט אים רעדן. אָט דער איז עפּעס אנדערש; איך זאָג אים: אזוי און אזוי.

— כ'ווייס נישט, צי ער האָט מיר געשענקט.

— דו דאַרפסט איבערפרעגן. אין כעס האָט ער געזאָגט אַזוי. גיי אַריין אין קאַנצעלאַריע — ער האָט אוודאי פאַרגעסן.

דערנאָך איז געווען די לעקציע פון צייכענען.

די לערערין זאָגט, אַז יעדער זאָל צייכענען, וואָס ער וויל: עפּעס אַ בלאַט, אָדער אַ ווינטער־לאַנדשאַפט, אָדער וואָס ער וויל.

איך נעם אַ בלייפעדער: וואָס זאָל איך דאָ צייכענען?

איך האָב דאָס קיינמאָל נישט געלערנט. ווען כ'בין געווען גרויס, האָב איך אויך נישט שטאַרק געקענט, בכלל זענען אין מיינע צייטן נישט געווען קיין גוטע שולן, עס איז געווען שטרענג און לאַנגווייליק. מען האָט קיין זאַך נישט דערלויבט. עס איז געווען פרעמד, קאַלט און שטיקנדיק אַזוי, אַז ווען זי פלעגט זיך מיר שפּעטער חלומען, האָב איך מיך תמיד אויפגעכאַפּט אַ דער־שוויצטער און מיך שטענדיק געפילט גליקלעך, וואָס עס איז אַ חלום, נישט אויף אַן אמת.

— האָסט נאָך נישט אָנגעהויבן? — פרעגט די לערערין.

— איך טראַכט, ווי אָנצוהויבן.

און די לערערין פון צייכענען האָט העלע האָר און אַ ליבן שמייכל. זי האָט מיר אַ קוק געטאָן אין די אויגן און געזאָגט:

— נו, טראַכט, אפשר וועסטו אויסטראַכטן עפּעס אַ שיינע זאַך.

און איך ווייס אַליין נישט פאַרוואָס, נאָר איך האָב אַ זאָג געטאָן:

— איך וועל אויסמאָלן אַ שול, ווי ס'איז געווען אַ מאָל.

— און פונוואַנען ווייסטו, ווי זי איז געווען.

— דער טאַטע האָט מיר דערציילט.

איך האָב דאָך געמוזט זאָגן אַ ליגן.

— גוט — זאָגט די לערערין — דאָס וועט זיין זייער אינ־טערעסאַנט.

איך טראַכט:

— עס וועט געראָטן, צי עס וועט נישט געראָטן? די יינגלעך זענען דאָך אויך נישט קיין גרויסע מאָלערס.

איך צייכן אומגעשיקט — אָבער גאָרנישט. העכסטנס וועט מען לאַכן. זאָל מען לאַכן.

פאראן בילדער, וואָס באשטייען פון דריי: איינס אינמיטן, און צוויי ביי די זייטן. יעדעס איז אן אנדערס, אָבער צוזאמען א גאנצקייט. טריפּטיק הייסט אזא בילד.

איך האָב איינגעטיילט א זייטל אויף דריי טיילן. אינמיטן האָב איך אויסגעמאָלט א פּויזע. ווי די יינגלעך לויפן ארום, און איינער האָט עפּעס אָפּגעטאָן, וואָרום דער לערער ציט אים ביים אויער, און דאָס יינגל וויל זיך ארויסרייסן און וויינט. דער לערער אָבער האלט אים ביים אויער און קלאַפּט אים מיט עפּעס א מין שפּיצרוט איבער די פּלייצעס. דאָס יינגל האָט אויפגעהויבן א פוס אינדערהייך, פּונקט ווי ער זאָל העגגען אין דער לופטן. און די אנדערע ארום קוקן; זיי האָבן אראָפּגעלאָזט די קעפּ, זאָגן גאָרנישט, ווייל זיי האָבן מורא.

דאָס איז געווען אין מיטן. רעכטס האָב איך אויסגעמאָלט א קלאַס: ווי א לערער שלאָגט מיט דער ליניע איבער דער האַנט. בלויז איינער אַ חניפהניק אין דער ערשטער באַנק לאַכט, און די איבעריקע איז א רחמנות.

און לינקס גיט מען שוין אמתע שמיץ. — א יינגל ליגט אויף דער באנק, דער שול־דינער האַלט אים ביי די פיס, און דער לערער פון קאליגראפיע, מיט א באָרד, האלט אויפגעהויבן די האנט אינדערהייך און די רוט — אזוי מרהשחורהדיק ווי א תפי־סה־בילד. אזא פינצטערן הינטערגרונט האָב איך געגעבן.

אידערהייך האָב איך אויפגעשריבן: „טריפּטיק — די אמאָליקע שול“.

ווען איך בין אלט געווען אכט יאָר, בין איך געגאנגען אין דער דאָזיקער שול. דאָס איז געווען מיין ערשטע אָנפאנג־שול — זי האָט געהייסן — צוגרייטונג־שול.

איך געדענק, אז א יינגל האָט דעמלט געקריגן שמיץ. דער לערער פון קאליגראפיע האָט אים געשמיסן. אין געדענק נאָך נישט, צי דער לערער האָט געהייסן קאָך און דער שילער נאָוואַצקי, צי דער שילער קאָך און דער לערער נאָוואצקי.

איך האָב דעמלט שרעקלעך מורא געהאט. אזוי ווי עס וואָלט זיך מיר אויסגעוויזן, אז ווען מען וועט ענדיקן מיט אים, קאָן מען מיך כאַפּן. און איך האָב מיך שטאַרק געשעמט, וואָרום מען האָט

אים געשמיסן אויפן נאַקעטן לייב. מען האָט אים אלצדינג אָפּגע־קנעפּלט, און פאר דעם גאנצן קלאס, אַנשטאָט קאַליגראפיע.

איך האָב מיך דערנאָך געמיאוסט פון ייִנגל און פון לערער. און שפּעטער, ווי נאָר עמעצער איז בייז געוואָרן אָדער א שריי געטאָן, האָב איך גלייך דערוואַרט, אז מען וועט שלאָגן.

דער דאָזיקער קאָך, צי גאָוואצקי, איז נישט געווען אנשטענ־דיק. ווען ער איז געווען אָרדנער, האָט ער אָנשטאָט איינגעצן די שוואָם אונטערן פּלומפּ, גענומען און אויף איר ארויפגעמאכט. דערנאָך זיך נאָך באַרימט, אלעמען דערציילט.

דער לערער קומט אריין, הייסט אָפּווישן דעם טאָוול, וואָרום ער איז געווען פארשמירט. קיינער וויל נישט. איז ער אין כעס געוואָרן און אליין גענומען די שוואָם. און כ'וויים נישט, צי מען האָט אָנגעהויבן לאכן, צי וואָס, גענוג, אז מען האָט אויסגעזאָגט. און דערפאר האָט ער באקומען שמיץ.

איך בין דעמלט געווען גאָר קליין און ערשט נישט לאנג געגאנ־גען אין דער שול. אָבער איך זע דאָס דייטלעך, ווי עס זאָל געווען זיין ערשט נעכטן. און איך פיל אזוי אלצדינג. און איך צייכן, אז די בלייפעדער לויפט אליין. עס איז מיר אזש א הידוש.

די קעפּלעך פון די שילער קומען ארויס קליין, אָבער איך באמי מיך, אז יעדער זאָל זיין אַנדערש: איינער אָנגעלענט, איי־נער שטייענדיק. זיך אליין האָב איך אויך אָנגעמאָלט, אָבער נישט אין דער ערשטער ריי.

איך צייכן, אָבער די אויערן פלאַמען; עס איז מיר אזוי הייס, גלייך ווי כ'וואָלט געלאָפן.

איך האָב געצייכנט מיט באגייסטערונג.

איך בין שוין איינמאָל געווען א דערוואקסענער, דעריבער ווייס איך, וואָס עס הייסט באגייסטערונג. מיצקעוויטש האָט אין באגייסטערונג אָנגעשריבן אן אימפּראָוויזאציע. די נביאים האָבן נביאות געזאָגט אין באגייסטערונג.

באגייסטערונג — דאָס איז דעמלט, בעת א שווערע אַרבעט ווערט פּלוצלינג לייכט. און עס איז דעמלט שטארק אָנגענעם צו צייכענען, אָדער שרייבן, אָדער בלויז אויסשניידן צייכענונגען, צי מייסטרעווען. אלצדינג געלינגט דעמלט, און מען ווייסט אפילו נישט, ווי אזוי עס ווערט געמאכט. אזוי ווי פון זיך אליין, אזוי ווי

עמעצער וואָלט פאר מיר געטאָן, און איך קוק בלויז. און ווען איך ענדיק, הידוש איך מיך, גלייך ווי עס זאָל נישט זיין מיין אַרבעט. און איך בין מיד, אָבער צופרידן, וואָס עס איז מיר געראָטן.

און ווען איך בין אין באגייסטערונג, ווייס איך גאָרנישט, וואָס ארום מיר טוט זיך.

מיר דאכט זיך, אז קינדער ארבעטן אָפט מיט באגייסטערונג, נאָר מען שטערט זיי.

למשל, דו דערציילסט עפּעס, אָדער לייענסט, אָדער שרייבסט. און עס קומט ארויס גוט. אָדער דו האָסט גלייך אויפן אָרט פאר־שטאַנען די אויפגאבע. עס קאָן אפילו זיין עפּעס א פעלער, אָדער גאָר א קליינער. און מיטאַמאָל רייסט מען דיר איבער, מען הייסט פאררירכטן, איבערחזרן, מען גיט נאָך עפּעס צו, מען דערקלערט. און מיטאַמאָל ווערט אלצדינג פארפאלן. דו ביסט בייז, און דו האָסט שוין נישט קיין חשק, און עס וועט דיר שוין נישט געראָטן.

באגייסטערונג — דאָס איז ווי א שמועס פון א מענטש מיט גאָט. און קיינער טאָר זיך דאָ נישט אריינמישן. וואָרום דעמלט מוז איך זיין אליין, כדי נישט צו זען, נישט צו הערן.

אצינד איז גראָד אזוי געווען. די לערערין שטייט הינטער מיר, קוקט ווי איך צייכן, און איך טו מיר מיינס. איך פאררירכט בלויז. איך גיב בלויז צו א שטריכעלע, א פּינטעלע, און עס קומט ארויס וואָס אמאָל בעסער.

די לערערין האָט געמוזט שטיין לאַנג, נאָר איך האָב נישט געוווּסט.

דערנאָך קוק איך פונוויטנס און גיב ווידער עפּעס צו, אָבער וואָס אמאָל פאָרזיכטיקער. וואָרום מען קאָן קאליע מאכן פון צו־פיל פאררירכטן. — און איך בין מיד. און איך דערפיל פלוצלונג.

— איך הייב אויף דעם קאָפּ, און די לערערין שמייכלט און לייגט מיר צו די האנט צו דער באק.

איך קאָן נישט ליידן, אז עמעצער גלעט מיך, אָדער רירט זיך צו. נאָר אצינד איז דער לערערינס האנט געווען קיל און ווייך. און איך האָב א שמייכל געטאָן.

און די לערערין פרעגט:

— פונוואנען ווייסטו, אז דאָס איז א טריפּטיק?

— איך ווייס. איך האָב געזען אויף א בילדל, אויף א קארטל, אין קלויסטער.

איך פארפלאָנטער מיך און ווער נאָך מער רויט. דאַן פרעגט די לערערין:

— מען קאָן?

איך דערלאנג דעם העפט און זאָג:

— ביטע.

די לערערין קוקט אויף די אלטע צייכענונגען און אויף דעם לעצטן. ווישניעווסקי איז ארויסגעשפרונגען פון זיין באנק און שמעקט אויך אריין זיין נאָז און זאָגט:

— טריפּטיק.

איך האָב מורא געהאט, אז די לערערין וועט אָנהייבן ווייזן און לויבן, אז ס'איז גוט. זי דארף דאָך פארשטיין, אז צווישן אזא עולם וועט זיך תמיד געפינען א בעל־קנאה, אָדער א ליץ, און דער־נאָך וועט ער דערקוטשען, הוזק מאכן. און די לערערין האָט דאָס פארשטאנען, וואָרום זי האָט ווישניעווסקין געהייסן צוריקגיין אויף זיין אָרט, און מיר האָט זי בלויז געזאָגט:

— נו, רו דיך אצינד אָפּ.

זי האָט פארמאכט דעם העפט און אים פּאָרזיכטיק אנידער־געלייגט אויף דער באנק נעבן מיר.

פּאָרזיכטיק און גלייך.

איך האָב באלד א טראכט געטאָן, אז ווען איך וואָלט ווידער געווען א לערער וואָלט איך נישט א ווארף געטאָן די העפטן אויף דער באנק, איך וואָלט נישט פארשטראָכן מיט א גראָבן שטריך, אז די טינט זאָל זיך אזש צעשפריצן, אויב עפּעס איז שלעכט אָנ־געשריבן. איך וואָלט אוועקגעלייגט פּונקט אזוי פּאָרזיכטיק און גלייך ווי די לערערין.

איך האָב אָפּגערוט נישט לאנג, וואָרום די לעקציע האָט זיך געענדיקט. און איך דארף גיין אין קאנצעלאריע. אָבער דער די־רעקטאָר שטייט ביי דער טיר, האָב איך מיך דעריבער אָפּגעשטעלט. איך ווארט ביי דער זייט און ווייס נישט, וואָס צו טאָן. אָט ווידער קומט צו דער שול־דינער.

איך האָב שוין צוויי מאָל אָנגעהויבן:

„הער דירעקטאָר“, אָבער איך ווייס, אז דער דירעקטאָר הערט נישט, ווייל איך האָב ארויסגערעדט שטיל. עס איז שרעקלעך אומ־אָנגענעם, אויב מען מוז עפּעס זאָגן, און מען שעמט זיך צו רעדן.

זיי שמועסן דאָרט עפּעס וועגן זייערע זאכן, און איך ווייס נישט, הער נישט. אָבער דער דירעקטאָר ווענדט זיך צו מיר:

— גיי אין דער זעקסטער אָפּטיילונג און זע, צי דאָרט איז דאָ א גלאָבוס. נאָר גיך אויף איין פוס.

און דערנאָך האָט ער אויף מיר אַ קוק געטאָן און זיך דער־מאָנט, וואָרום ער האָט א זאָג געטאָן:

— אָבער פאַל איבערן וועג נאָר נישט אַרויף אויף עמעצן.

איך בין געלאָפן צו דער זעקסטער אָפּטיילונג, און די יינגלעך:

— צי אָפּ. צו וואָס ביסטו אהער פארקראָכן?

— צי געפינט זיך דאָ א גלאָבוס?

— וואָס האָט זיך דיר פארגלוסט?

און א יינגל שטופּט מיך ארויס. איך אייל מיך, און ער שטופּט. איך האָב מיך א ריס געטאָן און זאָג:

— דער הער דירעקטאָר פרעגט. — און אן אנדער יינגל הערט נישט און שרייט:

— ביסט נאָך דאָ? טראָג זיך אָפּ, כל־זמן ביסט גאַנץ.

איך ווייס שוין אליין נישט, וואָס צו טאָן. איך שריי ווידער:

— דער הער דירעקטאָר...

— וואָס דער הער דירעקטאָר?

— פרעגט, צי דאָ איז פאראן א גלאָבוס?

— ס'איז דאָ גאָרנישט פאראן — הערסט?

ער האָט א קלאַפּ געטאָן מיט דער האנט איבערן קאָפּ און פארמאַכט די טיר אונטער דער נאָז.

איך גיי צוריק, אָבער מיט וואָס ווייס איך נישט.

איך זאָג:

— זיי זאָגן, אז ס'איז נישטאָ.

צום גליק טראָגט שוין גראָד א שילער א גלאָבוס. ער בייזערט זיך, אז מ'וועט ווידער צעברעכן. עס איז נישט מעגלעך צו רעדן מיטן דירעקטאָר, אָבער איך וויל נישט אָפּליגן. איך האָב דעריבער אין פארצווייפלונג א צי געטאָן די לערערין פאר אן ארבל. נישט א צי געטאָן, נאָר לייכט אָנגערירט און שטיל געזאָגט:

— לערערין.

די לערערין האָט באַלד דערהערט. זי איז אָפּגעגאַנגען מיט מיר עטלעכע טריט, זיך אָנגעבויגן:

— וואָס ווילסטו?

און איך שויך גאָר שטיל:

— זאָל די לערערין בעטן דעם דירעקטאָר, ער זאָל נישט רופן די מאמע.

איך האָב אַזוי שטיל גערעדט, ווי אין אויער אַריין. וואָרום עס איז אומבאַקוועם צו זיין קליין. מען מוז כסדר פאַררייסן דעם קאָפּ אינדערהייך. אַלצדינג ווערט אָפּגעטאָן ערגעץ הויך, איבער דיר. מען פילט זיך עפּעס ווי ווייניקער וויכטיק, דערנידעריקט, שוואַך און עפּעס ווי פאַרלוירן. אפשר האָבן מיר דערפאַר ליב צו שטיין נעבן דערוואַקסענע, בעת זיי זיצן: דעמלט קאָנען מיר זען זייערע אויגן.

— פאַרוואָס האָט דער דירעקטאָר אַרויסגערופן דיין מאַמע?

איך ווייס נישט פאַרוואָס, נאָר איך שעם מיך צו זאָגן. עס איז פריקרע צו דערצײַלן אַזאַ נאַרישקייט. איך האָב אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, און די לערערין האָט זיך נאָך מער איינגעבויגן.

— אַז איך ווייס נישט, קאָן איך דאָך נישט בעטן. איך מוז וויסן. האָסט שטאַרק אַרומגעשטיפּט?

איך זאָג:

— ניין.

וואָרום איך ווייס אַליין נישט, צי דאָס איז וויכטיק.

— נו, זאָג.

אפשר דערציילן מיר דערפאַר אַזוי אומגערן פאַר דערוואַקסענע, ווייל זיי איילן זיך תמיד, ווען מיר רעדן מיט זיי. עס דאַכט זיך שטענדיק, אַז עס גייט זיי גאָרנישט אָן, אַז זיי זאָגן עפּעס, נאָר גלאַט אַזוי, יוצא צו זיין, אבי זיך גיכער אָפּצופּטרן. נו, אוודאי: זיי האָבן זייערע וויכטיקע ענינים, און מיר אונדזערע. און מיר באַמיען זיך אויך צו רעדן קורץ, כדי זיי נישט צופיל צו פאַרדרייען די קעפּ. אַז כלומרשט איז אונדזער זאַך נישט וויכטיק, און זאָלן זיי בלויז זאָגן: יאָ, צי ניין.

— ווייל ווען איך בין געלאָפן דורכן קאָרידאָר, בין איך אַרויפגעפאַלן אויפן דירעקטאָר.

— האָסט אים אַ קלאַפּ געטאָן?
— ניין, בלויז מיט דער האנט זיך אָנגעשפּארט אין זיין פּוזע.
— אין בויך — האָט די לערערין אויסגעבעסערט.
און זי האָט אַ שמייכל געטאָן.

און אין איין רגע איז שוין געווען דערליידיקט. איך האָב אַ טראכט געטאָן: „אַ דאנק" און גיי מיר צוריק אין קלאַס. איך האָב מיך אפילו נישט פארנייגט. דאָס איז אוודאי געווען אומ־העפלעך. מילא, אַ דאגה. אבי שוין זיצן אויף דער באנק, אז דאָס אלצדינג זאָל שוין זיין געענדיקט.

און אויף דער לעצטער לעקציע האָט דער לערער געלייענט וועגן די עסקימאָסן. אז אַ האלב יאָר דויערט ביי זיי דער ווינטער, און הייזער מאכן זיי פון שניי. די דאָזיקע ביידלעך הייסן „איגלאָ" — מען קען אין זיי אָנלייגן אַ פייער, אָבער עס מוז זיין קאַלט, וואָרום עס קאָן צעשמאָלצן ווערן.

ווען איך בין געווען גרויס, האָב איך אויך געוווסט וועגן די עסקימאָסן, אפשר נאָך מער. אָבער זיי זענען מיך נישט אָנגעגאנ־גען. איך האָב אפילו נישט געטראכט, צי זיי זענען באמת פאראן. אצינד איז גאָר אנדערש. עס איז מיר אויף זיי אַ רחמנות.

כלומרשט האלט איך די אויגן אָפן, קוק אויפן לערער, אָבער איך זע אייז־פעלדער — קיין זאך, נאָר אייז און שניי. נישט קיין קוסט, נישט קיין ביימעלע, נישט קיין סאָסנע, נישט קיין גראָז. גאָרנישט, בלויז אייז און שניי. דערנאָך פאלט צו די נאַכט. אַ ווינט, פינצטער, בלויז טיילמאָל זעט מען דעם מאָרגנשטערן. איך פיל אין זיך קעלט און בענקשאַפט. אָרעמע עסקימאָסן! אַ קאַלט לעבן האָבן זיי. וואָרום ביי אונדז דער אָרעמסטער ווארעמט זיך אויס באַמש אויף דער זון.

עס איז אזוי שטיל געווען, ווען דער לערער האָט געלייענט. פון הינטן האָט עמעצער בלויז איין מאָל עפּעס אַ שעפּטשע געטאָן, שטילינקע — דער לערער האָט אויף אים אפילו נישט אַ קוק גע־טאָן, וואָס ער שמועסט. מיר אָבער האָבן זיך באלד געטאָן אַ דריי אום. אויב עס איז געווען אַ נאַר, וועלכן דאָס האָט נישט אינטערע־סירט, וואָלט ער זיך נישט דערוועגט צו שטערן. זאָל ער נאָר פּרוון, עס וואָלט אים מער נישט געפעלט.

אלע האלטן אָנגעשטעלט די אויגן אויפן לערער, אומבאוועג־לעך, מיט אַן אויג אפילו נישט אַ פּינטל. זיי זעען אוודאי, פּונקט אזוי ווי איך — פעלדער פון אייביקן אייז.

א שאָד, וואָס פאר דעם צייכענען איז נישט געווען געאָגראַ־פיע. איך וואָלט געווען בעסער געצייכנט. איך וואָלט געווען ריכ־טיקער געצייכנט די יינגלעכס אויגן. כאָטש דעמלט, ווען מען האָט גענעבן שמיין, האָבן זיי אנדערש געקוקט. אצינד האָבן זיי פאר־הלומטע אויגן, און דעמלט — צעשראָקענע.

איך נעם ארויס דעם צייכענונגען־העפט, איך באקוק מיין מריפּטיק און איך הער אויף אויפמערקזאם צו זיין. עס האָט מיך מיך געמאַכט דאָס רחמנות צו די אָרעמע עסקימאָסן.

גוט, וואָס איך בין ווידער קליין. און גוט וואָס איך בין נישט קיין עסקימאָס, אָדער א כינעזער. וויפל קינדער פּייניקן זיך אויף דער וועלט. ציגיינערישע, כינעזער, נעגער. די וועלט איז מאָדנע געמאכט. וואָרום צו וואָס ווערט ער געבוירן א נעגער, און דערצו קליין, דערנאָך א דערוואקסענער און אן אלטער. דערנאָך נעמט ער און שטארבט. ער מוז שטארבן.

און אָט ווערט פּלוצלינג א טומל אין קלאס. וואָס איז געשען? אלע רעדן איך האָב מיך ערשט משער געווען, וועגן וואָס דער לע־רער האָט געלייענט, ווען איך האָב נישט געהערט, ווען איך האָב אויפגעהערט צו זיין אויפמערקזאם. — דער לערער האָט געמוזט לייענען ווי אזוי מען מאַכט יאַגד אויף פּאָקעס, אויף מאָרסעס.

יעדער שטעלט א פראַגע. איינער וויל וויסן דאָס, אן אנדע־רער יענץ. זיי לויפן אזש ארויס פון די בענק. און דער לערער זאָגט, אז זיי זאָלן זיך זעצן, אז עס איז א געשריי און ער וועט גאָרנישט זאָגן, ביז עס וועט נישט ווערן רואיק. אָבער זיי קאָנען זיך נישט בארואיקן, וואָרום יעדער וויל וויסן, וויל אלצדינג וויסן גענוי.

— צי די עסקימאָסן עסן נישט קיין ברויט? פארוואָס פאָרן זיי נישט, ווו עס איז ווארעמער? צי קאָן מען נישט אויפשטעלן פאר זיי קיין הייזער פון ציגל? צי א מאָרס איז שטארקער פון א לייב? צי אן עסקימאָס קאָן פארפרוירן ווערן אויף טויט, ווען ער פארבלאָנדזשעט? צי זענען דאָרט דאָ וועלף? צי זיי קענען ליי־ענען? צי זענען נישט פאראן צווישן זיי קיין מענטשן־פרעסער?

צי זיי האָבן ליב וויסע? צי זיי האָבן א קעניג? פונוואנען נעמען זיי משוועקעס צו שליטנס?

איינער דערציילט, ווי אזוי זיין זיידע איז פארבלאָנדזשעט געוואָרן ווינטער־צייט אין פעלד. אן אנדערער וועגן וועלף. יעדער שרייט, אז די אנדערע זאָלן זיין שטיל, ווייל ער וויל זאָגן עפּעס א וויכטיקע זאך, אָדער עפּעס פרעגן.

אויב א מענטש אינטערעסירט ווייניק עפּעס א זאך, קאָן ער צוווארטן. און זיי אינטערעסירן די עסקימאָסן זייער. זיי אליין האָבן ערשט מיט א רגע צוריק ווי געוווינט העט ווייט אויפן פּאָל, איז ווילן זיי אצינד וויסן, ווי אזוי עס לעבן זייערע נאָענטע, באַ־קאנטע, קרובים, וואָס זענען דאָרט געבליבן און עס איז זיי דאָרט אזוי שלעכט — און זיי ווילן זיי העלפן.

ווען מען פלעגט אמאָל פארשיקן קיין סיביר פּאָליטישע ארעסטירטע, איז אויב עמעצער איז פון דאָרט צוריקגעקומען, האָבן אויך פארשידענע מאמעס, שוועסטערס און כלות זיך נאָכ־געפרעגט, ווי אזוי מען לעבט דאָרט, וואָס זיי טוען, אויב און ווען זיי ווילן צוריקקומען. וואָרום פון א בריוו קאָן מען קנאַפּ וואָס זיך דערוויסן.

דאָס זעלבע פון א ביכל. דער לערער דארף נאָכאמאָל אליין דערציילן אלצדינג, וואָס ער ווייסט, וועגן פּאָקעס, שניי, צפון־הירשן, פּאָלאר־ליכט. און אפילו איבערהזרן נאָכאמאָל. וואָרום פון גרויס געריטקייט האָט מען נישט אלצדינג געהערט.

פאר דעם לערער איז דאָס די פערטע לעקציע, די פערטע שעה ארבעט אין דער שול, אָבער פארן קלאס — ידיעות פון א וויטער מדינה וועגן טייערע נאָענטע מענטשן. דער לערער איז פארמאטערט און מיר אויך, אָבער אנדערש. און אָט שאפט זיך אן אומגעדולדיקייט. ער האָט שוין געגוג, מיר ווילן נאָך.

דער לערער איז שוין כמעט אין כעס. ער דראָט, אז פאר א שטראָף וועט ער שוין קיינמאָל גאָרנישט פארלייענען.

— קיינמאָל!

עס איז שטיל געוואָרן אויף א רגע, הגם מען גלייבט נישט. ווען ער זאָל געוועזן זאָגן: א וואָך, אָבער — קיינמאָל. און עפּעס א שוטה הייבט אָן צו לצעווען.

— עעע, דער לערער וועט נישט זיין אזוי שלעכט — זאָגט ער. — זיי זענען נאַריש, וואָס זיי טומלען, אָבער זיי זענען גוטע יינגלעך.

כלומרשט וויל ער פאַרענטפּערן, אָבער מען זעט גלייך, אז ער וויל דעם לערער ארויסברענגען פון געדולד, אז עס זאָל זיין אן אוואַנ־טורע, אז דער לערער זאָל אָנהייבן שרייען. אומעטום געפינט זיך שוין אַזאַ איינער. אָדער עס אינטערעסירט אים קיין זאך נישט, איז קאָן ער דעריבער אפילו נישט ליידן, אז עס מאכט זיך אן אינטערעסאנטע לעקציע, וואָרום ער מוז דאָך זיין שטיל, ווייל אלע הערן זיך צו; אָדער ער וועט אויף צו־להכעיס שטערן, ווייל עס איז אים גראָד אין דער מינוט עפּעס נישט געפעלן געוואָרן.

דער לערער קוקט שוין, ווען מען אַרויסצוואַרפן הינטער דער טיר, ער האָט שוין א קוק געטאָן אויפן זייגער, וואָרום ער וויל, אז עס זאָל זיך ענדיקן. און עס ווערט אומאָנגענעם. און דעם לע־רער אליין איז אפילו א שאָד, וואָרום ער ווייסט, אז מען האָט זיך צוגעהערט. איז האָט ער זיך איינגעהאלטן, כלומרשט א שמייכל געטאָן און זיך אָנגערופן׳

— נו, דו דאַרמן, וואָס האָסטו דיך אזוי צעדרשנט, חזר אי־בער, ווען וואָס איך האָב געלייענט.

און עס הייבט זיך אָן א געוויינלעכע לעקציע, ווען דער לע־רער פרעגט, און דער קלאַס בעקעט, מעקעט, ענטפערט שלעכט. און דער לערער מיינט, אז מיר קענען נישט, אז מיר זענען נארי־שע קינדער.

ווען איך בין געווען א גרויסער, וואָס מער א זאך האָט מיך אינטערעסירט, אלץ בעסער האָבן איך געקאָנט רעדן. און ביי קינ־דער איז אפשר אנדערש. אויב עפּעס אינטערעסירט זיי גאָר שטארק, איז זיי דווקא דערפאר שווער צו רעדן, ווען זיי זאָלן אפי־לו ווילן. ווי זיי זאָלן זיך שעמען, אז זיי וועלן זאָגן נישט אזוי, ווי מען דאַרף. וואָרום עס איז פריקרע, וואָס אין שול דארף מען רעדן אויף א געלערנטן שטייגער, אויף צו באקומען א צענזור, א גוטע אָדער א שלעכטע, און נישט ווי מען פילט אויף אן אמת.

די לעקציע האָט זיך געענדיקט לאַנגווייליק, ערשט בעת דער פּייזע האָבן מיר גערעדט וועגן די עסקימאָסן אויף אן אמת. —

איינער געדענקט ד אָ ס בעסער, אַן אַנדערער אַנדערע זאַכן. און מען קריגט זיך:

— דער לערער האָט געלייענט אַזוי.

— נישט אמת.

— האָסט אוודאי געכאַפּט פליגן, ווען מען האָט געלייענט.

— האָסט אַליין געכאַפּט פליגן.

מען רופט עדות.

— נישט אמת, אַז דער לערער האָט געלייענט, אַז מען מאַכט פענצטער פון אייז?

— נישט אמת, אַז אַ פּאָקע איז אַ פיש?

— נו, גוט. וועלן מיר פרעגן דעם לערער.

מסתמא איז מיט אַלע אַזוי ווי מיט מיר. זיך פאַרטראַכט אויף עפּעס אַן אָרט, דערנאָך שוין נישט געקאָנט דעריאָגן. איז דע־ריבער געדענקט יעדער עפּעס אַנדערש. און בלויז דער גאַנצער קלאַס ווייסט באמת אַלצדינג. דערנאָך שפּילט מען זיך אין עסקי־מאָסן, ערגעץ אויף די שטיגן, אָדער אויפן הויף דערציילט מען אַזעלכע, וואָס זענען נישט געוועזן אויף דער לעקציע, מען לייגט צו פון קאָפּ אויסגעטראַכטע זאַכן, עס זאָל אַרויסקומען אינטערע־סאַנטער.

צוריק אַהיים בין איך געגאַנגען מיט מונדעקן.

די גאַס ווייזט זיך מיר איצט אויס זייער אינטערעסאַנט. אַלץ איז אינטערעסאַנט. די טראַמווייען, דער הונט, דער פאַרבייגייענ־דיקער זעלנער, די קראָמען און די שילדן איבער די קראָמען. אַלץ איז ווידער ניי, אומבאַקאַנט, ווי פריש אָנגעמאָלט. אומבאַקאַנט איז עס נישט, וואָרום איך קען דעם טראַמוויי, אָבער איך וויל וויסן צי ער האָט אַ גראָד־נומער, צי נישט.

— לאָמיר טרעפן, צי דער ערשטער טראַמוויי וועט האָבן אַ גראָד־נומער, צי נישט, צי קלענער פון הונדערט, אָדער גרע־סער.

שוין אַ נייע שפּיל.

אַ זעלנער; איז דאַרף מען זען, צי ער האָט אַ בענדל, צי ניין, פון אינפאַנטעריע צי אַרטילעריע.

א מעכאניקער מייסטערווערק עפּעס אין א טעלעפאָן=ביידל, ארעמער רייניקן דעם שטאָט=קאנאַל. — שטעלט מען זיך באלד אָפּ, וואָרום אפשר וועט זיין אינטערעסאנט.

ווען אלצדינג קומען גייען געדאנקען אין קאָפּ אריין.

און היינט האָט מען געזען א סך. אָבער אָט יענער האָט א לעק געטאָן מיט דער צונג די נאָז — איז באלד:

— היינט דארפן נישט קיין נאָז=טיכלעך, ווייל זיי לעקן זי אָפּ מיט דער צונג; און מענטשן טוען נאָר א צי מיט דער נאָז. און מען באקומט חשק צו פּרוון.

איך וויל דערלאנגען מיט דער צונג צו דער נאָז, און מונדעק גיט מיר אן עצה:

— בייג אָן די נאָז מיטן פינגער.

איך זאָג:

— מיטן פינגער איז נישט קיין קונץ.

און ער:

— נו, פּרווו.

גייט פארביי א פּרוי און זאָגט:

— נארישע קינדער, די צינגער ארויסגעשטעקט.

מיר האָבן זיך פארשעמט, ווייל מיר האָבן גאָר אינגאנצן פארגעסן, אז מענטשן גייען פארביי און קוקן.

ווען די דאָזיקע פּרוי זאָל געווען וויסן, וועגן וואָס מיר שמועסן, וואָלט זי זיך נישט געחידושט. וואָרום דאָס איז געווען א פּרוו, ווי שטארק נייטיק מענטשן דארפן נאָז=טיכלעך, צי היינט האָבן א כּח לענגערע צינגער און ווי אזוי א מענטש גיט זיך אן עצה אָן דער נאָז. מיר האָבן געוואָלט פּעסטשטעלן, און ווען עמעצער האָט נישט געהערט דעם שמועס, דאכט זיך אים, אז עס איז נארייש.

ווען איך בין נאָך געווען א גרויסער, האָב איך מיך אמאָל געאיילט צום צוג. און דאָ טוט א ווינט מיט שטויב א יאָג גלייך אין די אויגן. איך וויים נישט, צי האַלטן דאָס רענצל, צי דעם הוט, צי פארשטעלן די אויגן. איך בין בייז און איך איל מיך, כדי נישט צו פארשפּעטיקן, וואָרום מען דארף נאָך קויפן א בילעט, און אפשר איז א גרויסער עולם ביי דער קאסע.

און מיטאמאָל לויפן הינטער מיר ייִנגלעך — דריי זעגען זיי געווען. זיי לאַכן, וואָס דער ווינט שטופּט זיי. זיי האָבן דאָרט אויך עפּעס געדעדט צווישן זיך. און איינער פאַרפּלאָנטערט זיך מיר אונטער די פיס. איך האָב מיך געוואָלט אָפּרוקן, האָט ער זיך פאַרטשעפּעט ביים רעגנצל. איך האָב אויף אים אָנגעשריגן, אז ער מאַכט משוגענע שטיק, אז ער שטערט מענטשן. גו, יאָ, אָבער אויך איך האָב אים געשטערט. ווער ווייסט אים דאָרט, אין וואָס זיי האָבן זיך געשפּילט, וואָס זיי האָבן אין זינען געהאַט. אפשר איז ער גראָד געווען א באַלאָן, א זיגל־שיף, און איך מיט מיין רעגנצל בין פאַר אים געווען אן אונטערוואַסער־פעלז. פאַר מיר איי שטורעם־ווינט אן אומאָנגענעמע זאַך, פאַר אים א פאַרגעניגן — דערוואַקסענע און קינדער שטערן זיך: זיי יענע, און יענע זיי.

ווען איך בין דאָס ערשטע מאָל געווען קליין, האָב איך ליב געהאַט צו גיין מיט פאַרמאַכטע אויגן איבער דער גאַס. איך זאָג: „צען טריט וועל איך גיין מיט פאַרמאַכטע אויגן“. ווען די גאַס איז ליידיק, פאַרמאַך איך די אויגן אויף צוואַנציק טריט און עפן נישט, מעג זיין וואָס עס וויל. תחילת שטעל איך גרויסע שפּאַן, און דערנאָך פאַמעלעכער, פאָרזיכטיקער. נישט תמיד איז מיר געראָטן. איינמאָל בין איך אריינגעפאַלן אין רינשטאָק. דעמלט איז נאָך אין די רינשטאָקן געווען וואַסער, איצט איז שוין פאַראַן קאַנאַליזאַציע, קאַנאַלן, רערן זענען דאָ אין דער ערד. אלזאָ, בין איך אריינגעפאַלן אין רינשטאָק, אויסגעלענקט א פוס — א וואָך צייט האָט ער מיר ווי געטאָן. אינדערהיים האָב איך גאָרנישט געזאָגט, וואָרום וואָס זאָגן, אז זיי וועלן נישט פאַרשטיין? מען וועט מיר ענטפערן, אז אויף דער גאַס דאַרף מען גיין מיט אָפענע אויגן. דאָס ווייסט דאָך יעדער איינער, אָבער צוליב אָפּוועקסלונג מעג מען אמאָל פּרוּוון.

אַן אנדערש מאָל בין איך מיטן קאָפּ אריינגעפאַלן אין א לאַמ־טערן — א בייל באַקומען, נאָך גוט, וואָס דאָס היטל האָט א ביסל פאַרשטעלט. וואָרום קוים מאַכט מען נאָר איין קרומען טריט, ענדערט זיך שוין די גאַנצע ריכטונג, און אָדער אין א לאַמ־טערן אריין, אָדער אין א פאַרבייגייער. — ווען מען פאַלט ארויף אויף עמעצן, — איז איינער רוקט זיך בלויז אָפּ און גאָרנישט,

אָדער ער זאָגט עפּעס א ווערטל. טײלמאָל אָבער טוט זיך אזא איינער א וואָרף ווי א חיה.

— בלינד ביסטו, זעסט נישט?

און קוקט מיט רציחה, נאָר אויפצופרעסן.

איינמאָל — איך בין שוין דעמלט געווען א גרויס ייִנגל — א פּופּצן יאָר אלט. גיי איך מיר אזוי, און צוויי מיידלעך יאָגן זיך. עפּעס אזוי אין דער זייט זענען זיי געלאָפן — און גלייך אויף מיר ארויף. צו שפּעט געווען אויסצומיידן, האָב איך מיך אָנגעבויגן, צעשפּרייט די הענט — און ביידע זענען צו מיר מיטאמאָל ארייַנגעפאלן. זיי האָבן א קוק געטאָן צעשראָקן. איינע האָט געהאַט בלויע אויגן, און די אַנדערע — שוואַרצע, לאַכנדיקע. א רגע האָב איך זיי צוגעהאלטן, כדי צו כאַפּן דאָס גלייכגעוויכט און אויסמיידן. איינע האָט א געשריי געטאָן: „אוי“, און די אנדערע האָט געזאָגט: „אַנטשולדיקט“. איך האָב געזאָגט „ביטע זייער“ און ביידע זענען מיר ארויסגעפלויגן. זיי זענען אנטלאָפן און זיך אומגעקוקט און געלאכט, און איינע איז ארויפגעפאלן אויף עפּעס א פרוי. און יענע האָט זי א שטופּ געטאָן, אז זי האָט זיך שיער איבערגעקערט. אזוי גראָב.

קינדער זענען דאָך נייטיק אויף דער וועלט און דווקא אזוי ווי זיי זענען.

איך זאָג:

— מונדעק, ווילסט גיין אין א געיעג מיטן טראמוויי?

מיר זענען גראָד געשטאַנען ביי דער סטאַנציע.

— זאָגט ער:

— גוט. ווער וועט גיכער: דער טראַמוויי, צי מיר, ביזן ראָג.

— ביזן ראָג.

פון אָנהייב איז גרינג, ווייל דער טראַמוויי איז נאָך נישט געווען אין פולן לויף. אָבער דערנאָך לויפן מיר שוין אינמיטן גאס, נעבן טראָטואר — ווו די פערד, א דראָזשקע האָט אונדז געשטערט. מיר האָבן פארשפּילט.

זאָגט ער:

— אָבער איך בין דער ערשטער.

איך:

— דאָס איז קיין קונץ נישט — דיין פּאַלטן איז גענווען פאַנאַנדערגעשפּיליעט.

ער:

— און ווער האָט דיר נישט געלאָזט? האָסט געקאָנט אויף הינטן פאַרקאַטשען דעם מאַנטל.

באַ, איך האָב פאַרגעסן. שוין אַזוי פיל יאָר נישט געיאָגט זיך מיטן טראַמוויי, אַז איך בין אָפּגעוווינט געוואָרן.

— נו, גוט — זאָג איך — נאָכאַמאָל; איך וועל מיך אויך פּאַנאַנדערשפּיליען.

אָבער ער וויל שוין נישט. ער זאָגט, אַז די שיך רייסן זיך. און איך וואָלט רק געלאָפן. איך בין צופרידן, וואָס איך ווער נישט מיד. וואָרום איך בין געווען פאַרסאָפּעט און דאָס האַרץ האָט מיר געקלאַפּט, אָבער איך האָב מיך אָפּגעשטעלט אויף אַ רגע, און איך בין שוין אויסגערוט. וואָרום קינדערישע פּאַרמאַטערטקייט מאַכט נישט מיד.

מיר רעדן, ווי אַזוי זיך אויסצולערנען אַריינשפּרינגען אין טראַמוויי. ס'איז כּלל נישט געפערלעך, נאָר מען דאַרף קאָנען. מ'דאַרף נאָכלויפן דעם טראַמוויי, אפילו גאָר ווייט. ווען מען קאָן, דאַרף מען לויפן נעבן טראַמוויי און צורירן די האַנט. און דערנאָך זיך אָנכאַפּן. און ערשט שפּעטער, אָבער נישט אין פולן לויף, נאָר ווען ער רירט, אַרויפשפּרינגען און אַראָפּשפּרינגען. אין אַ חודש צייט קאָן מען זיך אויסלערנען. און בעסער איז צו אַ צוגעטשעפּעטן, וואָרום אויב דו פאַלסט אפילו אום, ווערסטו נישט אַרונטערפאַלן אונטער די רעדער, און מען דאַרף זיך אומקוקן, צי עס פאָרט נישט פון הינטן קיין אויטאָמאָביל.

— איך דערוואָקסענע ברעכן אַמאָל דאָס געניק.

מיר האָבן אָנגעהויבן רעדן וועגן אומגליק-פאַלן.

איך זאָג:

— פאַר מיינע צייטן זענען נישט געווען קיין אויטאָמאָבילן.

ער האָט אַ קוק געטאָן פאַרחידושט.

— וואָס הייסט נישט געווען?

— נו, נישט געווען — זאָג איך מיט כעס, ווייל עס האָט זיך מיר ארויסגעכאַפּט.

און מיר האָבן זיך אָפּגעשטעלט ביי אַ סלופּ מיט אַנאָנסן.

אין קינאָ גיט מען אַ בילד: „די יסורים פון ליבע“.

— וואָלסט געוואָלט זען?

מונדעק האָט זיך פאַרקרימט:

— אַזוי זיך. ליבע־בילדער זענען לאַנגווייליק. אָדער מען קושט זיך, אָדער מען גייט אַרום איבער די צימערן. טײלמאָל בלויז שיסט עמעצער. איך וויל בעסער דעטעקטיוון.

— און וואָלסט געוואָלט זיין אַ דעטעקטיוו?

— אוודאי. לויפן איבער דעכער, דורך פלויטן — מיט אַ ברוינינג.

מיר האָבן איבערגעלייענט דעם אַנאָנס פון צירק.

— צומבעסטן האָב איך ליב אַ צירק.

מיר שטייען, פלוידערן און גייען ווייטער.

— מאָרגן זענען פאַראַן פינף לעקציעס. נאַטורוויסנשאַפט.

— ווען די לערערין זאָל אונדז עפּעס מער דערציילן וועגן פאָקעס, וועגן ווייסע בערן.

— וואָלסט געוואָלט זיין אַ בער?

— נאָך ווי?

— בערן זענען דאָך אָבער אומגעשיקט.

זיי זענען גאָרנישט אומגעשיקט, עס דאַכט זיך נאָר אַזוי. אַבער איך וואָלט בעסער געוואָלט זיין אַן אָדלער. איך וואָלט מיך אַרויפגעכאַפּט אויפן העכסטן שפּיץ פעלז, העכער פון די וואָלקנס. איך וואָלט דאָרט געשטאַנען איינזאַם און שטאָלץ.

עס איז אָנגענעמער צו האָבן פליגל, ווי פליען מיט אַן עראָפּלאַן. פאָרט בענזין און ער קאָן אויך קאַליע ווערן — מען דאַרף האַנגאַרן און נישט אומעטום קאָן מען זיך אַראָפּלאָזן. מען דאַרף רייניקן, זיך פאַנאַנדערלויפן. אָבער פליגל, אַז דו פליסט נישט, לייגסטו זיי איין, און אַ סוף.

ווען מענטשן זאָלן האָבן פליגל, וואָלטן די מלבושים געמוזט זיין אַנדערש. אין דער בלוזע וואָלטן פון הינטן געווען עפענונגען און די פליגל וואָלט מען געהאַלטן פון אויבן, אָדער אונטערן רעקל.

עס גייען זיך אַזוי צוויי יינגלעך — דאַכט זיך גאָרנישט — שמועסן. די זעלבע, וואָס האָבן ערשט פאַר אַ רגע אַרויסגע־

שמעקט די צינגער, כדי צו באַלעקן די נאָז, די זעלבע, וואָס האָבן ערשט זיך געיאָגט מיטן טראַמוויי. און איצט רעדן זיי וועגן פליגל פאַר דער מענטשהייט.

דערוואַקסענע מיינען, אַז קינדער קאָנען בלויז שטיפן און פלוי־דערן, אָבער זיי זאָגן פאָרויס די ווייטע צוקונפט, זיי אַמפּערן זיך וועגן איר און פירן וויכוחים. דערוואַקסענע זאָגן, אַז מענטשן וועלן קיינמאָל נישט האָבן קיין פליגל, אָבער אָט בין איך שוין געוועזן אַ דערוואַקסענער און איך זאָג, אַז מען קאָן האָבן פליגל.

אַלזאָ, שמועסן מיר, אַז עס וואָלט געווען אָנגענעם צו פליען אין שול אַריין און פון דער שול. אַרויסגעפליגן, און אַז איך ווער מיד, גיי איך אַ שטיקל וועג צופוס. אַמאָל רוען אָפּ די פליגל, אַמאָל די פיס.

מען וואָלט געקאָנט זיך אַרויסבייגן פון פענצטער און אויך אויפן דאַך זיך אַראָפּלאָזן — אַ פלי טאָן אין וואַלד אַריין אויף אַן אויספלוג. איבער דער שטאָט פליען מיר פּאָרווייז, און הינ־טער דער שטאָט לאָזט זיך יעדער, ווו ער וויל. אין וואַלד קאָנסטו גיין, וווהין דו ווילסט, און האָסטו פאַרלוירן דעם וועג, טוסטו אַ פלי אינדערהייך און קוקסט, ווו דער צוזאַמענפלי איז — און דו קאָנסט שוין נישט פאַרבלאָנדזשען.

— א יאָ, מוגדעק, עס וואָלט גוט געווען?

— אוודאי גוט.

און מענטשן וואָלטן געקריגן אַ שאַרפע ראיה. און מיר רעדן וועגן דעם, וואָס די וואַנדער־פייגל טרעפן צו זייערע דערפער און צו זייערע נעסטן. זיי האָבן נישט קיין מאַפּעס, קיין קאָמפּאַסן, און טרעפן דורך ימים און בערג און טייכן.

קלוגע פייגל, קליגער פאַרן מענטש. אָבער דער מענטש הערשט איבער אַלצדינג, אַלץ פאָלגט אים.

— אפשר איז עס דערפאַר, ווייל ער קאָן צום בעסטן דער־הרגענען, און נישט, ווייל ער איז דער בעסטער.

מיר האָבן זיך פאַרטראַכט, און מיטאַמאָל גייט פאַרביי עפּעס אַ יינגל — שוין אַ גרויסער שקאָץ — און וואַרפט מיר

אראָפּ דאָס היטל פון קאָפּ. ער האָט געהאַלטן אַ שטעקעלע און אַזוי אַ שאַר געטאָן פאַרן דאַשעק דאָס היטל פון קאָפּ אַראָפּ.

איך טו גלייך אַ שפּרונג צו צו אים:

— וואָס פאַרטשעפּעסטו?

— איך האָב דיר דען עפּעס געטאָן? — מאַכט ער זיך בלומרשט פאַרחידושט.

— האָסט מיר אַראָפּגעוואָרפן דאָס היטל.

— וואָס פאַר אַ היטל?

ער לאַכט חוצפּהדיק און לייקנט שטיין און ביין.

— האָסט אפשר נישט אַראָפּגעוואָרפן?

— אוודאי נישט. אָט זע, ער האַלט דיין היטל.

מונדעק האָט דערווייל אויפגעהויבן דאָס היטל און קוקט, וואָס דערפון וועט אַרויסקומען.

— ער האַלט אָבער, אַז דו האָסט עס אַראָפּגעוואָרפן.

— טראָג זיך אָפּ, ראָצער, אַ היטל וועל איך אים גאָר אַראָפּוואַרפן. איך האָב שוין נישט וואָס צו טאָן.

— אוודאי האָסטו נישט, גאַסן־יונג איינער. לאָזט נישט דורכגיין רואיק די גאַס.

— נאָר נישט גאַסן־יונג, פאַרשטייסט, וואָרום דו קאָנסט אַריינכאַפּן.

און ער האָט מיר אַ שטורכע געטאָן מיט דעם העלצל אונטער דער גאָמבע, איך ווידער האָב אַ כאַפּ געטאָן דאָס העלצל, אָט דאָס שטעקעלע, און צעבראָכן.

ער טוט זיך אַ לאָז צו מיר. איך שטיי.

— גיב אָפּ דעם שטעקן, אָדער באַצאָל.

ער האָט זיך אָנגעבויגן. ער איז העכער, האָב איך געטאָן אַ שפּרונג אונטער און מיט דער פויסט אין שטערן. אָבער דאָס היטל איז אים נישט אַראָפּגעפאַלן.

איך האָב גענומען שטעלן פיס, און מונדעק נאָך מיר. אַך, ווי מיר זענען געפלויגן.

— אָט האָסטו — טראַכט איך מיר — נאַכאַמאָל פאַרטשעפּע נישט, וואָרום פון אַ קליינעם קאָנסטו אויך אַריינכאַפּן, שאַלטיק איינער.

תחילת האָט ער אָנגעהויבן נאָכצויאָגן, אָבער ער זעט, אַז ער איז נישט גערעכט, אַז ער האָט נישט אָנגעטראָפן אויף קיין לעקיש — האָט ער אויפגעהערט. מיר האָבן זיך אָפּגעשטעלט — זיך צעלאַכט.

מיט אַ רגע צוריק בין איך געווען אַזוי אויפגעקאָכט, אַז דאָס בלוט האָט מיר פאַרגאָסן די אויגן. איך האָב אַלצדינג געזען אין אַ רויטן קאָליר. איצט איז ווידער פריילעך. איך שטויב אָפּ דאָס היטל מיטן אַרבל.

און מונדעק זאָגט:

— צו וואָס האָסטו מיט אים אָנגעהויבן?

— איך האָב מיט אים אָנגעהויבן, צי ער מיט מיר?

— נו יאָ, אָבער ער איז גרעסער,

— און אַז גרעסער, מעג ער שוין יעדן פאַרטשעפּען?

— און אויב ער וועט דיך מאָרגן דערקענען און אָנבוי־קערן?

ער וועט נישט דערקענען. ווי וועט ער דאַרט דערקענען? אָבער מונדעק איז גערעכט. איצט וועל איך מיך מוזן היטן. אָבער צי איז דאָס געהערט געוואָרן, אַז אין מיטן העלן טאָג זאָל מען אויף אַ גאַס צווישן מענטשן אַראָפּוואַרפן אַ היטל פון קאָפּ? — ווען מען זאָל דאָס אַזוי טאָן אַ דערוואַקסענעם, וואָלט שוין געווען אַ גאַנצער עסק — אַ צוזאַמענלויף, אַ פּאָלי־ציאַנט, נאָר ווייל אַ יינגל, איז גאָרנישט. צווישן קינדער זענען אויך פאַראַן אַוואַנטורניקעס, און מיר האָבן נישט קענען זיי קיין שום הילף, קיין שום שוץ — מוזן מיר זיך אַליין העלפן.

מיר שטייען אויפן ראָג, און עס איז אונדז אַ שאָד זיך צו צעשיידן, מיר האָבן דאָך געשמועסט וועגן עפּעס וויכטיקס, האָט ער אונדז געשטערט. געווען אַן אָנגענעמער שפּאַציר: אי זיך פאַרוויילט, אי געשמועסט, אי געהאַט אַן אַוואַנטורע.

אַצינד גיי איך שוין אַליין פּאַמעלעך און באַמי מיך צו שטעלן די טריט פּונקט אינמיטן פון די טראָטואַר־שטיינער. אַזוי ווי מען שפּילט אין קלאַסן: נישט אַרויפצוטרעטן אויף דער ליניע.

— עס וואָלט געווען גרינג, אָבער מ׳דאַרף אויסמיידן די פאַרביי־גייער; און ווידער באַלד אויף דער רגע מאַכן אַ שפּאַן אין דער זייט, כדי נישט אַרויפצוטרעטן אויף דער ליניע, געלינגט נישט

אַלעמאָל, אַלזאָ, מעג איך נישט אַריינטרעפן בלויז צען מאָל. אויב עס וועט זיין מער, האָב איך פאַרשפּילט. — איך צייל: איין מאָל נישט געלונגען — צוויי, דריי, פיר מאָל. — איך מעג נאָך — זעקס, פינף. איך האָב מורא, אָבער אַזאַ מין מורא אין שפּיל איז אָנגענעם.

בלויז אַכט מאָל האָב איך אַרויפגעטרעטן אויף דער ליניע און איך גיי אַריין אין טויער. נאָר פאַר דער קראָם האָב איך נאָך איבערגעשראָקן אַ קאַץ. די קאַץ איז אַריין אין טויער, איך נאָך איר. זי איז אָפּגעשפּרונגען אין אַ זייט און האָט געקוקט: זי האָט קאָמיש אויפגעהויבן אַ פיסל אינדערהויך.

— האָט מען דיך פאַרהערט פון עפּעס אין שול? — פרעגט די מאַמע.

— ניין.

איך האָב איר אַ קוש געטאָן די האַנט — האַרציק. די מאַמע האָט אַזש אויף מיר אַ קוק געטאָן און געגלעט דעם קאָפּ.

איך פריי מיך, וואָס דער דירעקטאָר האָט מיר מוחל געווען און וואָס איך האָב ווידער אַ מאַמע.

קינדער דאַכט זיך, אַז דערוואַקסענע דאַרפן נישט קיין מאַמע, אַז נאָר אַ קינד קאָן זיין אַ יתום. עס איז שוין אַזוי, אַז וואָס עלטער, אַלץ זעלטענער האָט מען עלטערן. אָבער אויך אַ דערוואַקסענער האָט נישט ווייניק מאָמענטן, ווען ער פאַרבענקט זיך נאָך דער מאַמען, נאָכן טאַטן, און עס דאַכט זיך אים, אַז נאָר די עלטערן וואָלטן געקאָנט אויסהערן, פאַרשטיין, אַן עצה געבן און העלפן, און אויב נייטיק — מוחל זיין און מיטפילן. אַלזאָ, אויך אַ דערוואַקסענער פילט זיך פאַריתומט.

איז אָט, אָפּגעגעסן מיטאָג: וואָס וועל איך איצט טאָן?

איך גיי אַראָפּ אויפן הויף. — פעלעק, מיכאַל, וואַצעק.

— שפּילן מיר אין יאַגד אויף חיות?

מיכאַל האָט אויסגעשניצט אַ רעוואָלווער, אָנגעמאָלט מיט טינט אויף שוואַרץ; אַרומגעקלאַפּט מיט טשוועקעס. ער האָט עפּעס ערגעץ געפּאַקט אַזעלכע טשוועקעס מיט גילדערנע קעפּ־לעך — עס הייסט, נישט ממש פון גאָלד — מעשענע, בליש־טשענדיקע. מיכאַל האָט אים גערופן: „דער זיגערישער רעוואָל־ווער“. כלומרשט האָט ער אים באַקומען אויפן שלאַכטפעלד

אַלס אויסצייכענונג פֿאַר העלדישקייט — דער גענעראַל אַליין האָט אים געגעבן פֿאַר אַ העלדישער טאַט. — כלומרשט, אַז נאָך דער שלאַכט האָט מען אויסגעשטעלט אין רייען דעם גאַנצן רעגימענט. דער אָרקעסטער שפּילט, פּענער פּלאַטערן, מען שרייט הייוואַט, אַ דעפּילאַדע, און דערנאָך זאָגט דער גענעראַל:

— דעם ראָזיקן רעוואָלווער האָט מיין עלטערזיידע דעראָ־בערט ביי די טערקן, און ער גייט איבער בירושה פֿון זון צו איי־ניקל. צוויי הונדערט יאָר איז ער געווען אין אונדזער משפּחה. און אַצינד, אַזוי ווי דו האָסט מיר אָפּגעראַטעוועט דאָס לעבן, זאָל ער דיר דינען.

אַזוי זאָגט מיכאַל.

אַמאָל זאָגט ער, אַז ביי ווין, אַן אַנדער מאָל — צעצאָרא, אָדער גאָר גרונוואַלד. אָבער דאָס איז נישט וויכטיק. — איצט, ווען איך בין ווידער אַ קינד, דאַכט זיך מיר, אַז עס איז נישט וויכטיק, וואָס אַ מענטש ווייסט, נאָר ווי אַזוי ער פֿילט דאָס אין זיך, ווען איך בין געווען אַ לערער, האָבן איך אַנדערש גע־טראַכט.

נו הייסט עס, מיכאַל וועט זיין אַ יעגער, פֿעלעק — אַ האָז, און איך מיט וואַצעקן — הינט.

מיר זענען נישט באַלד געקומען צו אַ באַשלוס. תּחילת האָט געזאָלט זיין אַ גאָכגעיעג אויף אַ באַנדיט, איך האָב גע־וואָלט, אַז אַן עקספּעדיציע צו עסקימאָסן.

ס'איז זעלטן, אַז אַלע זאָלן האָבן איין דעה. טיילמאָל טרעפֿט, אַז עמעצן גלוסט זיך נישט אַזוי שטאַרק צו שפּילן, איז דאַרף מען אים נאָכגעבן אויף צוצוגעבן חשק. אין עסקימאָסן ווילן זיי נישט, ווייל ס'איז נישטאָ קיין שניי, און אין באַנדיטן דערלויבט נישט מיכאַל.

— ווען מיר האָבן זיך פֿריער געשפּילט, האָט איר מיר אַראָפּגעריסן דעם אַרבל.

נישט אַראָפּגעריסן, נאָר ער איז געווען שוואַך צוגענייט, האָט זיך דער פֿאָדעם אויסגעריבן. וואָרום מיכאַל איז געווען אַ געפֿערלעכער באַנדיט, מיר האָבן אים באַדאַרפֿט אַראָפּפֿירן אין קעלער און אומברענגען. ער האָט זיך אַרויסגעריסן און גע־

קאָנט אַנטלויפן, איז האָבן מיר שוין נישט געקאָנט אינזינען האָבן דעם אַרבל.

די שפּיל אין אַ האָז איז רואיקער — דאָס איז אמת, און אויב זי גערעט, קאָן זי זיין זייער אינטערעסאַנט.

דער עיקר אין שפּיל איז, מיט וועמען מען שפּילט. ס'איז פאַראַן אַזעלכע ווילדע, אַז מען ווייסט לכתחילה, אַז עס וועט זיך ענדיקן מיט עפּעס אַ צרה. אַזאַ איינער וועט נישט קוקן אויף קיין זאַך, אבי אויספירן זיינס, אַז ער האָט געוווּנען. מיט אַזעלכע איז בכלל נישט אָנגענעם צו האָבן צו טאָן, וואָרום מען דאַרף זיך היטן. מען נעמט אים אַריין אין שפּיל, ווייל אַנישט שטערט ער, אָבער מען שטעלט אים באַדינגונגען. — אומאָנגענעם איז אויך זיך צו שפּילן מיט איינעם, וואָס האָט ליב זיך צו קריגן, ביי יעדער קלייניקייט הייבט ער זיך אָן צו קריגן אָדער באַליידיקט זיך. יינגלעך באַליידיקן זיך זעלטענער, נאָר מיידלעך אָפט. — ביים אינטערעסאַנטסטן אָרט וועט ער זיך צו עפּעס וואָס צוטשעפּען:

— ניין, דאָס שפּיל איך נישט.

מעגן אַלע זאָגן, אַז ער איז נישט גערעכט, ער בלייבט ביי זיינס. אויב עס איז מעגלעך, גיט מען אים נאָך, כדי נישט קאַליע צו מאַכן די גאַנצע שפּיל, אָבער עס פאַרדריסט זייער.

דערוואָקסענע קאָנען נישט פאַרשטיין.

זיי טוען זיך אַ זאָג:

— גייט זיך שפּילן. פאַרוואָס שפּילט איר זיך נישט מיט אים? איר האָט זיך שוין גענוג געשפּילט.

און זיי זענען אין כעס, וואָס מיר פאָלגן נישט.

נו, אדרבא, ווי אַזוי זיך שפּילן מיט אַ שלימזל, וואָס וועט זיך באַלד איבערקערן, זיך צעוויינען און לויפן זיך באַקלאָגן. אָדער מיט אַ שוטה, וואָס פאַרשטייט גאָרנישט און וועט ביים סאַמע וויכטיקסטן עפּעס קאַליע מאַכן?

ווי אַזוי קאָן מען עס פּלוצלינג איבעררייסן אַ שפּיל און נישט ווּיסן, ווי אַזוי זי וואָלט זיך געענדיקט.

אַ שפּיל מוז זיין גוט מאָטירט, און דאָס געראָט נישט תמיד, איז אויב עס געראָט שוין יאָ, וואָלט מען דאָך וועלן געניסן.

איז הייסט, שפּילן מיר זיך אין יאַגד אויף חיות.

דער האָז איז עטלעכע מאָל דורכגעלאָפן איבערן הויף, אָבער די הינט פאַרלויפן אים דעם וועג פון ביידע זייטן. איז טוט ער אַ שפּרונג אַריין אין אַ פאָרהויז, איך נאָך אים. איך שטיי און שפּיר נאָך, צי ער איז אַרויפגעלאָפן אידערהייך איבער די שטיגן, אָדער אַראָפּ אין קעלער. — עס דאַכט זיך מיר, אַז פון קעלער קומט עפּעס אַ שאָרך. איך פאַרגנבע מיך אַראָפּ, דאָרט איז פינצטער.

אַ האָז לויפט כמעט תמיד אַראָפּ אין קעלער, וואָרום אין דער פינצטער איז לייכטער זיך איינצוזאָרגן און זיך אַרויסצו־דרייען. און אויב ער האָט געוואָלט אַ רואיקע שפּיל, איז אויך בעסער אין קעלער אַראָפּ. וואָרום דאָך איז פאַראַן אַ שטיקל מורא, דערצו דאַרף מען אַכטונג געבן, מען זאָל נישט אויף עמעצן אַרויפשפּרינגען.

פאַראַיאָרן האָט אָלעק דורך אַ האַסטיקער באַוועגונג אַראָפּ־געוואָרפן פון די שטיגן יוזעקס מאַמע מיט אַ קוישל קוילן. איך בין דעמלט געווען אַ דערוואַקסענער און איך געדענק אפילו, ווי איך בין געוואָרן אויפגעקאָכט, וואָס די יינגלעך דערלויבן זיך שוין צופיל, און דער הויזוועכטער טרייבט זיי צו ווייניק מיטן בעזים אַראָפּ פון הויף. אַ צעלאָזענע חברה און די לאָקאַטאָרן האָבן נישט קיין מנוחה. נאָך אַ גליק, וואָס די פרוי האָט זיך גאָרנישט געטאָן, בלויז די הויט אויף אַ פוס זיך צעקראַצט; אָבער עס האָט געקאָנט זיין ערגער.

מיר האָבן געהאַט גרויס מיטגעפיל פאַר יעדן בייל, אָדער בלויפלעק ביי אַ דערוואַקסענעם, אָבער אַז דאָס טרעפט אַ קינד, זאָגן מיר:

— גוט אַזוי, נאָכאַמאָל זיי נישט צעלאָזן.

גלייך ווי אַ קינד זאָל ווייניקער פילן, זאָל האָבן אַן אַנדערע הויט ווי זיי.

און ס'איז נאָך גוט, אויב מען מאַכט נאָר בלויז חוזק, כאָטש אויך דאָס פאַרדריסט. וואָרום עס טוט דיר ווי, האָסט זיך איבערגעשראָקן, און זיי וויצלען זיך. — עס טרעפט ערגער: מען שרייבט אָן. זיי ווייסן, אַז נישט בכיוון, וואָרום ווער וועט זיך דאָס וועלן אַליין צעמזיקן, און אויסזען זעט עס אויס, ווי דיקא

אויף זיי צו־להכעיס צעקלאַפּסטו זיך, אָדער צעקאַליעטשעסט זיך.

אַצינד פאַרשטיי איך שוין, אַז אויב איך בין אַ יאַגד־הונט, און אין קעלער האָט זיך באַהאַלטן אַ האָז, און דיזרצו קאָן ער נאָך פאַרשווינדן אין דער פינצטערניש — טאָר איך נישט אַראָפּגיין טריט ביי טריט, נאָר איך מוז איינס צוויי — איבער דריי שטיגן מיטאַמאָל, ווען אפילו איך זאָל דערביי מיך מוזן אויסגליטשן און ברעכן דעם קאָפּ, אָדער זיך אַרונטערגנע־מען אונטער דער הויט אַ שפּענדל פון דעם שטיגן־אָנלען. איך ריזיקיר דאָן, אָדער בעסער געזאָגט, איך גיב מיר גאָרנישט אָפּ קיין רעכענונג, וואָרום איך וויל אים כאַפּן. טרעפט דען נישט, אַז אַ הונט טוט זיך פון אימפּעט אַ טראַסק אין אַ בוים אין וואַלד און צעשמעטערט זיך דעם קאָפּ. און אַ הונט האָט דאָך פיר לאַפּעס, בעת איך האָב בלויז צוויי.

איך בין אַ הונט און איך ביל און וואָיע, וואָס איך האָב פאַרלוירן די שפּורן. ווען איך בין געווען גרויס, האָב איך גע־האַט אַ גראָב קול און שוין נישט געקאָנט נישט בילן, נישט קרייען ווי אַ האָן, נישט קוואָקען ווי אַ הון. אַצינד האָב איך ווידער באַקומען אַ פריש קינדעריש קול און איך ביל ווי פריער.

שטיי איך אַזוי און שטיי — טו אַ שנאַפּ און אַראָפּ אין קעלער. און וואַצעק נאָך מיר. פּלוצלינג אָבער טוט דער האָז אַ פלי אַראָפּ איבער אונדזערע קעפּ פון בוידעם־קעמערל אַרויס אויפן הויף.

איך האָב אַ ביל געטאָן פאַר אַנטוישונג און זיך אַ לאָז געטאָן נאָך אים.

מיר האָבן אויסגענומען אַ תנאי, אַז אויף דער גאַס אַרויס טאָר מען נישט, אָבער אויפן הויף איז ענג, אַזוי אַז ווי נאָר דער האָז האָט עטלעכע מאָל אַרומגעקרייזט, זענען אים שוין די הינט און דער יעגער פאַרלאָפן דעם וועג פון דער זייט. נו, האָט דער האָז זיך אַ לאָז געטאָן צום טויער.

— מען טאָר נישט!

אָבער גיי רעדט מיט אַ האָז, בעת ער ראַטעוועט זיך דאָס לעבן, ווייסט און וואָס ער מעג. ער ראַטעוועט זיך דאָס לעבן. און אויב מיר ווילן זיך שפּילן, וועלן מיר דאָס פאַרשטיין.

פאַר דעם שפּילן נעמט מען תמיד אויס אַ תנאי, וואָס מען מעג, אָבער עס איז שווער זיך צו האַלטן ביי תקנות בעת אַ סכנה.

אויב מיר זענען מיד, אָדער עס איז נישטאָ קיין גרויס חשק זיך צו שפּילן, אָדער עמעצער טוט עפּעס אַ זאַך, וואָס מען מאָר שוין לחלוטין נישט — דעמלט רייסט מען איבער די שפּיל און עס הייבט זיך אָן אַ קריגערייַ. נישט קיין אמתע קריגערייַ, נאָר אַזוי זיך, כדי אָפּצורוען אַ ביסל, אָדער עפּעס ענדערן אין דער שפּיל, אַריינפירן עפּעס אַן אויסבעסערונג. איינעם וואַרפט מען אַרויס פון שפּיל, אַן אַנדערן נעמט מען אַריין, אָדער אַ הונט ווערט אַ האָז, אָדער מען ענדערט דאָס, צי יענץ. אָדער עמעצער געפינט אויס אַ נייע שפּיל,

און דערפאַר מאַקע איז ליבער זיך צו שפּילן אַליין, אָן דערוואַקסענע. אַ דערוואָקסענער זאָגט באַלד אין פאָרויס, ווי אַזוי עס דאַרף זיין. ער קלייבט אַליין אויס, וואָס יעדער איינער האָט צו זיין, און ער יאָגט אונטער, ווי עס וואָלט אים אַ שאָד געווען די צייט. אָבער אינדערואמתן קען ער דאָך נישט גוט די יינגלעך.

אויף אָפּרוען איז גוט אַ ביסל זיך דורכצוווערטלען.

מען נעמט זיך צוזאַמען אין אַ רעדל און מען פּלוידערט. טיילמאָל רואיק און טיילמאָל אין כעס.

אויב עס טרעפט, אַז עמעצער צעקלאַפּט זיך, אָדער עס פּלאַצט אים עפּעס (פון אָנטועכץ) לייגט מען אַרויף די גאַנצע שולד אויף יענעם, וואָס האָט געמאַכט אַנדעריש, ווי מען האָט אָפּגערעדט.

— איבער דיר.

ער פאַרענטפערט זיך, אַז נישט, אָבער ער פילט זיך שולדיק. און מיר ווייסן, אַז עס איז פיינלעך זיך מודה צו זיין אין שולד, סיידן אַז ער דערלויבט זיך שוין צופיל, אָדער איינער זעצט זיך צו־פיל אָן.

— נו, נענגוג.

— איז שפּילן מיר זיך, צי ניין?

— גו, גוט, זאָל שוין זיין. איז הייבן מיר אָן.

— הערט זיך אויף צו קריגן.

— ווער עס וויל נישט, קאָן זיך אַוועקגיין.

האָט, הייסט עס, דער האָז זיך אַ לאָז געטאָן צום טויער און אַרויס אויף דער גאַס, און מיר נאָך אים. ער איז אַריבער אויף דער אַנדערער זייט און מיר נאָך אים. אונדז איז לייכטער, וואָרום ווען איינער בלייבט הינטערשטעליק, לויפט אַ צווייטער אונטער פון דער זייט און פאַרשטעלט דעם וועג. מיר האָבן אַ גלייכן וועג, און ער לויפנדיק מיט זיגזאַגן מוז אָנלייגן וועג. אָבער מיר האָבן גוט אויסגעקליבן, וואָרום דער האָז איז עלטער פון אונדז מיט אַ צוויי יאָר, איז שטאַרקער און לויפט גיכער. מיר וועלן אים סוף־כל־סוף כאַפּן, אָבער די גאַנצע קונץ איז, ווי לאַנג איז, ווי לאַנג ער וועט זיך פאַרטיידיקן.

און מיר האָבן אים געכאַפּט אַזש אויפן דריטן שטאָק. ער איז געווען פאַרמאַטערט, קוים געאָטעמט. מיר האָבן אים געכאַפּט אַ לעבעדיקן, ער האָט זיך שוין אפילו נישט פאַרטיידיקט — ער האָט זיך אַליין אונטערגעגעבן.

האָבן מיר זיך אַוועקגעזעצט ביי די שטיגן און געשמועסט. מיר זענען אויך געווען פאַרמאַטערט, וואָרום מיר זענען דאָך געלאָפן איבער די טרעפּ אַרויף. אָבער מיר האָבן זיך אַליין געהאַט געגעבן דאָס וואָרט, אַז זאָל זיין, וואָס עס וויל, וועט ער זיך שוין פון אונדז נישט אַרויסדרייען; אַז מיר מוזן אים פּאַקן.

ער וואָלט זיך אפשר געקאָנט באַהאַלטן אין אַ שטוב, אַריין אין דער נאָרע. האָט ער אָבער נישט געוווינט ביי די דאָזיקע שטיגן.

און ער זאָגט:

— ווען כ'זאָל געווען וועלן, וואָלט איר מיך נישט געכאַפּט.

זאָגן מיר, אַז ער האָט דאָך שוין נישט געקאָנט אַנטלויפן.

זאָגט ער:

— ווען כ'זאָל געווען וועלן, וואָלט איך געקאָנט.

מיר האָבן אויך געקאָנט גיכער כאַפּן, נאָר נישט געוואָלט זיך אינגאַנצן פאַרמאַטערן. — און אויף דיר איז אונדז אויך געווען אַ רחמנות.

— יאָ, אַ רחמנות. — אַז איר האָט מיך נישט געלאָזט קיין איין רגע אָפּרוען. אפילו אַן אמתער הונט יאָגט נישט אַזוי.

— פאַרוואָס זשע ביסטו אַרויסגעלאָפן אויף דער גאַס, ווען מיר האָבן אויסגענומען, אַז נישט?

— טאָ איז וואָס? ווהין האָב איך געזאָלט אַנטלויפן?
— האָסט זיך דאָך געקאָנט אונטערגעבן.
— חכם איינער. האָסט באַדאַרפט שיסן. ווען דו זאָלסט מיך געווען פאַרווונדן, וואָלסטו מיך געפּאַקט. האַלט אַ רעוואָלווער און שיסט נישט.

אמת: מיכאַל האָט באַדאַרפט שיסן, איז ער גאָר אויך נאָכ־געלאָפן, ער האָט פאַרגעסן, אַז ער איז אַ יעגער, נישט קיין הונט. דאָס איז געווען אַ טעות. ווען ער זאָל געווען שיסן, וואָלט פּע־לעק אַנידערגעפאַלן; היות ער איז שוין געווען זייער פאַרמאַ־טערט, וואָלט ער זיך געווען אונטערגעגעבן מיט כבוד. מיכאַל איז צערייצט.

— אין צעצאָראַ האָט ער באַקומען אַ רעוואָלווער פון סאַמע קעניג, און צו אַ האָז קאָן ער נישט שיסן. — אַ העלד.

מיכאַלן איז געוואָרן אומהיימלעך.

— אַז דו וועסט חוזק מאַכן, וועל איך דיר שוין גאָרנישט דערציילן.

וואַצעק האָט זיך דערשראָקן, אַז ער וועט ברוגז ווערן, פאַר־רעדט ער אים:

— געדענקסט, ווען מיר האָבן זיך געשפּילט אין טיגערס, און דו ביסט אַנטלאָפן פון צירק, און איך בין געווען דער דרע־סירער?

מיר האָבן אָנגעהויבן צו שמועסן פון דרעסירטע חיות, פון וואָס יעדער איינער האָט געזען. פון לייבן, וואָס שפּרינגען דורך פייער־רייפן, פון העלפאַנט, וואָס איז געפאָרן אויף אַ וועלאָסי־פעד, וועגן מאַלפּעס און הינט.

וועגן הינט איז אינטערעסאַנט צו שמועסן, וואָרום יעדער האָט זיי אַליין געזען, בעת וועגן אַנדערע חיות האָט מען מער געהערט און געלייענט.

פּעלעקס פעטער האָט אַ הונט, וואָס שטעלט זיך אויף צוויי פיס, אַפּאָרטירט, מאַכט זיך געפּגרט און לאָזט זיך נישט אָנרירן. און דאָ איז אַ זעלנער געקומען צופאָרן אויף אורלויב און געהאַט אַ געלערנטן הונט. ער האָט אויפן הויף מיט אים געמאַכט פאַרשי־דענע קונצן. ער האָט געוויזן די יינגלעך אַ באַגנעט און דערציילט וועגן מאַשינביקסן און באָמבעס.

— ווען עס זאָל זיין אַ מלחמה, וואָלט איך באַלד געגאַנגען ווי אַ פרייוויליקער.

— פרעג, צי מען וואָלט דיך אָנגענומען?

צו קליין.

אַ זיפּן.

מיר האָבן גערעדט וועגן וואַסער־טויכער, אַז זיי האָבן פליס־פעדערן ווי קאַמשקעס, און זיי ראַטעווען זיך־טרינקענדיקע. — און וועגן דערטרונקענע. עס איז שוין פינצטער געוואָרן. און עס איז אַ פחד צו רעדן.

— דער לערער האָט געלייענט אין שול וועגן עסקימאָסן.

מיר שמועסן וועגן עסקימאָסן און וועגן דער שול.

ווי גוט וואָלט געווען, ווען אמתע רייזנדע, דערפינדער און מיליטער־לייט וואָלטן דערציילט אין די שולן, וואָס זיי טוען און וואָס זיי האָבן געזען.

— איינמאָל האָט די לערערין דערציילט וועגן איר אויס־פלוג אין די טאַטרען. וואָס פאַר אַ שטורעם עס איז געווען, דו־נערן. מען רעדט גאָר אַנדערש, אויב מען זעט אַ זאַך, און אַנ־דערש פון די ביכער אַרויס. עס איז וויניקער אינטערעסאַנט.

— נו, יאָ, רייזנדע דערציילן, אָבער פאַר דערוואַקסענע. אַזעל־כע באַרימטע לייט וועלן באַלד גיין דערציילן פאַר קינדער. עס לוינט נישט.

מיר זענען שטיל געוואָרן. דער הויזוועכטער האָט אָנגע־צונדן ליכט אויף די שטיגן. ער דערזעט אונדז און נעמט טרייבן:

— וואָס טוט איר דאָ אין דער פינצטער? מאַרש אַהיים!

און ער קוקט זיך עפּעס אַזוי אַרום מיט חשד, ווי מיר זאָלן דאָ האָבן זיכער געטאָן עפּעס אַ זאַך, וואָס מען טאָר נישט. ער האָט אוודאי געמיינט, אַז מיר רויכערן פּאַפּיראָסן, וואָרום ס'איז געלעגן אַ שוועבעלע. ער כאַפּט אַ קוק דאָ אויפן שוועבעלע, דער־נאָך אויף אונדז און אַזוי כסדר.

אפשר האָט זיך אונדז בלויז, אָבער אומצופרידן איז זייער אומאָנגענעם. און נאָך האָבן זיי אַ טבע צו דערליידיקן בלעריי זאַכן, בעת עס מאַכט זיך אַ געלעגנהייט. אויב זיי זעען נישט, איז נאָרנישט, נאָר טאָמער דערזעען זיי, איז תמיד:

— פאַרשפּיליעווע דאָס קנעפּל; פאַרוואָס האָסטו פאַרבלאָ־
טיקטע שיך; האָסט געמאַכט די לעקציעס; ווייז די אויערן; שנייד
אָפּ די נעגל.

און דאָס לערנט אונדז ביסלעכווייז זיי אויסצומיידן, זיך צו
באַהאַלטן — אפילו ווען מיר האָבן גאָר קיין שלעכטס נישט גע־
טאָן. און אויב זיי טוען צופעליק אויף אונדז אַ קוק, וואַרטן מיר
באַלד אויף עפּעס אַ באַמערקונג. אפשר דערפאַר האָבן מיר נישט
ליב קיין חניפהניקעס. אפשר איז עס גאָרנישט קיין חניפהניק,
נאָר ער דרייט זיך צופיל צווישן דערוואַקסענע, האָט נישט קיין
מורא פאַר זייער בליק, איז ער ווי אויף זייער זייט.

ווען איך בין געווען אַ לערער, האָב איך אויך געטאָן אַזוי.
איך האָב געמיינט, אַז עס איז גוט אַזוי, וואָס איך זע אַלצדינג
און באַמערק יעדע קלייניקייט. אַציגד אָבער נישט: אַ קינד דאַרף
זיך פילן פריי, בעת איך קוק דערויף. און אויב איך וויל עפּעס
זאָגן, דאַרף דאָס נישט זיין ווי דרך־אגב, נאָר ווי מען וויל באמת
עפּעס זאָגן.

איז זיצן מיר אויף די שטיגן אין דער פינצטער. ווי אַזוי דען
זאָלן מיר זיצן, אויב עס איז נישט אָנגעצונדן קיין ליכט? —
מיר שמועסן. אָבער אויב מיר וועלן זאָגן, אַז מיר שמועסן, וועט
מען אונדז אוודאי זאָגן:

— וועגן וואָס אַ שטייגער קאָנט איר דאָרט שמועסן?
מסתמא וועגן שטותים?

אמת, נישט וועגן חכמות. אַזוי זיך. אָבער צי רעדן דער־
וואַקסענע תמיד הוילע חכמות? פאַרוואָס באַלד דער ביטול?

די דערוואַקסענע דאַכט זיך, אַז זיי קענען אונדז גוט. וואָס
פאַר אַ גרויסע הריפות קאָן דאָרט שטעקן אין אַ קינד? עס האָט
ווייניק געלעבט, עס ווייסט ווייניק, עס פאַרשטייט ווייניק. — וואָ־
רום יעדער פאַרגעסט דאָך, ווי אַזוי ער איז געווען אַ קינד און
מיינט, אַז ערשט איצט איז ער דער גרעסטער חכם.

— מאַרש אַהיים, געגאַנגען!

מיר זעגנען זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען אָן חשק, פּאַמעלעך, טריט
ביי טריט. כדי ער זאָל נישט מיינען, אַז מיר האָבן פאַר אים
מורא. וואָרום אויב מיר זאָלן דווקא וועלן בלייבן און טאָן, וואָס

מען טאָר נישט, וואָלט ער אונדז נישט געקאָנט דערהיטן. אויב נישט דאָ, איז ערגעץ אַנדערש, אויב נישט אַצינד, איז שפּעטער.

אינדערהיים איז די וועטשערע נאָך נישט געווען פֿאַרטיק, האָב איך מיך אָנגעהויבן שפּילן מיט אירענקען.

וואָרום איך האָב אַ קליין שוועסטערל. יאָ, אַ מאַמען, אַ טאַטן, און די קליינע אירענקע.

מיר שפּילן זיך, אַז איך פֿאַרמאַך די אויגן, פֿאַרשטאָפּ די אויערן און דריי מיך אויס צו דער וואַנט, און זי באַהאַלט די ליאַלקע, און איך זוך. ווען איך געפֿין, וויל איך כלומרשט נישט אָפּגעבן, נאָר האַלט זי הויך איבערן קאָפּ. זי ציט מיך פֿאַר דער האַנט און שרייט:

— גיב אָפּ די ליאַלקע, גיב אָפּ, גיב אָפּ.

זי מוז זאָגן: „גיב אָפּ די ליאַלקע" פּונקט אָדער צוואַנציק מאָל, וואָרום דאָס איז דער אויסקויף. אויב איך האָב באַלד געפֿונען, איז ווייניקער, אויב אָבער איך האָב מיך לאַנג געמאַטערט, איידער איך האָב געפֿונען, איז מער.

איינמאָל האָט זי באַהאַלטן די ליאַלקע אונטערן קישן; איך האָב זי באַלד געפֿונען. האָט זי צען מאָל געשריגן:

— גיב די ליאַלקע.

דאָס צווייטע מאָל האָט זי באַהאַלטן אין קעשענע פֿון פּאַלטן. דאָס דריטע מאָל הינטער דער שאַנק. דאָס פֿערטע מאָל אונטערן בעט. אָבער אַז זי האָט באַהאַלטן אין אַ טאָפּ, האָב איך לאַנג געזוכט, און זי האָט געמוזט שרייען דרייסיק מאָל:

— גיב אָפּ די ליאַלקע.

און זאָל מען נישט מיינען, אַז דאָס איז גלאַט עפּעס אַ נאַרישע, קינדערשע שפּיל. אַנטדעקן אַ סוד, געפֿינען דאָס באַהאַלטענע, ווייזן, אַז מען קאָן נישט באַהאַלטן אַזוי, אַז מען זאָל נישט קאָנען געפֿונען. וואָס שווערער עס איז איינצונעמען, אַלץ ליבער איז דער זיג. צי דאָס איז דער אמת ביי דערוואַקסענע, אַן אַנטדעקונג, אַ דערקענטעניש — צי אַ ליאַלקע אין טאָפּ, אָדער אונטערן קישן. די גאַנצע נאַטור — דאָס איז אירענקע, וואָס באַהאַלט די ליאַלקע, און די האַרטנעקיקע זוכנדיקע מענטשהייט — דאָס בין איך, דאָס קליינע ייִנגל. — דאָרט האָב איך גע־אָגט אַ האָז דורך

מיין לייכטקייט פון די פיס און פלינקן לויף, דאָ פּאַק איך די ליאַלקע דורך חריפות, אויפמערקזאַמקייט, עקשנות.

וואָס פאַר אַן אַנדערע זאַך טוען מיר אין לעבן, וואָס טוט די גאַנצע מענטשהייט? — מיר יאָגן זיך נאָך האָזן און מיר זוכן ליאַלקעס.

איך בין שוין אפילו פאַרמאַטערט פון דעם דאָזיקן לאַנגן טאָג, און וועלכן איך האָב אַזויפיל איבערגעלעבט.

איך האָב אָפּגעגעסן וועטשערע, כ'וויל גיין שלאָפן וואָס פריער.

— וואָס ביסטו עפּעס אַזוי רואיק? — פרעגט מיך דער טאַטע. — האָסט שוין עפּעס אָפּגעטאָן אין שול?

— ניין — זאָג איך — דער קאָפּ טוט מיר וויי.

— אפשר געבן דיר אַ לימענע? — זאָגט די מאַמע.

איך האָב מיר בלויז געוואַשן די הענט און דאָס פּנים, גיך זיך אויסגעטאָן, איך ליג מיט פאַרמאַכטע אויגן.

עס האָט זיך געענדיקט דער ערשטער טאָג, וואָס איך בין ווידער קליין. וויפל עס האָט זיך אַלץ אָפּגעטאָן אין דעם איינעם טאָג. איך האָב פאַרצייכנט בלויז אַ טייל: דאָס וואָס האָט זיך גראָד אויפגעמישט אין זכרון; וואָס האָט לענגער געדויערט. אויב די איינדרוקן פאַרפלייצן איינעם ווי אַ פרילינגדיקער שלאַקסרעגן, צי קאָן ער פאַרגעדענקען און באַשרייבן אַלע רעגן־טראָפּנס? צי קאָן מען איבערציילן די צעוויגטע כוואַליעס פון אַן אויפשטייגנדיקן טייך?

איך בין געווען אַן עסקימאָס און אַ הונט, איך האָב נאָכגע־יאָגט און בין אַנטלאָפן פון נאָכגעיעג, אַ זיגער און אַן אומשולדי־קער קרבן פון צופאַל, אַ קינסטלער און פילאָזאָף — דאָס לעבן שפּילט מיר ווי אַ קאַפּעליע. איך פאַרשטיי איצט, פאַרוואָס אַ קינד קאָן זיין אַ רייפער מוזיקער, און ווען מיר וועלן אויפמערקזאַמער באַטראַכטן זיינע צייכענונגען און זיינע רייד, בעת עס באַקומט ענדלעך צוטרוי צו זיך און הייבט אָן רעדן, און מיר וועלן באַ־נעמען זיין פאַרענדערלעכן אָבער דערהויבענעם ווערט — וועלן מיר געפונען אין אים דעם מייסטער פון געפילן, דעם פּאָעט, מאָ־לער — דעם אַרטיסט. דאָס וועט אַמאָל קומען. אָבער מיר זענען

נאָך נישט דערוואַקסן דערצו. מיר שטעקן צו טיף אין דעם מאַ־טעריעלן לעבן.

איך האָב געמאַכט אַ רייזע צום לאַנד פון אייביקן שניי, פאַרוואַנדלט אין אַ הונט, האָב איך געשטשירעט די ציין — און נאָך, און נאָך און נאָך.

ווען איך האָב זיך געשפּילט מיט אירענקען, איז די ליאַלקע נישט געווען קיין ליאַלקע, נאָר אַ קרבן פון אַ פאַרברעכן, אַ באַ־האַלטענער מת, וואָס איך בין מחויב געווען אויפצוזוכן. ווען איך האָב זי געפונען, האָב איך זי אָנגענומען פּאָרזיכטיק ווי אַ טויטע.

די ליאַלקע איז געווען אַ דערטרונקענער, און איך אַ פישער. איך בין געגאַנגען דורכן צימער מיט צעוויגטע טריט. איך האָב באַוועגט די הענט ווי מיט אַ נעץ.

די ליאַלקע איז געווען אַ באַנדיט: וווּ קאָן ער זיך דאָס באַ־האַלטן? איך גיי דורכן צימער פּאָרזיכטיק, איך גנבע זיך אונטער, ער זאָל מיך נישט מקבל פּנים זיין מיט אַ טויט־שאָס.

נישט אין דער פּאַלטן־קעשענע, און נישט אונטערן קישן איז זי געלעגן, נאָר אין אַ טיפן וואַלד. אין אַן אונטערערדישער הייל, אין אַ זומפּ, אויפן דנאָ פון ים. איך האָב זי אַ כאַפּ געטאָן גראָב, טרייסלענדיק זי.

איך האָב אירענקען גאָרנישט געזאָגט, וואָרום זי איז צו קליין, זי וועט דעריבער סיי ווי סיי נישט פאַרשטיין. דאָס אַלצ־דינג איז געווען בלויז מיין אייגענע שפּיל.

איך האָב פאַרגעסן צוצוגעבן, אַז גראָד איז די מאַמע אַריינ־געקומען און געזאָגט:

— גיב איר אָפּ די ליאַלקע. וואָס רייצסטו זיך מיט איר?

— מיר שפּילן זיך אַזוי — האָב איך געענטפערט.

— דו אפשר שפּילסט זיך, אָבער זי כעסט זיך: אויף די שטיגן הערט מען אירע קולות.

איך האָב אויך דורכגעלאָזט, אַז אין קעלער אין אַ ווינקל האָט זיך מיר אויסגעדאַכט עפּעס אַ ווייסע זאַך, ווי אַ מענטשל אָן אַ קאָפּ אין תכריכים. און בעת איך בין געלאָפן פון קעלער, האָב איך אַ קורצע רגע נישט נאָכגעיאָגט דעם האָז, נאָר אַנטלאָפן פאַרן געשפּענסט. עס האָט געדויערט אַ רגע, אָבער ווי געהאַמערט

עס האָט אין דער ברוסט, און פאַר די אויגן האָבן אַ שווינדל געטאָן דריי שוואַרצע בליצן.

איך האָב נישט פאַרצייכנט, ווי איך האָב בשעת דער לעקציע געוואָלט טרינקען. און דער לערער האָט נישט דערלויבט אַרויסגיין.

— באַלד וועט זיין דער קלונג, וועסטו טרינקען.

ער איז געווען גערעכט. אָבער איך בין אַ קינד, איך האָב אַצינד אַן אַנדערן זייגער, און מעסט אַנדערש די צייט, גאָר אַנדערש איז מיין קאַלענדאַר. מיין טאָג איז אַן אייביקייט, וואָס טיילט זיך אויף קורצע רגעס און לאַנגע יאָרהונדערטער. נישט קיין צען מינוט בין איך געווען דורשטיק.

— ווען וועט שוין זיין דער קלונג? — וואָרום איך לייד דאָך. איך האָב אַ פייער אין מויל. אין די אויגן און מוח אַ ברענונג. איך לייד באמת. וואָרום איך בין אַ קינד.

איך האָב נישט פאַרצייכנט, אַז בעת דער הפסקה האָט מיר אַ חבר דערלויבט צו שפּילן אויף זיין נייער האַרמאָניקע — בלויז נאָר פּרווון, צי זי איז גוט. וואָרום ער האָט זי אויסגעליובט פאַר דער בעסטער — זי זשאַווערט נישט — האַלט זיך לאַנג. איך האָב געשפּילט אפשר אַ מינוט, איין מאָל, אָפּגעווישט אין רעקל, אָפּגעגעבן. און שוין.

אייגנטלעך, נישט שוין. וואָרום אויב ער וועט די דאָזיקע האַרמאָניקע פאַרלירן, אויסטוישן, פאַרקויפן, אָדער קאַליע מאַכן, און איך וועל האָבן אין אַ האַלב יאָר אַרום, און ער וועט בעטן ביי מיר — וועל איך געדענקען און אים אויך לאָזן שפּילן. און אויב איך זאָל נישט לאָזן, וואָלט ער געהאַט רעכט צו זאָגן:

— זע, ווער דו ביסט. איך דיר האָב יאָ דערלויבט.

אַזעלכע טובות געדענקט מען, אויב מען וויל זיין אַן אָרנטלעכער מענטש.

איך האָב אויך נישט דערמאָנט, אַז איך האָב אַ צו לאַנגן פאַלטן, אויף אויסצוואַקסן. ער האָט מיר געשטערט, ווען איך בין נאָכגעלאָפן דעם טראַמוויי. כל־זמן איך וועל נישט אויסוואַקסן, וועט ער מיר תמיד שטערן, ווען איך וועל אים אָנטאָן.

ווידער נישט קיין קלייניקייט, וואָס וועט דויערן, ווער ווייסט ווי לאַנג: אַ האַלב יאָר, אַ יאָר, אַן אייביקייט.

איך האָב נישט דערמאָנט, אַז איך האָב מיטאַמאָל דערזען אויף דער שויב אַ לעבעדיקע פליג. איך האָב זיך דערפרייט, בגנבה גענומען צוקער און געוואָרפן עטלעכע ברעקלעך. איך האָב געקאָרמעט דעם פרילינג. און זאָל זיך נאָר אירענע אָדער ווער עס איז דערוועגן איר אַן עוולה צו טאָן.

איך האָב געפונען אַ שטאָפּער פון אַ פלעשל. ער וועט צוגוץ קומען. איך האָב אים אין דער הויזן־קעשענע, ביים בעט.

איך האָב געזען אַ זעלנער אויף דער גאַס. געמאַכט עטלעכע מיליטערישע שפּאַן. סאַלוטירט. ער האָט פריינדלעך געשמייכלט.

איך האָב געוואַשן דאָס פּנים מיט קאַלט וואַסער. איך האָב עס געפילט ווי אַ באָד, דאָס גוטע, קאַלטע וואַסער—ווי אַ פאַרביי־לויפנדיקע פרייד.

ווען איך בין געווען אַ דערוואַקסענער, האָב איך געהאַט אַן אַלט דיוואַנדל, אַן אָפּגעשאָסנס, אַן אָפּגעבליאַקעוועטס. און איינ־מאָל האָב איך אין אַ שויפענצטער פון אַ קראָם געזען פונקט אַזעלכן, אַ נייעם, די זעלבע צייכענונגען, די זעלבע קווייטן — איך האָב עפּעס פאַמעלעכער און איינגעהויקערט זיך געלאָזט גיין ווײַ־טער.

ווען איך בין געווען אַ דערוואַקסענער, האָט מען נאָך אַ לאַנגן ווינטער אויסגעוואַשן אין צימער די פאַרשטויבטע שויבן. זיי זע־נען זייער געווען פאַרשטויבט. ווען איך בין אַהיימגעקומען, בין איך לאַנג געשטאַנען ביים פענצטער, צופרידן געקוקט דורך די דורכזיכטיקע שויבן.

ווען איך בין געווען אַ דערוואַקסענער, האָב איך איינמאָל באַגעגנט אַ שוין לאַנג נישט געזעענעם, פאַרגעסענעם פעטער. ער גייט זיך אַזוי אַ גרויאינקער, אָנגעלענט אויף אַ שטעקן. ער פרעגט, וואָס עס הערט זיך. איך ענטפער:

— כ׳ווער אַלט, פעטער.

און ער:

— וואָס, שוין? וואָס־זשע זאָל איך זאָגן? ביסט דאָך נאָך אַ שנעק.

איך האָב זיך געפרייט, וואָס ער לעבט, וואָס ער האָט מיך אָנגערופן ביים נאָמען.

און פּלוצלינג רירט זיך צו אַ וואַרעמע האַנט צו מיין שטערן. איך האָב אַ ציטער געטאָן. איך עפן די אויגן. איך באַגעגן זיך מיט דער מאַמעס אומרואיקן בליק.

— שלאָפסט?

— ניין.

— דער קאָפּ טוט דיר וויי?

— ניין.

— איז דיר נישט קאַלט, אפשר דיך צודעקן?

דער מאַמעס האַנט באַרירט מיין פּנים, די ברוסט.

איך זעץ זיך אויף.

— זאָל די מאַמע נישט מורא האָבן. דער קאָפּ טוט מיר להלוטין נישט וויי.

— האָסט דאָך געזאָגט.

— עס האָט זיך מיר געדאַכט. איך האָב געוואָלט שלאָפן.

איך נעם אַרום מיט די הענט איר האַלדז, קוק איר אין די אויגן. און איך באַהאַלט גיך דעם קאָפּ אונטער דער קאָלדרע. איך הער נאָך:

— שלאָף, זונעלע.

איך בין ווידער אַ קינד, און די מאַמע זאָגט מיר: „זונעלע“. מען זאָגט מיר ווידער: „דו“. ווידער זענען די שויבן דורכזיכ־טיק, ווידער האָט דער דיוואַן צוריק באַקומען זיינע אַמאָליקע אַלטע קאָלירן.

איך האָב ווידער יונגע הענט, יונגע פיס, יונגע ביינער, יונג בלוט, אַ יונגן אָטעם, יונגע טרערן און פרייד.

פרייד — טרערן — און אַ יונג געבעט, אַ קינדעריש.

איך בין איינגעשלאָפן. ווי נאָך אַ לאַנגן מאַרש.

דער צווייטער טאָג

ביינאַכט איז אָנגעפאַלן אַ שניי.

ווייס=ווייסינקע.

איך האָב אַזויפיל יאָרן נישט געזען קיין שניי. נאָך אַזויפיל לאַנגע יאָרן פריי איך מיך, וואָס עס שנייט, וואָס עס איז ווייס.

אויך דערוואַקסענע האָבן ליב אַ שיין וועטער, אָבער זיי טראַכטן, מעדיטירן, ביי אונדז אָבער איז עס עפעס אַזוי, ווי מיר וואָלטן עס געטרונקען. אויך דערוואַקסענע האָבן ליב אַ העלן פרימאָרגן, אָבער פאַר אונדז איז ער ווי אַ געפרוירענער ווין — מיר זעגען ווי פאַרשיכורט מיט אים.

ווען איך בין געווען אַ דערוואַקסענער, האָב איך, זעענדיק שניי, שוין געטראַכט, אַז עס וועט זיין אַ בלאָטע; איך האָב געפילט פייכטע שיך און — צי וועט געניגן קוילן אויפן ווינטער? און פרייד — זי איז אויך געווען, אָבער באַדעקט מיט אש, אַ פאַרשטויבטע, אַ גרויע. אַצינד פיל איך בלויז אַ ווייסע, דורכזיכטיקע, פאַרבלענדנדיקע פרייד. ווייל וואָס? — ווייל גאָרנישט שניי!

איך גיי פאַמעלעך, פאָרזיכטיק, ס'איז מיר אַ שאָד אויף אים צו טרעטן. אַרום פונקען — עס שעמערירט, עס בלישטשעט — עס מיניעט — עס שפילט — עס לעבט. און אין מיר טויזנטער פונקען. ווי ס'וואָלט עמעצער פאָנאַנדערגעשיט אַ דימענטן=שטויב איבער דער ערד און אין דער נשמה. ער האָט פאַרזייט, און עס וועלן וואַקסן בריליאַנטענע ביימער. אַ פינקלדיק מעשהלע וועט געבוירן ווערן.

עס וועט אַרויספאַלן אויף דער האַנט אַ ווייס שטערנדל. — אַ שיינס, אַ קליינס, אַ האַרציקס. אַ שאָד, וואָס עס וועט פאַרשווינדן פון איבערשרעק. אַ שאָד — אָבער איך וועל אַ הויך טאָן, זיך פרייען, וואָס ס'איז נישטאָ, ווייל שוין קומט אָן אנדערס. איך

עפן דאָס מויל און כאַפּ עס מיט די ליפּן. איך פּיל די קרישטאָ־
לענע קעלט פון שניי, די ריינע און קאַלטע ווייסקייט.

און ווען ער וועט אָנהייבן צו צעגיין, וועלן זיין אייז־צאַפּלעס.
מען קאָן זיי מיט דער האַנט אַראָפּטרייסלען. מען קאָן אונטער־
שטעלן דאָס מויל און כאַפּן שניי און אַראָפּפאַלנדיקע טראָפּנס.
מיט אַ שטאַרקער האַנט־באַוועגונג טוסטו זיי אַ שאַר אַראָפּ פון
אונטערן געזימס — זיי פאַלן אַראָפּ און צעברעקלען זיך מיט
אַ קאַלטן קלאַנג.

עס איז אויף אַן אמת ווינטער און אויף אַן אמת פרילינג.

דאָס איז נישט קיין שניי, דאָס איז אַ פאַרכישופטע קעניג־
רייך פון אַ רעגנבויגנדיקן זייפנבלאָז.

נו, און שנייבאַלן, באַלן, קיילעכלעך, שטיפעריייען, סיורפּריזן,
שפּילבאַלן, וויפל דו ווילסט. דאַרפסט נישט קויפן, לייען, בעטן.
דו האָסט זיי. — האָסט אַ וואָרף געטאָן — עס האָט ווייך אָנ־
געשלאָגן און זיך צעפאַלן. עס מאַכט נישט אויס, באַלד וועלן זיין
אַנדערע. דו וואַרפסט אים, ער דיר: אין די פּלייצעס, אין אַרבל,
אין היטל — און גאָרנישט. געלעכטער און האַרץ־צאַפּלעניש.

ביסט אומגעפאַלן, טרייסלסטו זיך כלומרשט אָפּ. אין קאָלנער
אַריין — ברר — קאַלט — אָנגענעם. אַן אַוואַנטורע.

דו קאַטשעסט אַ באַל. ער קלעפּט זיך אַרום גלייך — ער
וואַקסט. קלויבסט אויס גלאַטיקע ערטער, שטופּסט אים אונטער.
ער וואַקסט —וערט גרויס. שוין נישט מיט דער דלאָניע, נאָר
מיט דער גאַנצער האַנט, פּילסט שוין, אַז ער ווערט שווער. האָסט
זיך אויסגעגליטשט, טאָ גיי פּאַמעלעכער, פּאָרזיכטיקער. — ווע־
מענס איז גרעסער, — און אַצינד וואָס? מאַכן אַ גולם, אָדער
מיטן גאַנצן אימפּעט אַ שפּרונג טאָן אויף אים מיטביידע פיס?

די הויזוועכטער וועלן צונויפשאַרן דעם שניי אויף ביידע זייטן
גאַס, איז — אַריין אין סאַמע מיטן און איבער די קני קריך
אַרום אין ווייסן פוך.

איך דאַרף זייער נייטיק ברעטער און טשוועקעס. די נייטיק־
סטע זאַך אויף דער וועלט — חוץ דעם עקזיסטירט גאָרנישט —
איז אַן אייגענער, מיט בלעך אונטערגעקלאַפּטער שליטן. וואָס
אַזעלכעס קאָן מען צעברעכן, פּאָנאַנדערנעמען, אויסזוכן, אויס־
בעטן — כדי צו באַקומען ברעטער? און גליטש־שיך, אויב ס׳איז

ניִשט מעגלעך צוויי, טאָ כאָטש איינער. מען פילט זיך פאַריתומט אָן גליטש־שיך און אָן אַ שליטן.

אָט זענען אונדזערע ווייסע דאגות, אונדזערע ווייסע באַגערן.

עס איז מיר אַ רחמנות אויף אייך, דערוואַקסענע, וואָס איר זייט אַזוי אָרעם אין פרייד פון שניי, וועלכער איז נעכטן נישט געווען.

דער ווינט האָט צונויפגעשאַרט צעקרישלטע שטערנדלעך פון די געזימסן, פאַראַפּעטן, רינוועס און אַ שיט געטאָן אַ ווייסן פודער איבער דער גאַס. אַ ווייסן, קאַלטן נעפּל. ער הייבט זיך אויף, לאָזט זיך אַראָפּ, פאַרשיט די איינגעזשמורעטע אויגנדעקלעך, אַ פאַר־האַנג פון ווייסע וויעס.

עס איז בלויז די גאַס. נישט קיין וואַלד, נישט קיין פעלד — נאָר אַ ווייסע גאַס. אַ האָפּערדיק, יונג פרייד־געשריי. אויף די דעכער פון די הייזער וועלן שטיין קליינינקע מענטשן־געשטאַלטן און מיט רידלס אַראָפּוואַרפן אויף די פאַרלייגטע טראָטואַרן. און דו ביסט מקנא, וואָס זיי זענען אינדערהייך, וואָס זיי קאָנען אַראָפּ־פאַלן און פאַלן נישט, וואָס ס׳איז אַזאַ לייכטע, אָנגענעמע, שיינע אַרבעט: פון דער הייך אַראָפּשלייַדערן שניי — און די פאַרביי־גייער רוקן זיך אַוועק און קוקן אַרויף אינדערהייך.

ווען איך זאָל זיי אַ קעניג, וואָלט איך באַפוילן, אַז אין ערשטן טאָג פון ווינטער זאָל מען, אנשטאָט טויזנט שול־גלעקלעך, געבן פון דער פעסטונג צוועלף האַרמאַטס־שאָסן פאַר אַ צייכן, אַז ס׳וועלן נישט זיין קיין לעקציעס.

אין קעלער, צי אויפן בוידעם פון יעדער שול זענען פאַראַן קאַסטנס, קעסטלעך, ברעטער.

דער יום־טוב פון ערשטן שליטוועגס.

די טראַמווייען ווערן אָפּגעשטעלט, עס ווערט פאַרבאָטן דער רעדער־פאַרקער. אונדזערע שליטעלעך, גלעקלעך נעמען איין די שטאָט. אַלע גאַסן, פלעצער, סקווערן, גערטנער. — דער ווייסער יום־טוב פון די שול־קינדער — דער טאָג פון ערשטן שניי.

אָט אַזוי האָט אויסגעזעז מיין וועג.

און איצט — בלויז די שול. איך ווייס, אַז נישט זי איז שולדיק, אָבער איך בין טרויעריק. נו, ווי זשע אַנדערש? — אויף דער באַנק — פינף שעה — דערצו לייענען — מאַכן אויפגאַבעס.

— לערערין, שניי איז געפאַלן.

— איאָ, לערערין?

די לערערין שטילט איין מילד, דערנאָך שוין שטרענגער. זי ווערט אומגעדולדיק, אָבער זי קאָן נישט זאָגן גיין, זי פילט דאָך, אַז מיר זענען גערעכט. ווייל אַזוי איז עס.

— לערערין.

— שטיל.

דערנאָך:

— ווער ס'וועט זיך אָנרופן — ווער ס'וועט אַ פּיפּס טאָן — צום לעצטן מאָל זאָג איך אייך...

זי וועט דראָען.

זענען ווידער, הייסט עס, מיר שולדיק? דווקא מיר? הייסט עס, נישט דער שניי איז שולדיק, נאָר תמיד מיר?

מיר זענען געשלאָפן — ביינאַכט — מיר האָבן אפילו נישט געוווסט, אונדזערע עלטערן קאָנען דערויף עדות זאָגן — ער איז אַראָפּגעפאַלן פון הימל. און אויב מען טאָר נישט רעדן, אויב מען דאַרף מאַכן דעם אָנשטעל, אַז מיר האָבן נישט געזען, אַז מיר ווייסן נישט; אויב ס'איז שלעכט, מיאוס, אַז מיר ווייסן און פרייען זיך אפילו — מילא, איז פאַרפאַלן, זאָל זיין אַזוי.

בלויז איינער שטייט אין ווינקל.

איך ווער שטיל אַזוי ווי אַלע אין קלאַס. עטלעכע אומרואיקע בליקן אין פענצטער און איינער אַ לעצטער צו דער לערערין.

— אַ האָפענונג־בליק, אַז אפשר דאָך. און עס ווערט שטיל. עס גייט בלויז די לעקציע.

נישטאָ קיין צוועלף שאָסן פון ווייסער פרייד פאַר די קינדער.

איינער זאָגט עפּעס אַן אומאינטערעסאַנטע זאַך.

איך עפן דעם פענאַל און צייל וויפל פעדערס איך האָב.

— איינס, צוויי, דריי... אַ קרייצל, אַ קעזל, אַ זעקסערל, אַן אייגל. אַ שענקעוויטש — צוויי, דריי קרייצלעך. איינס — צוויי — דריי — פיר — פינף. איינע איז אָן אַ שפּיץ — דער שפּיץ איז אָפּגעבראָכן: וועט שוין אוודאי נישט שרייבן.

איך נעם אַרויס, פּראָביר: זי שרייבט, אָבער גראָב.

— עלף פעדערס, עלף.

און דערנאָך שוין גאָרנישט.

מען דערציילט עפּעס לאַנגווייליק וועגן אַ ייִנגל, צי וועגן אַ דאָרפסמאַן. איך גענעץ.

— מען טאָר נישט בעת דער לעקציע גענעצן.

אַ שכן האָט מיר געגעבן אַ שטופּ, אַז איך זאָל אויפשטיין. איך שטיי אויף. איך האָב מיך משער געווען, אַז איך האָב אַ גע־נעץ געטאָן און אַז די לערערין האָט מיך געמיינט.

— זיץ גלייך, שפּאַר זיך נישט אָן.

איך זיץ גלייך, איך שפּאַר מיך נישט אָן. איך גענעץ בגנבה.

— איך בעט קוקן אויפן טאָוול.

איך קוק אויפן טאָוול און זע, אַז אינדרויסן פאַלט ווידער שניי, אָבער ער גייט מיך שוין אפילו נישט אָן.

איך זיץ שטילינקע.

— חזר איבער.

— וואָס?

— שטעל דיך אין ווינקל, דו הערסט דיך נישט איין.

איך שטעל זיך צום ווינקל.

— גיכער.

עמעצער האָט זיך צעלאַכט. אָפּט צעלאַכט זיך ווער אין קלאַס און מען ווייסט נישט פאַרוואָס. און עס טרעפט, אַז אַלע צעלאַכן זיך נאָך אים.

די פּיס טוען ווי. נישט זיי טוען ווי, נאָר ברעכן זיך איין, מאָדנע. איך וואָלט געהאַט געגנוג כוח אויף אַרומצולויפן, פאָרן אין אַ שליטן, גליטשן זיך. און איצט — נישט שלעכטער ווילן, נישט עקשנות, נישט פוילקייט. נישט דער שול־ייִנגלשער „צו־להכעיס“, נאָר אַן אויפריכטיקער, אָרנטלעכער, ערלעכער, ווייטיקנדיקער: „כ׳קאָן נישט“. גלייך ווי עס וואָלט מיך עמעצער געגומען אין דער האַנט און צעבראָכן — ווי אַ שפּענדל.

אַ האַרבע שטראָף — אין ווינקל. איך ביז שוואַך, עס האָט מיך מיד געמאַכט דאָס זיצן אויף דער באַנק. האָב איך זיך אָנגע־לענט, איך האָב נישט געקאָנט גלייך. אַצינד מוז איך שטיין.

איך טרייסט מיך:

— בעסער אין ווינקל. אויב זיי וועלן אָנהייבן ארומשטיפן, וועל איך נישט זיין מיטפאַראַנטוואָרטלעך.

און זיי קאָנען טאַקע אָנהייבן.

וואָרום אונטער דער שטילקייט פון בלומרשטער רו טליעט א פאַרבאָרגענער פאַרדרוס, אַ חשק אָפּצוצאָלן, וואָס וואַרט בלויז אויף אַ רוף. וועט זיך געפינען אָדער וועט זיך נישט געפינען אַ דרייסטער יונג. וואָרום אויב עס וועט נאָר אַצינד עמעצער אָנ־הייבן, וועט עס זיך שוין נישט ענדיקן מיט אַ קליינער אַוואַנ־טורע. איך ווייס שוין — איך קען דאָס.

און אָט האָט עמעצער אַריינגעשטאָכן אַ פעדער אין באַנק, דריקט צו, לאָזט נאָך — און עס זשומעט. די לערערין האָט נאָך נישט דערהערט, אָבער מיר הערן — באַלד פון דעם ערשטן אומדרייסטן מאָל. כאַפּן אַזאַ איינעם איז שווער, וואָרום ער האָט אַריינגעשטאָכן די פעדער טיף אינעווייניק אין שטענדער — און ווי נאָר ער טוט אַ דרוק, איז באַלד — דזש־דזש־דזשען!

אַצינד שוין העכער.

— ווער צימבלט דאָרט?

נישטאָ קיין ענטפער.

אַצינד זענען שוין דאָ צוויי, אויף צו בייטן זיך.

ווען וועט זיך שוין ענדיקן די דאָזיקע לעקציע? עס קאָן דאָך אַזוי נישט דויערן אייביק. עס זאָל כאָטש הענגען אַ זייגער אויף דער וואַנט. פאַרוואָס איז נישטאָ קיין זייגער? פאַרוואָס ווייסט די לערערין, בלויז מיר בלייבן אין האָפענונגסלאָזיקייט, אין פאַר־צווייפלונג.

— איך פרעג, ווער צימבלט. אָלשעווסקי, דאָס איז דו?

— וואָס? איך ווייס פון גאָרנישט.

— טאָ ווער?

— איך ווייס גאָרנישט, און די לערערין באַלד אויף מיר.

דער קלאַס וועקט זיך פון דרימל. עס הייבט אָן ווערן אינ־טערעסאַנט. מיר וואַרטן אויף אַ נייע, שיין ריזיקאַלישע צימבלעריי. די לערערין האָט זיך שוין געכאַפּט, פון וועלכער זייט עס קומט. אַצינד וועט זיך אָנרופן אַ דריטער, כדי די לערערין צו צעחושן. ער נעמט אַצינד אַרויס די פעדער פון האַלטער, מאַכט אַן אומ־שולדיקע מינע, שטעכט אַריין די פעדער אין האָלץ.

— פאַרלייגט די הענט אויף אַרונטער.

ענדלעך דאָס גלעקל.

איר פאַרשטייט שוין אַצינד, פאַרוואָס די שול פאָדערט, אמת מיט אַ געוויסער זשעגירטקייט, אַז די הענט זאָלן זיין פאַר־לייגט און מען זאָל אַרויסגיין פון קלאַס פּאָרווייז.

ווייל מיר טוען זיך אַ ריס — אַלע צוזאַמען, ווי אַ כמאַרע, ווי אַ שטורעם־ווינט — צו דער טיר.

די טירן אין שולן דאַרפן זיין ברייטע אויפן פאַל פון אַ שרי־פה און פאַר אַזעלכע שנייאיקע טעג.

מיר שטופן זיך, מיר איילן זיך, כדי גאָרנישט — גאָר־נישט — אָנצוווערן, קיין איין מינוט אפילו נישט. מיר מוזן זיך אַרויסראַטעווען, אָבער מיר האָבן פאַר זיך אַזאַ מהלך, אַזויפיל מניעות. שמאָלע טירן, אַן ענגער קאָרידאָר, שטיגן, אַ פאָדער־הויז. און אַלע מוזן מיר זיין די ערשטע אויפן הויף. איז עפּעגען מיר אַ וועג מיט די עלנבויגנס, מיט די קני, מיט דער ברוסט, מיטן קאָפּ, וואָרום עס פאַרפעלט אָטעם, די הענט ברענען צום קאַלטן שניי.

עס האָט אַ מיניע געטאָן פאַר די אויגן — און פאַרטיק.

די ערשטע בעסטע שנייקויל און בענץ! — געוואָרפן דעם ערשטן בעסטן. ער וועט זיך נישט בייזערן. — אַזאַ וווּנדערלעכע, הערלעכע שפּיל וועט זיין. און קיינער וועט אונדז נישט שטערן. קיינער וועט זיך נישט דערוועגן, נישט ריזיקירן.

דער שולדינער ווייסט, אַז מען וועט אים פאַרבלאָטיקן די שטיגן. די לערערס האָבן זיך באַהאַלטן אין דער קאַנצעלאַריע און רייכערן פאַפּיראָסן. די לערערס מאַכן זיך כלאַ־ידע, וואָרום עס פּאַסט נישט. דאָס זענען אונדזערע צען מינוט. צוליב אייגענער פאַרטיידיקונג זענען מיר אַ לאַווינע, אַ הוראַגאַן, אַ סטיכיע.

עס איז אַ קאַמף מיט שנייקוילן אויף אַ גרעסערן מרחק און אויף צו דערלאַנגען מיט דער האַנט. קעגן איינצלנע און קעגן אַלעמען. אַ קאַמף, וו עס איז נישטאָ קיין שונאים, וו מען וויל קיינעם נישט קיין עוולה טאָן, אָבער מען מוז דורכוים אַרוים ווי אַ זיגער. מען ציילט נישט די געגעבענע און באַקומענע קלעפּ. מען קאָנטראָלירט נישט דעם רעזולטאַט פון די שאָסן און מען פילט נישט די קלעפּ, וואָס מען האָט אַריינגעכאַפּט פון היגטן. אַבי נאָר ביזן סוף אויסהאַלטן אויפן פּלאַץ דעם שטורעם פון דער אַטאַקע.

אַט איז שוין עמעצער צו שווער אומגעפאַלן, אַט באַקומט שוין איינער עפּעס — אַ ריס אין רעקל, אָדער אין די הויזן — און די ערשטע טרערן שטייען שוין אין די אויגן.

מיר זעען נישט קיין ריסן, עס רירן אונדז נישט קיין טרערן. איבעררייסן די שפּיל קאָן בלויז עפּעס אַ שרעקלעכע זאַך: סיידן אַן אויסגעהאַקטע שויב, אָדער בלוט. כאָטש ווער ווייסט, צי דאָס וואָלט מיטאַמאָל איבערגעריסן די שפּיל. וואָרום אפשר בלויז נאָר אויף דעם גאָענסטן אָפּשניט.

נישטאָ קיין פּלאַן, נישטאָ קיין אָנפירער. יעדער קעמפט מיט יעדן, יעדער איז פאַר זיך קעגן אַלע. בלויז צופעליקע, פאַר־ביילויפיקע שותפותן.

אָט שיסן מיר אינדרייען אויף איינעם. מיר האָבן אים צוגעשפּאַרט צו דער וואַנט. ער ווערט זיך, אָבער העך רינג ווערט שמעלער. ער האָט שוין אויסגענומען דעם גאַנצן שניי פון אונ־טער די פיס, ער שליידערט שוין נישט קיין קוילן, מחמת עס פעלט אים צייט, נאָר גלאָט אַזוי אין צעטומלעניש מיט אומשעדלעכן שניי. ער קאָן זיך שוין נישט אָראָפּבייגן. ווייל מיר שטייען ברוסט קעגן ברוסט.

— גיסט זיך אונטער ?

— ניין!

ער איז געוועכט.

וואָרום איינער פון די דריי האָט פּלוצלינג אין אימפּעט אַ שליידער געטאָן אַ קויל אין אַ קאַמף־שותף. פּאַראַט — אַ צע־טומלעניש אין דער אַטאַקע. אייגנטלעך נישט קיין פּאַראַט, נאָר אַ צייכן, מען זאָל זיך פּאַנאַנדערשפּרייטן און זיך לאָזן לויפן אויף אינטערעסאַנטערע ערטער.

גאַנץ גוט, וואָס ער האָט זיך נישט אונטערגעגעבן, וואָרום אָט קומט אים אונטער אין דער לעצטער רגע הילף. מיר קריגן פּלוצלינג אַ האָגל קוילן אין די אומבאַשיצטע רוקנס. און ער האָט זיך בעתן טומל אַרויסגעדרייט, אָפּגעשוואַכט, ווייס פון קאָפּ ביז די פיס, אָבער נישט באַזיגט.

נאָר אָט כאַפּט איינער פון די דריי דעם לעצטן, צוליב איי־לעניש נישט צוזאַמענגעקלעפּטן שנייבאַל — זשמעניע שיטערן שניי — און שטופּט אַריין אין מויל, אָדער טוט אַ שמיר איבערן

פנים און צעקראַצט עס מיט אַ פאַרבלאָנדזשעט שטיינדל. אייגנטלעך טאָר מען דאָס נישט, אָבער ווי קאָנען אין אַ שלאַכט זיין כללים?

אָדער גאָר אַזוי, מיר צעלויפן זיך פלוצלינג, נישט וויסנדיק מיט וועמען מיר האָבן געקעמפט און קעגן וועמען.

עס מישט זיך אויס דער גאַנצער עולם אין די אָפטיילונגען. עס מיניען פאַרביי באַקאַנטע פנימער, האַלב־באַקאַנטע, פאַרבייגייענדיקע געזעענע און אינגאַנצן פרעמדע.

מיר ראַנגלען זיך נישט מיטן מענטש, נאָר מיט דער צייט. יעדע מינוט מוז אויסגענוצט ווערן — אַ שאָד יעדער ברוכטייל פון אַ סעקונדע. יעדע מינוט ווערט אויסגענוצט, אויסגעקוועטשט, אויסגעזויגן ביזן לעצטן טראָפן הנאה פון באַוועגונג.

אָט ליגן מיר ביידע אין שניי. איך אויבן. איך לאָז נאָך בכיוון, כדי צו געבן אַ מעגלעכקייט פון רעוואַנזש. איין רגע ליגן אונטער אים. איין אויגנבליק. — ער האָט פאַרשטאַנען. — מיר גיבן זיך ביידע אַ שטעל אויף די פיס און מיר לויפן צוזאַמען, זיך האַלטנדיק פאַר די הענט אָדער אין פאַרשידענע זייטן.

איין אַמביציע: אויסשעפן אַלע מעגלעכע קאַמף־סיטואַציעס. אויפכאַפן און איינשלינגען וואָס מער איינדרוקן. אויפגעטרייסלט ווערן מיט יעדן געוועב פון די מוסקולן און נערוון. אויפאָטעמען מיט פולע לונגען. צום טויזנטסטן מאָל לאָזן דורכפליסן דורכן האַרץ די האַרטע כוואַליע פון בלוט.

וואָרום אויך מיר קאָנען זיך פאַרכלינען פון תענוג — נישט קיין רויטן, נאָר ווייסן. און קיין זאַך וועט נישט פאַרגעסן זיין. און אין דער פאַרמאַטערטקייט פון דער נאָענטסטער שעה אין קלאַס וועלן מיר פאַרדייען די איינצלנע מאָמענטן פון די שיינע רגעס, די שטאַרקע אויפטרייסלונגען.

קינדער וואַקסן — נישט אמת? דער קערפער און דער גייסט זייערער וואַקסט — איך וואָלט געוואָלט דערווייזן וויסנשאַפטלעך, אַז צום מייסטן בעת אַזעלכע הפסקות — כדי איינמאָל פאַר אַלעמאָל איבערצוצייגן.

אָבער אָט קלינגט דאָס גלעקל. שאַדט נישט. נאָך בעסער. דאָס גלעקל גיט צו אימפעט דער שפיל. אַזוי ווי דער אָרקעסטער

דעם זעלנער בעתן מאַרשירן. אויב פאַר דעם קלונג האָבן מיר נאָך אַ טראָפּעלע געזשאַלעװעט די כוחות, איז אַצינד שוין נישט. ביז לעצט, ביזן גרונט, ביזן סאַמע סוף — שוין איגגאַנצן — אַלע ברעקלעך כוח — װי אין אַ װײַסן מאַזור — אַרײַנװאַרפן אין דער לעצטער מינוט פון קאַמף.

עס איז אַ דעצידירנדיקע, סכנותדיקע, צעטראָגענע מינוט. דעמלט, װען ס'איז שוין נישט פאַראַן קײן אױסרעכענונג, אָדער ישוב־הדעת, דװקא דעמלט — צעברעכט זיך אָפּט אַ שויב, װערט פאַרלױרן אַ צו שטאַרק געשלײַדערטער באַלעם, צעברעכט מען זיך אַ פּוס. דװקא דעמלט קאָן זיך פּלוצלונג צעפלאַקערן אַ קוריץ, אומ־געריכט, פאַרביסן געשלעג; און דו שלאָגסט זיך — נישט װײַל דו האָסט יענעם פײַנט, נישט װײַל דו האָסט מיט אים אַלטע חשבו־נות, נאָר װײַל — דאָס גלעקל רופט שוין אין קלאַס אַרײַן. ער האָט אומגערן דיר אַ שטופּ געטאָן אָדער געגעבן אַ קלאַפּ — פאַרן גלעקל װאָלסטו אים מוחל געװען, װאָלסט עס אפילו נישט באַ־מערקט, אָבער אַצינד, נאָכן גלעקל — האָסטו עס דערפילט און ביסט נישט מוחל. שפּעטער װוּנדערסטו זיך אַלײן און שעמסט זיך און האָסט חרטה. און די חברים פילן דיר מיט און זײ באַ־דױערן, װאָס זײ האָבן זיך נישט אַרײַנגעמישט באַצײַטנס.

װאָרום ס'איז אַ שאָד, װאָס אַזאַ שײנע שפּיל איז קאַליע גע־װאָרן. אַ שײנע?

װי אָרעם איז דאָס מענטשלעכע לשון. װאָרום װאָס דען װעסטו זאָגן? — מיר זענען אַרומגעלאָפן. עס איז געװען פרײלעך.

און שוין.

װען איך זאָל זײַן דער שול־דיגער, װאָלט איך נאָך די פּױזעס אין אַזעלכע שנײאיקע טעג געקלונגען לאַנג, לאַנג. װאָרום כל־זמן עס קלינגט — מיר גיבן זיך נאָך נישט אָפּ קײן חשבון — פלעכטן מיר אַרײַן אין דער שפּיל אױך דעם אָפּהילך פון גלעקל. ערשט װען עס הערט אױף קלינגען, אין דער ערשטער שטילקײט דער־נאָך. איז די שפּיל שוין אומלעגאַל — צעטראָגן, אומזיכער. עס צעפאַלן זיך שוין די רײען. די מער דיסציפּלינירטע ציען זיך צו־ריק, דו באַמערקסט אַ נײַשט דעצידירטקײט אין די באַװעגונגען, אַן אומזיכערקײט אין די אױגן, דו פאַרלירסט דעם צוטרױ, דעם

גלויבן, ביסט אַליין אין זיך נישט געגוג זיכער, דו ווייסט, אַז מען דאַרף אָפּטרעטן, אָבער דאָס איז דאָך אַ מפּלה, דעזערציע, פּאַראַט.

עס ווערט שטיל, אָבער יעדע רגע קאָן אין דער דאָזיקער שטיל־קייט אַריין. אַ קלאַפּ טאָן די בייטש פון צווייטן קלונג. און עס וועט זיין צו שפּעט.

מיר לויפן צום פּאָדערהויז. דאָרט וועט אונדז אַוודאי פּאָר־זיכטיק אָפּשטעלן דער, וואָס איז ממונה אַכטונג צו געבן אויף דער ריינקייט אין די קאָרידאָרן.

— די פּיס אָפּרייניקן!

און אָט אַצינד הווקא האָט עמעצער אַ שלייהער געטאָן די לעצטע, האַרטע, שטאַרק צונויפגעפּרעסטע שנייקויל אין דעם צו־גויפגעקנוילטן עולם ביי דער טיר. צי די האַנט האָט אַ ציטער גע־טאָן, צי דאָס אויג האָט אָפּגענאַרט, אָדער דער פאַרבאָרגענער באַשלוס פון צוריק אָפּצאָלן האָט געשטערט גוט צו צילעווען — געגוג, אַז נישט אין אונדז, נאָר אין פענצטער אַריין.

ווען איך וועל ווידער זיין אַ גרויסער, וועל איך דעם דאָזיקן ענין באַרירן אָפן און קלאָר, איך וועל אים אַוועקשטעלן אויפן טאָג־אָרדענונג:

— וויפל שויבן אַ יאָר האָבן מיר דאָס רעכט צו צעברעכן? דו זאָגסט: קיין איינע נישט? — אומזין. — גלייבסט אַליין נישט.

גלאָז, דאַכט זיך, האָבן דערפונדן נאָך די פעניציאַנער. און דורך אַזויפיל יאָרהונדערטער האָט מען נישט געקאָנט צוטראַכטן עפּעס פעסטערס? — וואָס זשע טוען די כעמיקער און פיזיקער אין זייערע לאַבאָראַטאָריעס? צי קאָן מען מאַקע נישט מאַכן עפּעס אַנדערש?

זאָלן זיך די שויבן נישט ברעכן. זיי זענען שולדיק, נישט מיר.

פאַרוואָס דאַרפן מיר פּלוצלונג בלייבן פאַרגליווערט, אומבאַ־וועגלעך אין פּחד? ווארטן אויפן אומגליק? פאַרוואָס דאַרף איך, אומשולדיקער, זיך באַהאַלטן, אַנטלויפן פון אָרט, ווו דאָס פאַר־ברעכן איז פאָרגעקומען? פאַרוואָס זענען מיר אַלע צופעליק אָנ־וועזנדיקע פּלוצלינג געוואָרן פאַרברעכער?

— פאַרוואָס נאָך די בלויז פינף, זעקס מינוט פּויזע דאַרף איך זיך אָנטרעפן מיט דעם בייזן בליק און גרויזאַמער פראַגע:

— ווער?

— נישט איך.

און כאָטש איך זאָג דעם אמת, פיל איך, ווי איך זאָל זאָגן ליגן. איך וואָלט באַדאַרפט זאָגן:

— עס איז אַ צופאַל, וואָס נישט איך.

איך ווייס, אַז עס זענען דאָ סימנים. עס באַשולדיקט מיך דאָס באַשנייטע אָנטועכץ. איך האָב געוואָרפן שנייבאַלן, אַזוי ווי אַנדערע, אַזוי ווי אַלע. מעג מען דאָך. און אפשר — אפשר נישט. איך אייל זיך אין קלאַס אַריין. איך וויל אָנקומען צו דער צייט, איך וועל אוודאי אָנקומען. — און אפשר — אפשר בין איך טאַקע שולדיק, ווייל איך האָב נישט אויפגעהערט באַלד נאָכן ערשטן קלונג. אָבער צי קאָן מען אַזוי באַלד, גלייך?

— איך נישט.

איך האָב געוואָרפן עטלעכע לעגאַלע, אומשולדיקע שנייבאַלן. — טאַקע עטלעכע? — איך ווייס נישט וויפל. — צי דאַרף מען רעכענען די אינגאַנצן פאַרענדיקטע, געאָמעטרישע באַלן, אָדער אויך די האַלבע און פערטל־באַלן, וואָס איך האָב געוואָרפן אין איילעניש?

און דאָך האָט זיך געפונען — פו — דער מיאוסער ליגנער, וואָס זאָגט:

— איך בלויז: צוויי באַלן, דאָרט — ווייט.

— דרייער — אָפּנאַרער — ליגנער.

מיר זענען אַלע סאָלידאַרישׁ אַריינגעפּלאָנטערט אין אומגליק. מיר פילן, אַז אפילו דער ערגסטער צווישן אונדז איז אויך אומשולדיק. וואָרום אינדערהאמתן האָט דער צופאַל צעבראָכן די שויב, עס האָט זי נישט צעבראָכן דער, וואָס האָט זי צעבראָכן, נישט קיינער. אַזוי פילן מיר אין דעם מאָמענט, אָבער כדי נישט צו בלייבן פאַרשעמט, טאָר מען גאָרנישט מער זאָגן ווי אַ קורצן:

— נישט איך.

און אָן חשק. אפילו דאָס דאָזיקע אָן חשק, געצוווּנגענערהייט בלויז.

וואָרום זאָגט מיר, אדרבא, צי טאָרן מיר טאַקע נישט אויסהאַקן קיין איין שויב אפילו? און אויב מען מעג כאָטש איינע אַ יאָר, צי קאָן דאָס נישט זיין אָט די דאָזיקע טאַקע און גראָד אַצינד?

איך ווייס, אַז איר וועט נישט ענטפערן, וואָרום איר קאָנט נישט, איר פאַרשטייט נישט דעם שניי. איר ווילט אים נישט קע־נען, איר זייט אים מבטל.

וועל איך אייך טאַקע זאָגן.

אַזעלכע פּויזעס ווי די הייַנטיקע האָט אַ מענטש נישט קיין סך אין זיין לעבן. טיילמאָל דורכן גאַנצן ווינטער איז נישטאָ קיין איינע אַזעלכע. וואָרום עס מוז זיין וואַרעם, אַז נישט וועט דער שניי זיין קרישלדיק און דו וועסט נישט קאָנען מאַכן קיין באַלעם, און די הענט ווערן צופיל געפרוירן. דער שניי מוז זיין פייכט און טיף. צו וואַרעם דאַרף ער אויך נישט זיין, וואָרום ער וועט דאָך צעגיין. ער מוז פאַלן ביינאַכט אָדער גאַנץ באַגינען, אַז מען זאָל נאָך נישט באַוויזן אים אָפּצורוימען. ער מוז זיין פריש, אומבאַ־רירט, עס זאָל זיך נישט געפינען אין אים נישט קיין אייז־שטיק־לעך, נישט קיין ברעקלעך ערד. מיר, די מבינים און פאַרערער פון שניי, פילן דאָס אַלצדינג זייער טיף אין דער נשמה.

מיר ווייסן, אַז איר זייט פון אונדז נישט צופרידן. עס טרעפט, אַז איר זייט גערעכט. — אמת, מיר האָבן ליב צו שפרינגען אויף דער סאָפע. איר זאָגט, אַז די סאָפע ווערט קאַליע, אַז די ספרו־זשינעס ווערן צעבראָכן, נישט מיטאַמאָל, נישט באַלד. אַ סאָפע, אויב מען זאָל נישט שפרינגען, קאָן אויסהאַלטן צענדליקער יאָרן. מיר גלייבן, הגם אינגאַנצן צען יאָר אַלט, האָבן מיר דאָס נישט גע־קאָנט קאָנטראָלירן.

איר דערלויבט נישט צו צעקנאַקן נים מיט דער טיר. די טיר ווערט קאַליע. דאָס איז שוין גאָר אַ חידוש. אַ טיר — דאָס האָט דאָך שוין צו טאָן מיט אַ הויז. הייזער זענען הויך, שטאַרק, האַלטן זיך הונדערטער יאָרן. אָבער זאָל זיין אַזוי.

אפילו אויף די קליאַמקעס טאָר מען זיך נישט הוידען, וואָרום כאָטש פון אייזן, קאָנען זיי צעבראָכן ווערן. מאָדנע! מיר לעבן ערשט נישט לאַנג, מיר קוקן זיך ערשט אַרום. און איר און די גאַנצע וועלט — איר זייט מאָדנע, אָבער אין קיין שלעכטע כוונות זענען מיר אייך נישט חושד. אייזן ברעכט זיך? מסכים.

מלבושים רייסן זיך. ליידער.

שויבן ברעכן זיך. און פון אַ ליאַדע וואָס. — זיי צעברעכן זיך אַליין, נישט מיר. די וועלט איז האַרט און נישט נאָכגיביק.

איך בין אַנידערגעפֿאַלן אויף דער ערד און זיך צעמזיקט, איך האָב זיך צעשלאָגן אין דער וואַנט, אין פֿאַראַפּעט פֿון פֿענצטער, אין דער שאַנק, אין טיש, אין אַ קאַנט, אין אַ ראָג — עס טוט וויי, אָפּטמאָל שטאַרק וויי.

און מיטאַמאָל האָט דער גוטער גאָט אויסגעשפּרייט פֿאַר אונדז, פֿאַר די קינדער, אַ ווייסן טעפּיך, אַזוי ווי אַ פֿויגל בעט אויס מיט פֿעדערן די נעסט פֿאַר די קליינע עופֿהלעך. קיין גרין גראָז איז נישט פֿאַראַן אין ווינטער און עס וועט אַזוי גיך נישט זיין. און אַז עס וועט זיין, איז עס אַרומגעצוימט, און מען טאָר נישט טרעטן דערויף. אָבער מיט שניי מעג מען טאָן, וואָס מען וויל.

פֿאַראַן שנייקוילן אומשולדיקע, פֿאַראַן בייזוויליקע, פֿאַראַן איידעלע ווי פֿון ביקסן, רשעותדיקע — דום־דום — פֿאַרבאָמבעגע דורכן הומאַניטאַרן מלחמה־געזעץ. פֿאַראַן קאַרטעטשן, באָמבעס און גראַנאַטן. און פֿאַר אייך נאָר — שנייבאַלן, וואָס צעהאַקן שויבן. פֿאַרפֿאַלן: מלחמה.

און דערצו נאָך צובעליק נישט איך.

— טאָ ווער?

אַ הייב מיט די אַקסלען.

— איך ווייס נישט.

איך ווייס טאַקע נישט. אויב איך ווייס אפֿילו, ווייס איך אויך נישט. מיר דאַכט זיך נאָר בלויז, אַז ער. איך וועל אוודאי זיך דערוויסן, אויב איך וועל רואיק נאָכפֿרעגן, נאָכטראַכטן — איך בין דאָך נישט אינגאַנצן זיכער, אַז ער, פּונקט ער, נישט קיין אַנ־דערער.

איך בין דאָך געלאָפֿן, ווייל עס איז שוין געווען נאָכן גלעקל, ווייל עס איז שוין געווען שפּעט. אַ פֿאַרמאַטערטער, אַ פֿריילע־כער און מיט מורא. האָט זיך מיר געקאָנט אויסדאַכטן.

צוויי זענען דאָרט געווען. מסתמא איז עס איינער פֿון זיי. עמעצנס אַ פּנים האָט אַ מיניע געטאָן און איז פֿאַרשווונדן. אפֿשר טאַקע דער דאָזיקער דריטער? אפֿשר עפּעס אַ פֿאַרבלאָנ־דזשעטער שנייבאַל? מען מוז פֿעסטשטעלן; דאַרף מען דאָך דערצו צייט, און דער לערער, אַז שוין.

איבעריקנס, זאָלן אַנדערע זאָגן — אפשר זענען זיי געשטאָ־
בען נעענטער, אפשר האָבן זיי בעסער געזען.

און מיר שטייען לאַנג, אָנגעכמורעט, אומדערטרעגלעך. און
איך פרעג אייך, אין וואָס פאַר אַ זעלטענעם פאַל קאָן זיך אַזעל־
כעם טרעפן מיט דערוואַקסענע. איך ווייס נאָר בלויז פון איינעם
אַזאַ.

איינמאָל בשעת אַ דעמאָנסטראַציע, אין וועלכער איך האָב
זיך באַטייליקט, האָט זיך פּלוצלינג דערהערט אַ שאָס. פּאָליציי
רינגלט אונדז אַרום: ווער האָט געשאָסן? אָבער אַזוי ווי איך בין
אומשולדיק, ווייס איך, אַז עס וועט זיין אַן אויספאָרשונג, און
יעדער פאַר אין קעגן וועט גענוי באַטראַכט ווערן. וואָס שייך
אָבער אונדזער ענין, דערליידיקט מען אים — אבי יוצא צו זיין.
פאַרוואָס איז עס אַזוי? פאַרוואָס טוט מען אונדז אַזוי אָפט אומ־
זיסט אַן עוולה? פאַרוואָס מעג מען אַ קינד אומגערעכט באַ־
שטראָפן און מען קוקט דערויף ווי אויף אַ קלייניקייט און מען
איז דערפאַר פאַר קיינעם נישט פאַראַנטוואָרטלעך?

די לעקציע פון רעליגיע איז דורך רואיק.

איך האָב געטראַכט פון יוספן, וועלכן פרעה האָט אַריינגע־
וואָרפן אין תפיסה. יוסף איז פותר חלומות. דערנאָך איז אים גע־
ווען גוט, אָבער ווי שווער איז צו זיין פאַרקויפט דורך אייגענע
ברידער, בייזוויליק אָנגעקלאָגט, און צו זיצן לאַנגע יאָרן אַ גע־
שמידטער אין קייטן אין אַ פינצטערן גרוב. אָט בין איך נישט
לאַנג געשטאַנען אין ווינקל, און וויפל האָב איך זיך אָנגעליטן.
איך בין געשטאַנען אין קלאַס, וו עס זענען דאָ פענצטער, איך
האָב געוווסט, אַז עס וועט דויערן בלויז ביז צום קלונג. פאַר־
וואָס ווייסן מיר נישט, ווי אַזוי עס האָט אויסגעזען די תפיסה אין
מצרים, ווי לאַנג יוסף האָט זיך געפּייניקט. עס איז מיר אַ רחמנות
אויף יוספן, איך וויל אים מיטפילן, אַזוי ווי ער האָט פאַרדינט, און
איך ווייס אָבער נישט. דעמלט ווען די עקזאַמען האָב איך גע־
וואָלט וויסן אַלצדינג, און אַצינד וועגן יוספן. קשיות האָב איך
אַ סך צו פרעגן — פאַרוואָס האָבן די דערוואַקסענע נישט ליב
אונדזערע קשיות. אָבער דאָס איז דאָך געשען שוין לאַנג און
ווייט, טאָ קאָנען זיי אויך נישט וויסן. פאַרוואָס האָבן די דערוואַק־
סענע נישט ליב מודה צו זיין, אַז זיי ווייסן נישט, נאָר זיי קוקן

אַריין אין די ביכער, אָדער זיי פֿרעגן עמעצן, וואָס ווייסט בעסער. זיי ווייסן אפשר נישט, נאָר זיי זענען זיך משער. זיי איז גרינגער.

פּאַרצייטנס איז אין דער שול אפילו נישט געווען קיין בילדער. פאַר מיינע צייטן איז נישט געווען קיין קינאָמאַטאָגראַף. ווי אָרעם זענען די קינדער־יאָרן געווען אָן קינאָ. מען האָט גערעדט וועגן בערג, ימים, מדבריות, פּאַרצייטיקע מלחמות. ווילדע פעלקער. און עס איז אין אונדז וואָס מאָל שטאַרקער געוואַקסן דער חשק דאָס אַלצדינג צו זען. — היינט, ווען מען גייט אַרויס פון דעם פינצטערן קינאָ־זאַל, — קאָן מען כאָטש זאָגן:

— איך בין געווען דאָרט — איך האָב געזען.

עס וועקט מיך אויף פון די מחשבות עפּעס אַ שאָרך אין קלאַס. מיר זענען ווידער אויסגערוטע און פאַרבענקט נאָך די צוועלף האַרמאַט־שאָסן.

די פּלייצעס טוען וויי, איך האָב דאָס ערשט איצט דערשפּירט. דער שנייבאַל האָט געמוזט זיין האַרט. עס איז אָבער אָנגענעם אַזאַ קליינער ווייטיק. ווי אַ סימן נאָך אַ וווּנד, וואָס אַ מאַמע וויזט דעם זון. אַ שטאָלצער, נישט ווייטיקלעכער ווייטיק, וועגן וועלכן מען זאָגט:

ס'איז גאָרנישט. אַ נאַרישקייט.

איך דריי מיך אום, כדי אַ קוק צו טאָן אויף יאַנעקן, און דערלאַנג אים גלייך אין שטערן אַריין, אַז דאָס היטל איז אים אַזש אַראָפּגעפאַלן. ער האָט גלייך דערפילט מיין בליק. ער האָט אַ שמייכל געטאָן, מיט אַ בליץ מיט די אויגן אָפּגעענטפערט:

איך וועל גערעדנקען. אָבער וואַרט: עס וועט זיך באַלד וויידער אָנהייבן. איך וועל נישט שענקען.

איך ווייס נישט, צי מיר שמייכלען אפשר, צי די דערוואַקסענע. איינס איז אָבער זיכער, אַז זייערע שמייכלען זאָגן ווינציק, און מיר, אונדזערע פאַרשטייען גוט; טיילמאָל זאָגט מען מער מיטן שמייכל, ווי מיט ווערטער.

אַ פילזאָגנדיקער בליק און אַ פילזאָגנדיקער שמייכל. זיי ווייסן אפנים דערפון, וואָרום מען פאַרווערט אונדז זיך אומצוקוקן און צו שמייכלען אין קלאַס.

ווען איך וועל ווידער זיין אַ לערער, וועל איך פּרוּווּן מיך צו פאַרשטענדיקן מיט די שילער, כדי עס זאָל נישט זיין אַזוי ווי ציזיי פיינטלעכע לאַגערן: פון איין זייט דער קלאַס, און פון דער צווייטער דער לערער מיט עטלעכע חניפהניקעס. איך וועל פּרוּווּן, עס זאָל זיין אויפריכטיקייט.

אַזוי, למשל, וועל איך אין אַזאַ טאָג פון ערשטן שניי פּלוצ־לינג בשעת דער לעקציע אַ פּאַטש טאָן מיט די הענט און זאָגן:

— זאָל יעדער גוט פאַרגעדענקען, וועגן וואָס ער האָט אין דער רגע געטראַכט. ווער עס שעמט זיך, זאָל זאָגן, אַז ער וויל נישט, כדי עס זאָל נישט זיין קיין צוואַנג.

דאָס ערשטע מאָל וועט נישט געלינגען. אָבער איך וועל עס מאַכן אָפטער. ווי נאָר איך וועל באַמערקן, אַז דער קלאַס הערט זיך נישט צו.

— וועגן וואָס האָסטו געטראַכט? וועגן וואָס האָסטו גע־טראַכט?

אויב איינער וועט זאָגן, אַז ער האָט געטראַכט פון דער לעק־ציע, וועל איך אַ פרעג טאָן:

— נאַרסטו אַמאָל נישט אָפּ?

אויב עמעצער שמייכלט און איך זע, אַז ער וויל נישט — וועל איך פרעגן:

— אפשר ווילסטו נישט זאָגן פאַר אַלע, זאָג עס מיר אויפן אויער, אָדער איך וועל עס פאַרשרייבן בעת דער פויזע.

און ויי:

— צו וואָס דאַרפט איר עס וויסן?

און איך וועל זאָגן:

— איך וויל אָנשרייבן אַ בוך וועגן דער שול. כדי אַלע זאָלן זיך איבערצייגן, אַז נישט תמיד קאָן מען זיין אויפמערקזאַם בעת דער לעקציע. אפשר דאַרפן ווינטער־צייט זיין גרעסערע הפסקות; אפשר ווערן די שילער גיכער מיד אין שיינע טעג. אַ סך מענטשן שרייבן ביכער וועגן שול. און וואָס אַמאָל פּירט מען איין עפּעס נייס, אַז עס זאָל פאַר די קינדער זיין בעסער און פאַר די לערער. נו, וואָרום איר וועט ענדיקן די שול און וועט זיך אַוועקגיין, און מיר מוזן דאָס גאַנצע לעבן גיין אין שול אַריין.

און זיי וועלן זיך פאַרהידושן, וואָרום עס איז זיי גאָרנישט געקומען אויפן זינען, אַז דער לערער גייט דאָך אויך אין שול אַריין און פאַרברענגט אין קלאַס אַ סך שעהן. מיר וועלן רעדן מכוח דעם, וואָס יעדער פון אונדז וואָלט וועלן ענדערן. איך וועל זיי דערציילן, אַז די לערער ווערן זייער אָפט קראַנק אויפן האַלדז און אויף נערוון. און פאַרוואָס מיר זענען נערוועז.

און ווען יעדער וועט שוין האָבן אויפריכטיק געזאָגט, ווענן וואָס ער האָט געטראַכט בעת דער לעקציע, וועל איך מאַכן אַ שפּאַס:

—אַצינד וועל איך אַלעמען, וואָס זענען נישט געווען אויפמערקזאַם, שטעלן איינסן.

—ווי געביפט איר זייט.

און איך:

— נישט שיין צו זאָגן, אַז דער לערער איז געביפט.

און זיי:

— פאַרוואָס?

וועל איך עס זיי דערקלערן. און דערנאָך ווידער:

— איז אפשר שטעלן איינסן יענע, וואָס האָבן געטראַכט פון דער לעקציע?

טייל וועלן אָנהייבן שרייען:

— יאָ, יאָ, יאָ.

און אַנדערע:

— פאַרוואָס מיר? מיר זענען דאָך געווען אויפמערקזאַם.

וועל איך זאָגן:

— איר זייט נישט געווען אויפמערקזאַם.

— פאַרוואָס?

— ווייל היינט איז דער ערשטער שניי, און איר באַמערקט גאָרנישט.

— נו, שניי איז דאָך נישט קיין לעקציע.

— איז אפשר היינט נישט שטעלן קיין איינסן?

— נישט היינט, נישט קיינמאָל.

— אָן אַן איינס קאָן מען נישט.

— אָבער עס איז אומאָנגענעם צו קריגן אַן איינס.

— און געבן אַן איינס איז אויך אומאָנגענעם. דער לערער וויל בעסער שטעלן אַ פינף.

— טאָ זאָל ער שטעלן פינפן.

— צי קאָן מען אָבער?

— נו, ניין.

און מיר וועלן זיך אַזוי אויסטענהן ביז צום קלוגנ.

אָבער ווי מאָדנע. איך האָב געוואָלט זיין אַ קינד, און אַצינד טראַכט איך גאָר, וואָס איך וועל טאָן, ווען איך וועל אויפוואַקסן. אפשים, אַז סיי קינדער, סיי דערוואַקסענע גייט נישט צו גוט. זיי האָבן זיך זייערע דאגות און עגמת־נפש, און יענע זייערע.

עס וואָלט געקאָנט אפילו זיין אַזוי, אַז אַ מענטש זאָל צייטנווייז אַמאָל זיין גרויס, אַמאָל קליין. אַזוי ווי עס איז ווינטער און זומער, טאָג און נאַכט, שלאָף און וואַכזיין. ווען עס זאָל זיין אַזוי, וואָלט זיך קיינער נישט געחידושט. עס וואָלטן זיך נאָר בעסער פארשטאַנען איינער דעם אַנדערן די דערוואַקסענע און די קינדער.

אין דער פויזע איז שוין געווען אַ רואיקערע שפּיל. מיר האָבן זיך צונויפגערעדט, ווער מיט וועמען שפּילט. און דער שניי איז שוין געווען צעטראָטן, און עס איז שווערער געווען צו מאַכן באַלן. טייל האָבן געפּרווט, אָבער דער גרעסטער טייל האָט געשפּילט אין שליטנס. אַ ייִנגל פון הינטן איז דער פורמאַן, און צוויי פון פאָרנט — די פערד. און גלייך ווי אַ ווירע איינער נאָכן אַנדערן, אַזוי ווי פייערלעשער, אָדער אַ קאַרנאַוואַל־צוג, צי אַרטילעריע. יעדער טראַכט אַנדערש, אָבער מיר פּרוּוון אַריבעריאָגן איינער דעם אַנדערן: ווער עס האָט בעסערע פערד, אָדער אויטאָמאָביל.

תחילת איז געווען אָרדענונג, דערנאָך האָט זיך אַלץ צונויפגעקנוילט, ווארום מען האָט אָנגעהויבן אַרויספאָרן איינער אויפן אַנדערן. מען האָט געמאַכט אַ באַן־קאַטאַסטראָפע. מען איז אומגעפאַלן אין אַ גאַנצער מחנה און זיך געשטופּט. תמיד געפונען זיך שוין ווילע יונגען, און עמעצער מוז וויינען. וואָרום איינעם האָט מען אַרויפגעטרעטן אויף אַ האַנט, אַ צווייטן האָט מען אַ קלאַפּ געטאָן מיטן שוך, וואָס האָט געהאַט אַן אייזן־באַשלאָג. מען האָט אים נאָך אַזוי צוגעדריקט, אַז ער האָט נישט געקאָנט אָטעמען.

נישט אַלע האָבן מיר ליב צו ווילדעווען. להלומין נישט. טייל־מאָל ווילן מיר זיך שוין גלייכער אינגאַנצן נישט שפּילן, איידער מיט אַ צעלאָזענעם יונג, וואָס שטויסט, געוואַלדעוועט און שלאָגט, וואָרום פּרווו אַזעלכן אַ שטופּ טאָן אין קאַטאָװעס, ווערט ער דיר באַלד מיטן גאַנצן כוח אַ קלאַפּ טאָן, עס זאָל ווי טאָן. ער קוקט אויף גאָרנישט, ער שטופּט, וואַרפט זיך, רייסט די מלבושים, ווי אַ חסר־דעה.

וויפל מאָל וואָלט מען זיך געוואָלט שפּילן, אָבער מען זאָגט:

— איך וויל נישט.

— ווייל ער איז דאָ.

אָבער עס איז אומאָנגענעם.

אויפן הויף אינדערהיים קען מען שוין אָט די פּראים, אָבער דאָ קאָן מען דאָך נישט קענען די גאַנצע שול, האָט מען טאַקע עגמת־נפש. דערצו איז נישטאָ קיין צייט אָפּצושמועסן די באַדינגונגען.

איז אַזוי. ווען עמעצער ווייזט דער ערשטער אַ שפּיל און זי געפעלט, טיען אים אַלע נאָך. גלייך ווי ער וואָלט געגעבן אַ צייכן. און מען דאַרף מודה זיין, אַז די משוגעים — וואָרום מיר רופן זיי משוגעים — האָבן גוטע איינפאַלן, אָבער זיי קענען זיי נישט אויספירן.

און באמת, מיר זענען אויך אַרויפגעפאָרן איינער אויפן אַנדערן, כלומרשט האָט זיך אַ טראַמוויי צוזאַמענגעשטויסן מיט אַן אויטאָמאָביל, אָדער עס האָבן זיך אָנגעשלאָגן צוויי אַעראָפּלאַנען. אָבער נאָר צוויי און אין אַ זייט.

איז יאָגן מיר זיך און אַנטלויפן, און אויב עפּעס אַ משוגענער דריילינג וויל אויף אונדז אַרויפפאָרן, רוקן מיר זיך אָפּ און בלייבן שטיין.

—גייט אַוועק, מיר ווילן נישט.

צוויי צעווילדעוועטע אויטאָמאָבילן זענען אַרומגעלאָפן בעת דער גאַנצער פּויזע.

אונדזער דריילינג איז געווען גוט צוגעפּאַסט. אָבער איין פערד האָט באַקומען אַ קלאַפּ אין קאָפּ, וואָרום מיר זענען גראָד אַנטלאָפן פאַר דעם צעווילדעוועטן אויטאָמאָביל, מיטאַמאָל אָבער פאַרלויפט מען אונדז פון אַ זייט. איך האָב שוין נישט באַוויזן אויס־

צומיידן — און באַיז — יענעם אין קאָפּ אַריין. ער האָט אפילו נישט געזויגט, אָבער ער האָט נישט געוואָלט זיין קיין פערד.

מיר האָט זיך אָפּגעריסן אַ קנעפּל, אָבער איך האָב עס אויפֿגעהויבן, באַהאַלטן, כדי אינדערהיים צוצונייען.

בלויז אויף איין אָרט איז געווען אַ באָמבאַרדירונג. מען האָט אין גאַלאָפּ געמוזט דורכלויפן די דאָזיקע שיס־ליניע.

ווער עס באַטייליקט זיך נישט אַליין אין דער שפּיל, וועט דאָ גאָרנישט פאַרשטיין. וואָרום וויכטיק איז נישט בלויז דאָס לויפן, נאָר וואָס עס טוט זיך אָפּ אינעווייניק אין מענטש. דאָס שפּילן אין קאָרטן, צי אפילו אין שאָך, דאַכט זיך בלויז אַ וואַרפן באַפּירלעך און רוקן העלצעלעך. טאַנצן — אַ דרייען זיך אַרום. פאַרשטיין קאָן בלויז דער, וואָס שפּילט אַליין אָדער טאַנצט.

מען טאָר נישט גרינגשעצן די שפּיל, נישט שטערן, נישט איבעררייסן פּלוצלינג, נישט אַרויפצווינגען אַ נישט ליבן מיטשפּילער.

בין איך אַ פּורמאַן, ווייל איך האָבן פערד פון אַ גלייכן וווּקס, נישט צו גרויס, נישט צו קליין, פריילעכע, אָבער געהאָרכזאַמע, קלוגע, מיושבדיקע. בין איך אַ פערד, ווייל איך נישט קיין פּורמאַן אַ נאַר, אָדער אַ ברוטאַל. וואָרום איך אַליין שטעל איין די גיכקייט פון לויף, איך וויל נישט, ער זאָל מיך ציען, שלאָגן און אונטערשטופּן. אַנדערש פיל איך מיך פאַר אַ פערד, אַנדערש פאַר אַ פּורמאַן. און וואָס ווייסט איר דען דערפון? אַז איך האָב אַ שנאָרך געטאָן, אַז איך טאָפּטשע מיט די פיס אויף אַן אָרט, אָדער איך שריי: „טפּררר — וויאָ."

אַז איך בין אַ פייערלעשער, קוק איך מיך אַרום, צי מען זעט נישט קיין רויך, איך קוק אַרויף אינדערהייך, איך אייל מיך אַנדערש, ווי ווען איך לויף מיט אַ האַרמאַט אויף דער פּאָזיציע. פאַר פייערלעשער טרעט מען אָפּ, אַרטילעריע נעמט דער שונא אויפן ציל. איך קוק מיך אַרום מיט חשד, כדי נישט אַריינצופאַלן אין אַ פּאַסטקע. אַז איך פאָר אַלס גיכע הילף, טראַכט איך, צי זאָל דאָס זיין אַן איבערגעפאָרן קינד, צי אַ זעלבסטמערדער, אַ געהאָנגענער, צי אַ פאַרסמטער. מען לויפט דאָך נישט סתם ווי אַ נאַר.

איבעריקנס, איז טאַקע אויך וויכטיק זיך דורכצולויפן, וואָ־רום מען דאַרף דאָך ווידער זיצן אַ שעה אויף דער באַנק.

נו, גוט. זיך געענדיקט די שול. מיר גייען אַהיים.

איך ווייס נישט, צי זאָל איך היינט אויך אַהיימגיין צוזאַמען מיט מונדעקן. אויב מען האָט דעם זעלבן וועג אַהיים, און מען הייבט אָן מיט עמעצן גיין צוזאַמען, דאַרף מען שוין תמיד. און מעג אפילו זיין אומאַנגענעם, איז שוין שווער זיך אָפּצוטשעפּען; מען מוז זיך שוין סיידן גוט צעקריגן, צעשלאָגן אפילו, כדי ווי־דער בלייבן אַליין און אַהיימגיין מיט אַן אַנדערן.

פאַראַן אַזעלכע, מיט וועלכע קיינער וויל נישט אַהיימגיין, טשעפּען זיי זיך צו יעדן טאָג צו אַן אַנדערן. פאַראַן אַזעלכע, וואָס ווילן ליבער אַהיימגיין אַליין, אָבער אַזעלכע זענען פאַראַן ווייניק. פאַראַן אַזעלכע, וואָס האָבן ליב צו גיין מיט אַ גאַנצער מחנה. און ס׳רוב גייט מען אַהיים אינצווייען, אינדרייען; צוויי זענען הייסט עס פריינד, און דעם דריטן פאַרבעט מען, אָדער ער קומט אַליין צו און מיר קוקן, וואָס ער איז פאַר איינער. פאַראַן אייפער־זיכטיקע, וואָס האָבן נישט ליב, אַז עס זאָל זיין אַ דריטער. אַזעלכע זענען אומאַנגענעם: עס זעט אויס, ווי ער וואָלט דיך אָפּגעקויפט פאַר זיך.

עס איז פריקרע, אויב איינער וויל גיין צוזאַמען, און דעם אַנ־דערן איז ער שוין נמאס געוואָרן, אָדער ער האָט זיך אויסגעקליבן אַ צווייטן. מען מוז זיך אַרויסגנבענען פון דער שול, אַז יענער זאָל אים נישט געפינען. אויב עס טרעפט אויך אַן איידעלן, וועט ער פאַרשטיין און אַליין אַוועקגיין. אָבער עס טרעפט אַזעלכער, וואָס מאַכט אַוואַנטורעס, וואָס וועט אויסזאָגן סודות, אָנדערציילן ליגנס און פון כלומרשט אַ פריינד ווערט ער דער ערגסטער שונא.

נישט תמיד מוז דער, מיט וועלכן מען גייט אַהיים פון שול, זיין אַ פריינד. וואָרום דער פריינד קאָן גראָד וווינען ערגעץ אַנ־דערש, אַזוי אַז מען קאָן מיט אים אפילו אַ שטיקל וועג נישט גיין צוזאַמען, נאָר גלייך זיך פאַרנעמען אין פאַרקערטע ריכטונגען. דעריבער איז איין זאַך אַ פריינד, און אַן אַנדערע זאַך, מיט וועמען מען האָט ליב אַהיימצוגיין. אָבער דאָך איז אַ פריינד ווי אַ ברודער און אפילו מער. דער חילוק איז נאָר, וואָס אַ ברודער קען מען בעסער, קאָן מען זיך נישט טועה זיין. גוטע פריינד אָבער

ווערט מען דורך ווערטער, איז דאַכט זיך אויס, אַז ער איז אַזוי ווי ער זאָגט, קאָן מען אַ טעות האָבן, און ער וועט גאָר זיין אַ פאַלשער. אַנדערש אין די אויגן, אַנדערש הינטער די אויגן. אָדער ער רעדט איין זאַך און טאָן טוט ער עפּעס אַנדערש. אויב אַ ברודער גערעכט נישט, איז נישטאָ קיין עצה: צעקריגסט זיך און מוזט זיך צום סוף איבערבעטן. אָבער מיט אַ כלומרישטן פריינד קאָנסטו דיך צעקריגן אויף תמיד.

ווען איך בין דאָס ערשטע מאָל געווען קליין, האָב איך געהאַט פאַרשידענע פריינד. דער ערשטער איז געווען אַ גאַנץ יאָר, אָבער ליב האָב איך אים געהאַט בלויז עטלעכע חדשים, דערנאָך זע איך, אַז ער רעדט מיך אָן צום שלעכטן, האָב איך אויסגעקוקט, ער זאָל זיך אַוועקגיין. און ער גאָרנישט. ביז ער איז געבליבן אויפן אַנדערן יאָר אין דעם זעלבן קלאַס, און אַזוי בין איך פון אים פטור געוואָרן.

דער צווייטער איז מיר אויך נישט שטאַרק געראָטן, אָבער מיט אים בין איך לייכט ברוגז געוואָרן. איך האָב אים געגעבן עטלעכע מתנות, אים געבראַכט פופציק צי זעכציק גראָשן און אַזוי אַרום האָב איך מיך פון אים ווי אויסגעקויפט.

דערנאָך בין איך אַ לאַנגע צייט געווען פאָרזיכטיק. פאַרשידענע האָבן זיך צוגעשאַרט, אָבער איך בין געגאַנגען איין מאָל, צוויי מאָל, און דערנאָך האָב איך כלומרשט באַדאַרפט ערגעץ אָפּטרעטן, אָדער אַז איך האָב פאַרגעסן די פעדער און מוז צוריקגיין אין שול אַריין, אָדער איך פלעג פאַרן גלעקל אַליין צוגרייטן, שנעל אַ כאַפּ טאָן דעם מאַנטל און איך בין שוין נישטאָ. דעם אַנדערן טאָג זאָגט ער מיר:

— ווו ביסטו נעכטן אַהינגעקומען? איך האָב געוואַרט, דיך געזוכט.

און איך:

— איך ווייס נישט. איך בין אַליין אַהיימגעגאַנגען.

ביז איך האָב געפונען אַ פריינד, אַן אמתן. אַזעלכן, וואָס אויב ער איז נישט געקומען אין שול אַריין, איז געווען טרויעריק. אין איך וויל צוזאַמען זיצן. און אָן אים שפּיל איך מיך נישט בעת דער פויזע. און ער איז אָפט נישט געקומען, וואָס אַמאָל אָפטער.

מיר האָבן נישט געשטיפּט אויף דער גאַס, וואָרום ער איז נעגאַנ־
גען פּאַמעלעך. און אַנדערע פלעגן זאָגן:

— אַ חידוש, ער איז דיר נאָך נישט נמאס געוואָרן. ער שלעפּט
זיך אַזוי. אַזאַ קריכער, קושט זיך מיט די מיידלעך.

עס איז גאָרנישט געווען קיין קריכער, נאָר קראַנק אויפן האַרץ.
מיט מיידלעך האָט ער זיך נישט געקושט, נאָר ער האָט געהאַט
אַ קוזינקע. מיר זענען שוין געווען גרויסע, אין פערטן צי אין
פינפטן קלאַס, און זי אין ערשטן. מיר פלעגן זי טיילמאָל טרעפן,
און זי האָט זיך מיט אים געקושט. נאָך אַ קליינע און דערצו
אַ קוזינקע, מאָ וואָס איז דאָ פאַר אַ שלעכטס?

נאָך איינעם האָב איך געהאַט. ער איז געווען מיט צוויי קלאַסן
העכער. וואָרום עס טרעפט, אַז אַן עלטערער באַקענט זיך מיט
אַ קלענערן, און זיי גייען צוזאַמען אַהיים, אויב די שול געענדיקט
זיך גראָד אין דער זעלביקער צייט. אָבער איינמאָל האָט ער מיר
געהייסן וואַרטן, דערנאָך איז ער אַוועק מיט אַ חבר אין מיט אים
געשמועסט, און זיך געמאַכט ווי ער זעט מיך נישט. איך פלאָנ־
טער מיך נעבן זיי, ווי אַ פינפט ראָד צום וואָגן. איך זע אַלזאָ, אַז
ער איז פאַרנומען, גיי איך מיר אַריבער אויף דער אַנדערער זייט
גאַס און קוק, צי ער וועט פרעגן, פאַרוואָס איך גיי אַוועק. אָבער
ער וואָרנישט. איך האָב מיך נישט געפילט באַליידיקט, נאָר איך
האָב געטראַכט: „צו וואָס דאַרף איך, ער זאָל מיר טאָן אַ טובה“.
און אַזוי האָט זיך דאָס געענדיקט.

איך געדענק דאָס אַלצדינג און בין אַצינד שוין פאָרזיכטיק
איך וויל ליבער וואַרטן, ביז איך וועל געפינען עמעצן נישט בלויז
צום אַרומלויפן, נאָר צו קענען מיט אים שמועסן וועגן פאַרשידע־
נע זאַכן. נישט בלויז וועגן דער שול, נאָר אין אַלגעמיין.

איז גיי איך אַהיים, און מונדעק דעריאָגט מיך אויפן וועג.

— איך האָב דיך געזוכט אין שול — זאָגט ער.

איך ענטפער גאָרנישט. — מיר גייען נעבנאַנאַנדער און ער
פרעגט:

— אפשר ווילסטו נישט גיין מיט מיר?

איך זע, אַז ער איז אַ דעליקאַטנער, וואָרום אַן אַנדערער
וואָלט נישט געפרעגט.

איך זאָג:

— אדרבא, איך וויל.

ער האָט אַ קוק געטאָן אויפמערקזאַם, צי איך מיין אויף אַן אמת, אָדער בלויז סתם אַזוי. מיר האָבן זיך ביידע צעשמייכלט.

— ווילסט זיך יאָגן מיטן טראַמוויי?

— עעע, אַלע טאָג זיך יאָגן. איך האָב מיך גענוג אָנגעלאָפן בעת די פּויזעס.

מיר זענען שטיין געבליבן ביי אַ שויפענצטער פון אַ געשעפט.

— אָאָאָ, וואָס פאַר אַ שיינע צירקלען. זעסט, אָט דאָס איז צום אַריינלייגן, אַז מען וויל מאַכן אַ גרויסן קרייז. און אָט איז אויף טוש.

— ווי מיינסטו: וויפל קאָנען אַזעלכע צירקלען קאָסטן? — וואָלסט געוואָלט האָבן? — זע: גאָלדענע טינט. — זע: וואָס פאַר אַ קליין טינטערל: אַ רייזע-טינטערל. איך דאַרף קויפן אַ פּענדזע-ליקל, אָבער נישט דאָ. פראַנקאָווסקי האָט געקויפט אויפן ראָג, האָט ער עס שוין אַ חודש, און אין מיינעם זענען די האָר באַלד אויסגעקראָכן. — אַזעלכע גנבים. — ווען מען זאָל דיר דערלויבן, וואָס וואָלסטו אויסגעקליבן פון שויפענצטער? — ווען מען זאָל דערלויבן בלויז איין זאַך. — איך וואָלט גענומען דעם צירקל און דאָס דאָזיקע נעגערל.

— דאָס זענען דאָך צוויי זאַכן.

— גו, טאָ איז בלויז דעם צירקל.

אין דערנעבנדיקן געשעפט קלויבן מיר אויס צו גרויסע טאָוו-לען שאָקאָלאַד בתנאי, מען זאָל דאָס אונדז דערלויבן.

דערנאָך האָט ער אויסגעקליבן אַ בלומענטאָפּ פאַר דער מאַ-מען. איך אַ ליאַלקע פאַר אירענען.

אין זייגערמאַכערס שויפענצטער געפינען זיך נעבן פינגער-לעך און בראָשקעלעך מיט טייערע שטיינער — אויך זייגערלעך. מיר זענען נישט גיריק. מיר פאַרזאָרגן זיך מיט זייגערלעך. מיר האָבן זיך לאַנג מישב געווען, צי איז בעסער אַ זייגערל אויף דער האַנט, אָדער אַ טאַשן-זייגערל מיט אַ קייטעלע.

וואָרום מיר, קינדער, אונטערשיידן זיך פון אייך, דערוואַק-סענע. אונדז גייט וויניק אָן דער מאַרק-פּרייז פון אַ זאַך. מיר ווייסן נאָר פון נייטיקע זאַכן און אומנייטיקע, און מיר זענען

תמיד גרייט אויסצובייטן אַ טייערע זאַך, אָבער אַ גלייכגילטיקע פאַר אונדז, אויף אַ זאַך, וועלכע מיר ווילן האָבן. ווען איר זאָלט זיך ווען באַקענען מיט אונדזערע האַנדלס־טראַנזאַקציעס, וואָלט איר געוווסט, אַז אָפּנאַרערײַ האָט ביי אונדז גאָר אַן אַנדער פּנים.

ווען איך בין דאָס ערשטע מאָל געווען אַ קינד, האָב איך אַמאָל באַקומען גלימשערס. דעמלט זענען גלימשערס נאָך געווען אַ זעלטענע מתנה, און אַ טייערע. נו, האָב איך זיי אויסגעביטן אויף אַ פּענאַל פון ווײַנשל־האָלץ, אַ קיילעכדיקן, מיט אַן אָנגע־מאָלט בולדאָגל. דעם בולדאָגל האָט געפעלט איין אויג, אָבער עס איז געווען זייער באַחנט. אַ פּענאַל דאַרף מען אַלע טאָג, און גלימשערס בלויז אַמאָל, און גראָד איז דער ווינטער געווען אַ לייכ־טער, נישט געווען קיין אייז. ווען מען איז אינדערהיים געוווּיר געוואָרן, האָט מען מיר געמאַכט אַ סקאַנדאַל. איך האָב געמוזט אָפּגעבן. איך האָב מיך זייער געשעמט, וואָרום אויב די גלימשערס זענען געווען מיינע, האָב איך באַדאַרפט האָבן דאָס רעכט צו טאָן מיט זיי, וואָס איך וויל. וועמענס עסק, אַז מיר געפעלט בע־סער אַ פּענאַל פון שמעקעדיק האָלץ מיט אַ בלינד בולדאָגל? ער האָט בכלל נישט אָפּגענאַרט, איך האָב געוווסט, אַז גלימשערס זענען טייערער, נאָר איך האָב געוואָלט האָבן אַ פּענאַל. און צי האָט אַ וואַנדערער אין מדבר נישט אַוועקגעגעבן אַ זאַק מיט טיי־ערע פּערל פאַר אַ קרוג וואַסער?

מיר האָבן זיך לאַנג מישב געווען, וואָס אויסצוקלייבן פון דעם סטאָליערס שויפענצטער. מיר האָבן געוואָלט האָבן אַ טישל מיט אַ שופלאָד צום פאַרשליסן מיט אַ שליסעלע, אָבער צי וועט מען אונדז דערלויבן עס אַוועקצושטעלן? אפשר עפּעס פאַר די עלטערן? עס איז אָבער זייער אָנגענעם צו האָבן כאָטש אַ קליין, אָבער אייגן טישעלע.

מיר האָבן אָנגעהויבן צו רעדן וועגן דער היים: אַז אים איז שלעכט, ווייל זיין טאַטע טרינקט.

— עס איז אַ גרויס אומגליק צו האָבן אַ טאַטן אַ שיכור. שיכורים דאַרף מען פאַרווערן חתונה צו האָבן. וואָרום דערנאָך מאַטערט זיך דאָס ווייב און די קינדער. פאַר יעדער פּענסיע האָבן מיר מורא: וועט דער טאַטע ברענגען דאָס געלט אַהיים, אָדער מיר וועלן אַ גאַנצע וואָך הונגערן. און שטעל דיר נאָר פאָר דאָס

פאַרגעניגן. ווען ער איז שיכור, ווייסט ער נישט, וואָס עס טוט זיך מיט אים, און אַז ער שלאָפט זיך אויס, שעמט ער זיך און דער קאָפּ טוט אים וויי.

— און דו קאָנסט אים נישט זאָגן, ער זאָל אויפהערן?

— וואָס קאָן איך דאָרט זאָגן? די מאַמע ווײנט שוין גענוג, שרייט און שילט. ער זאָגט צו, און דערנאָך איז ווידער דאָס זעלבע. פּונקט ווי אַ קינד.

— אָבער דו פּרווו מיט גוטן.

— אַז איך שעם מיך. אײנמאָל זענען מיר געווען אין דאָרף בײם טאַטנס אַ קאָלעגע. מען האָט דאָרט געטרונקען. און דער טאַטע האָט געזאָגט, אַז ער וויל נישט. וואָרום ער האָט ווידער געהאַט געגעבן דער מאַמען אַ שבועה, אַז ער וועט צום מויל נישט נעמען קיין בראָנפן. און ווען מען האָט אים אָנגעהויבן צוצורעדן, ער זאָל כאָטש איין גלעזעלע נעמען, האָב איך אים אַ צי געטאָן בײם אַרבל, וואָרום איך האָב געוווסט, אַז ווי נאָר איין גלעזל, וועט ער שוין אָנהײבן מער. און דער טאַטע האָט זיך אויפגעהויבן און געזאָגט: „קום, לאָמיר גײן צום טײך“. זענען מיר אַוועק אַהין. און די פײגעלעך זינגען. און די תבואה האָט זיך צו אונדז ווי געבוקט. און אַ זון. און שײן, אָנגענעם. דער טאַטע האַלט מיך בײ דער האַנט. דערנאָך האָבן מיר זיך אַנידערגעזעצט בײם טײך, און דער טאַטע נעמט מיך ווידער בײ דער האַנט. מיטאַמאָל אָבער האָט אים די האַנט אַ ציטער געטאָן, ווי ער וואָלט זיך אָפּגעבריט מיט קראָפּיווע. און איך האָב געזאָגט: „דער טאַטע זעט, אַז עס איז בעסער נישט טרינקען“. און דער טאַטע האָט אויף מיר אַ קוק געטאָן, און איך האָב מיך זײער פאַרשעמט און שטאַרק רחמנות געקריגן אויפן טאַטן. וואָרום ער האָט אויף מיר אַ קוק געטאָן אַזוי טרויעריק. דו ווײסט, טײלמאָל טוט אַ הונט אַזאַ קוק. ווען ער בעט עפּעס, אָדער ער האָט מורא, מען זאָל אים נישט אַ קלאַפּ טאָן. איך ווײס, אַז אַ מענטש איז עפּעס אַנדערש, און אַ הונט איז עפּעס אַנדערש. אָבער עס איז מיר אַזוי גראָד אײנגעפאַלן. איך וואָלט שוין איצט פאַר קײן שום זאַך אין דער וועלט נאָכאַמאָל אַזוי נישט גערעדט צום טאַטן. און דער טאַטע האָט זיך עפּעס ווי מישער געווען, וואָרום ער קוקט כסדר אויפן וואַסער, קוקט — און טוט אַ זאָג: „אַ הינטיש לעבן, זונעלע“. און ער

האָט אָפּגעזיפצט. און איך וויל אים קושן די האַנט, עס הייסט איבערבעטן. אָבער דער טאַטע האַלט מיר שטאַרק די האַנט און לאָזט נישט. איך ווייס נישט, צי ער איז געווען אויף מיר ברוגז, און אפשר האָט ער געטראַכט, אַז איך בין נישט ווערט אים אַ קוש צו טאָן. דער טאַטע איז שוין נישט צוריקגעגאַנגען אַהין צו זיי, ער האָט נאָר געזאָגט, איך זאָל אים ברענגען דעם שטעקן, אַז דער קאָפּ טוט אים וויי. ער האָט נישט געוואָלט, אַז מען זאָל פון אים חוזק מאַכן. אויף דער קאָלייקע האָט ער געקויפט בייגל. איך האָב קיין איינע נישט געגעסן, אַלע אַוועקגעגעבן מיין ברו־דערל. איך האָב אפילו געוואָלט אויפעסן אַ פּאָר, דער טאַטע זאָל נישט מיינען, אַז איך האַלט מיך אין גרויסן. אָבער איך האָב נישט געקאָנט; עס האָט מיך עפּעס געשטיקט. אַ צייט דערנאָך, אפשר אַ חודש, האָט ער נישט געטרונקען, די מאַמע האָט שוין געמיינט, אַז עס איז געוואָרן גוט. אָבער מען האָט איר געזאָגט, אַז ווען איינער געוווינט זיך אָפּ, און גייט אַרום אַן אָנגעכמורע־מער, הייסט דאָס, אַז ער וועט נאָך; ערשט ווען ער הערט אויף צו טראַכטן און ווערט ווידער פריילעך, וועט ער שוין נישט. — אָבער הער: זאָג נישט דערפון קיינעם אין שול. איך דערצייל דאָס בלויז דיר. וועסט נישט זאָגן? אפילו ווען מיר זאָלן זיך צעקריגן?

— נו, ווייסט נישט? מיר וועלן זיך צוליב עפּעס אַמפּערן און מיר וועלן זיך צעקריגן.

מיר האָבן נאָך אַ ביסל געשמועסט, וואָס פאַר אַ פאַרשי־דענע מענטשן עס זענען פאַראַן אויף דער וועלט: איינער טרינקט, אַ צווייטער וויל נישט אַרבעטן, אַ דריטער גנבעט, דער האָט ליב דאָס, יענער האָט ליב יענץ.

— אָט, צום ביישפּיל, זענען פאַראַן אַזעלכע, וואָס האָבן נישט ליב אָפּצושניידן די נעגל. וואָרום אויב זיי שניידן אָפּ, דע־נערווירט עס זיי. טראָגן זיי גרויסע נעגל. אָדער זיי בייסן זיי אָפּ.

און וועגן דעם וואָס עס מאַכן זיך ריצן אויף די פינגער, אַז זיי טוען וויי. און וואָס אויף די נעגל מאַכן זיך ווייסע פלעקן: פונ־וואַנען נעמט זיך דאָס?

— מען זאָגט, אַז דאָס בליט דאָס גליק. און אַנדערע זאָגן, אַז עמעצער איז מקנא. — עס איז תמיד אַזוי: איינער זאָגט

אַזוי, דער אַנדערער אַזוי, דערנאָך ווייסט מען נישט, וועמען צו גלייבן. שוידערלעך פיל ליגנס זענען פאַראַן אויף דער וועלט.

און מיר האָבן אַזוי לאַנג געשמועסט, אַז איך האָב מיך פאַרשפּעטיקט צו מיטאָג. וואָרום איך האָב אים צוגעפירט אַהיים, און ער מיך, און מיר זענען געגאַנגען אַהין און צוריק. עס איז געווען אָנגענעם צו גיין און שמועסן, וואָרום אומעטום איז געלעגן שניי און שניי.

איך האָב מיך פאַרשפּעטיקט.

און די מאַמע נעמט שרייען, פאַרוואָס איך האָב מיך פאַר־שפּעטיקט אויף מיטאָג.

אַז איך לויף אַרום; אַז זי האָט גענוג צו רוימען און צו וואַשן; אַז איך צעריים די שיך; און פאַרוואָס בין איך נישט קיין מיידל, וואָרום איך וואָלט צוגעהאָלפן; אַז זי וועט גיין אין שול אַריין זיך באַקלאָגן; אַז איך וועל אויפוואַקסן אַ הולטאַי; אַז אַ־רענע וואָלט באַדאַרפט זיין עלטער און איך יינגער; אַז די מאַמע וועט שטאַרבן איבער מיר.

איך שטיי און פאַרשטיי גאָרנישט.

אויב איך האָב מיך פאַרשפּעטיקט, קאָן איך עסן מיטאָג קאַל־טערהייט, אָדער אינגאַנצן נישט עסן, איך קאָן אַליין אויסוואַשן דאָס שיסעלע.

די מאַמע האָט אויפגעגעבן דאָס עסן, און איך וויל נישט. צעשרייט זי זיך נאָך ערגער:

— נעם עסן... העוויות וועט ער נאָך מאַכן, צערעמאָניעס.

איך וויל זי שוין נישט מער צערייצן און איך עס. אָבער יע־דער ביסן בלייבט מיר שטעקן אין האַלדז. און איך קאָן נישט אַראָפּ־שלינגען. איך בעט אַזש צו גאָט, אַז דאָס דאָזיקע עסן זאָל זיך אַמאָל ענדיקן.

ערשט אין אָוונט האָב איך מיך דערוווסט, אַז מילבן האָבן צעפרעסן דער מאַמעס אַ קלייד. עס דאַרף זיין אַ געבורטסטאָג־יום־טוב און דאָס קלייד איז צעפרעסן פון מילבן. איז הייסט עס אויך דערפאַר, וואָס די מילבן טוען, מוזן די קינדער זיין פאַר־אַנטוואָרטלעך?

די דאָזיקע אומגערעכטיקייט האָט נאָך פאַרגרעסערט מיין ווייטיק. שוין גלייכער נישט צו ווויסן, פאַרוואָס די דערוואַקסענע

זענען אין כעס, בעת זיי גיבן אונדז אַ פּסק. דו פּילסט, אַז עס האָט זיי עפּעס געטראָפן, אָבער דו זוכסט די שולד אין זיך. ביז דו געפינסט.

איך האָב מיך אַוועקגעזעצט אין מיין ווינקעלע מאַכן די לעקציעס. אָבער איך האָב מורא, אַז עמעצער פון די יינגלעך קאָן אָנקומען, און עס וועט זיך ווידער אָנהייבן:

— גיי ווידער רייסן די שיך, דיינע קאָלעגעלעך רופן דיך שוין!

איך האָב דאָך צוליב דעם געוואָלט זיין אַ קינד, כדי זיך ווידער צו שפּילן מיט קאָלעגעס.

און איך האָב גראָד געטראָפן, וואָרום עמעצער האָט אָנגע־קלאַפּט, אָבער שטיל און בלויז איין מאָל. אָבער די מאַמע האָט דערהערט:

— זאָלסט זיך מיר נישט דערוועגן אַרויסצוגיין. די לעק־ציעס מאַך!

נו, איך מאַך דאָך. איך האָב אפילו גאָר קיין חשק נישט אַרויסצוגיין.

און עס דאַכט זיך מיר אויס, אַז איך זיץ איינער אַליין אין פעלד, און עס איז נאַכט און אַ פראָסט, און איך בין אַליין, און באָרוועס, און הונגעריק און וועלף וואָיען. און ס'איז אַ פּחד. און איך בין שוין אינגאַנצן פאַרגליווערט.

משונהדיק איז דער מענטש. אָט איז ער פריילעך, אָט פּלוצ־לינג טרויעריק.

איך וויים נישט אויף זיכער, אָבער מיר דאַכט זיך, אַז די דערוואַקסענע זענען אָפטער אין כעס, ווי טרויעריק. און אפשר זענען זיי אין זיך טרויעריק, און אויף די קינדער לאָזן זיי אויס דעם כעס. זעלטן טרעפט, מיר זאָלן זאָגן וועגן אַ לערער:

— ער איז היינט געווען טרויעריק.

און ליידער אָפט:

— ער איז היינט געווען בייז.

קינדער וויינען אָפטער ווי דערוואַקסענע, נישט דערפאַר, ווייל זיי זענען וויינערס, נאָר ווייל זיי פילן טיפער, ליידן מער.

פאַרוואָס מאַכן זיך די דערוואַקסענע גאָרנישט פון אונדזערע קינדערישע טרערן? ווייל עס דאַכט זיך זיי, אַז מיר וויינען פון אַ ליאַדע וואָס. ניין. קליינע קינדער שרייען, ווייל דאָס איז זייער

איינציקע פאַרטיידיקונג: אַז מען שרייט, געפינט זיך עמעצער, וואָס דערהערט און קומט העלפן. אָדער מען שרייט פון פאַר־צווייפלונג. מיר ווײנען אָבער זעלטן און נישט צוליב דעם גאָר וויכ־טיקסטן. אויב עס טוט גאָר שטאַרק וויי, באַווייזט זיך בלויז איין טרער און אַ סוף. און מיט דערוואַקסענע טרעפט אויך אַזוי, אַז אין אַז אומגליק ווערן פלוצלינג אויסגעטריקנט, פאַרגליווערט די טרערן.

און שוין גאָר זעלטן וועסטו זיך צעוויינען, ווען מען בייזערט זיך אויף דיר אומגערעכט. דו לאָזסט אַראָפּ דעם קאָפּ און מער גאָרנישט. טיילמאָל פרעגט מען דיך, און דו ענטפערסט נישט. טיילמאָל ווילסטו ענטפערן, אָבער דו רירסט בלויז מיט די ליפּן און קאָנסט נישט. זיי זאָגן, אַז דאָס איז עקשנות. און טיילמאָל צעברויזט זיך טאַקע אַ פאַרביסנקייט, אַז עס איז שוין אַלצדינג אַלציינס: זאָלן זיי דערהרגענען, וועט גיכער געמען אַ סוף. איז טוסטו אַ הייב די אַקסלען, אָדער אַ מרוקע אונטער דער נאָז. וואָרום אין קאָפּ הרייען זיך דיר די ערגסטע מחשבות און מיאוסע ווערטער. דו וועסט שוין דעמלט נישט נעמען אין אַכט, אַז דאָ האַנדלט זיך וועגן דעם לערער, אָדער וועגן טאַטן. אָדער גאָר — אין קאָפּ איז ליידיק, בלויז די ברוסט איז פול מיט שטומער פאַרצווייפלונג און צאָרן.

אָפט הערסטו אפילו נישט, וואָס מען שרייט אויף דיר. — פאַרשטייטסט קיין איין וואָרט נישט. דו ווייסט אפילו נישט וועגן וואָס עס גייט. בלויז אין די אויערן הילכט און אין קאָפּ טומלט.

און דערצו נאָך — אַ ריס, אַ שטויס, אַ קלאַפּ. מען גיט דיר אַ קלאַפּ, אָדער אַ שלעפּ פאַר דער האַנט — און עס דאַכט זיך זיי, אַז האָס הייסט נישט געשלאָגן, אַז עס טוט נישט וויי. וואָ־רום שלאָגן הייסט ביי זיי דורכן די קינדער. ווען מען קאַטעוועט מיט אַ פּאַסעק, מען האַלט צו און מען שלאָגט, ווי רוצחים. און דאָס קינד רייסט זיך און געוואַלדעוועט:

— כ'וועל שוין מער נישט, כ'וועל שוין מער נישט.

פאַר אַזאַ מין שלאָגן — אפשר טרעפט עס שוין אַצינד ווײ־ניקער, אָבער עס איז נאָך פאַראַן — וועט מען אין דער צוקונפט גלייך איינזעצן אין קרימינאַל. וואָס עס פילט דער, וואָס שלאָגט און וואָס עס פילט דאָס קינד, ווייס איך נישט. אָבער מיר קוקן

ד׳ערויף מיט עקל, אויפרעגונג און שרעק. מיר האָבן מער רחמנות אויף אַ פערד ווי אויף אַ מענטש.

איר קאָנט אפשר אַ טראַכט טאָן, אַז מיר צווישן זיך שלאָגן זיך דאָך אויך. אָבער מיר האָבן קליינע הענט און ווייניק כוח. און אפילו אין גרעסטן כעס שלאָגן מיר קיינמאָל נישט מיט אַזאַ רציחה. איר זייט נישט קיין מבינים אויף אונדזערע געשלעגן. מיר פּרוּוון תמיד פּריער, ווער ס׳איז שטאַרקער און מעסטן אוים דעם כוח לויטן עלטער און אויסהאַלטעוודיקייט. ער מיך און איך אים. און אַז עס געלינגט עמעצן דעם אַנדערן אַרויסצושלאָגן פון די כוחות, אַז ער קאָן זיך שוין נישט רירן, הערן מיר באַלד אויף. בלויז אַז עמעצער שטערט אונדז, דעמלט קאָנען מיר אַראָפּלאָזן אַ צו שטאַרקן קלאַפּ. אָדער אַז מיר ראַנגלען זיך, טרעפט מען מיט אַ קלאַפּ אין נאָז, און פון דער נאָז גייט באַלד בלוט.

מיר ווייסן, וואָס עס הייסט: ס׳טוט וויי.

(עפּעס אַ דאָקטער אַ שוטה האָט אויסגעמאָסטן, אַז קינדער פון די אויסבעסערונג־אַנשטאַלטן פילן ווייניקער. איך וואָלט אויס־געמאָסטן זיין עמפּינדלעכקייט און אים אַרייגגעצימבלט פּופּציק שמיץ, וואָרום עס איז אַ חרפּה, אַזעלכע ווינסשאַפטלעכע אַרבעטן זאָל שרייבן אַ פּאָליאַק און אַ מעדיקער).

איך זיץ מיר אַזוי און טראַכט, וואָס איך האָב געוווסט אַמאָל און וואָס איך ווייס אַצינד. און וואָס אַמאָל נעמט מיך אַרום אַ גרעסער רחמנות, וואָס מיר זענען אַזעלכע קליינע און שוואַכע. און צום מיינסטן איז מיר אַ רחמנות אויף מונדעקן, וואָס ער האָט אַ טאַטן אַ שיכור.

— נו, איך וועל שוין מסתמא ווערן זיין חבר. אים איז שלעכט און מיר אויך. טאָ זאָל זיין ברודערשאַפט. און צוליב אים לייד איך אַצינד, וואָרום צוליב אים האָב איך פאַרשפּעטיקט צו מיטאָג.

עס איז מיר עפּעס וואַרעם געוואָרן אין די אויגן און איך האָב שנעל אָפּגערוקט דעם העפט, עס זאָל נישט אַרויפקאַפּען אַ טרער אויף דער לעקציע. אָבער ניין: בלויז צו דער נאָז זענען זיי צוגעקו־מען, זיי זענען נישט אַראָפּגעפאַלן.

מיטאַמאָל קומט צו אירענע. זי האָט זיך אַוועקגעשטעלט פונ־וויטנס און קוקט. און איך וואַרף אַ בליק פון דער זייט, וואָרום

איך ווייס נישט, וואָס זי וויל. און זי שטייט און זאָגט גאָרנישט, זי שטייט נאָר. איך וואַרט, און זי האַלט עפּעס און לייגט עס אי־בער פון האַנט צו האַנט. איך ווייס, אַז עס וועט געשען עפּעס אַ גוטע זאַך, און אַ ווייכקייט פאַרגיסט מיר דאָס האַרץ. אַ שטיל־קייט נעמט מיך דורך אינגאַנצן. און אָט, אירענקע דערלאַנגט מיר עפּעס — עפּעס אַ זאַך. זי וויל מיר שענקען אַ געשליפן גלעזל, וואָס אַז מען קוקט דורך דעם, זעט מען אַלצדינג אין פאַרשידענע קאָלירן. געכטן האָב איך געבעטן, האָט זי מיר אפילו געגעבן צו קוקן, און אַצינד זאָגט זי:

— נאַ דיר אויף שטענדיק.

צי זי האָט געזאָגט: „נאַ דיר" — ווייס איך נישט, וואָרום איך האָב נישט געהערט. איך האָב בלויז דערהערט:

— אויף שטענדיק.

אַזוי שטילינקע, צאַרט, אָנגענעם, שעמעוודיק.

איך האָב נישט געוואָלט נעמען, וואָרום אָט גיט זי, און שפּעטער וועט זי זיך צעקריגן, אָדער חרטה האָבן און אָפּנעמען. זי קאָן זיך נאָך פאַרקלאָגן, אַז איך האָב אַליין גענומען. וואָרום מיט קליינע קינדער איז שווער אויסצוקומען, ווייל די גרויסע שטערן אונדז. פּונקט ווי זיי לאַכן אונדז אויס און דערקוטשען, ווייל מיר זענען קליין, טוען מיר דאָס זעלבע מיט נאָך קלענערע. עס איז דאָך שיין צו הערן ווי אַ קליין קינד זאָגט: „אויף שטענ־דיק", און מיר לאַכן זיך אויס דערפון. איז האָב איך נישט גע־וואָלט צונעמען, ווייל איך האָב נישט קיין צוטרוי, איך האָב מורא, אַז איך וועל האָבן עגמת־נפש. איך נעם עס, קוק, און מיטאַמאָל זע איך אָנשטאָט איין פענצטער אַ סך פענצטער און פון כלערליי קאָלירן. און איך זאָג:

— איך וועל דיר אָפּגעבן.

און זי:

— מ'דאַרף ניסט.

און זי האָט אַריינגעלייגט איר קליין הענטל אין מיינע גרוי־סע הענט. איך קוק אויף איר האַנט דורכן גלעזל — און מיר שמייכלען איינער צום אַנדערן.

מיטאַמאָל פרעגט די מאַמע, צי איך האָב געענדיקט די לעק־ציעס, אַז זי וועט מיר געבן אויף אַ טראַמוויי, איך זאָל פאָרן צו

דער מומען און איר אַוועקגעבן דאָס קלייד, וואָס די מילבן האָבן צעפרעסן. און איך, אָנגעברוגזט אויף דער שטוב, טראַכט מיר:

— גוט, וואָס איך וועל כאָטש אַ ביסל נישט זיין אין דער שטוב.

— גאָר פאַרליר נישט — זאָגט די מאַמע.

איך האָב בלויז אַ טראַכט געטאָן:

אַ מיידל וואָלט אפשר פאַרלוירן, אָבער נישט איך.

וואָרום מיט פאָרוואַרפן אונדז, וואָס מיר זענען ייִנגלעך, העצן זיי אונדז אַליין אויף די מיידלעך. וואָרום וואָס זענען מיר שולדיק? אַזוי האָט אונדז שוין גאָט באַשאַפן.

און זיי רק:

— די ייִנגלעך, די ייִנגלעך.

ענטפערן מיר ווידער צוריק:

— מיידלעך זענען אַזוי און אַזוי.

ווי צוויי פיינטלעכע לאַגערן.

מיר ווייסן דאָך אַליין, וואָס זיי זענען ווערט און וואָס מיר.

איז אָט, איך האָב גענומען דאָס קלייד, וואָס די מאַמע האָט איינגעוויקלט אין אַ לייוונט — און איך לאָז מיך גיין.

אויפן טראַמוויי האָב איך געמוזט לאַנג וואַרטן און איך בין אין כעס, וואָרום איך האָב געוואָלט באַלד צוריקקומען אַהיים, כדי צו ווייזן, אַז איך האָב גיך דערלייִדיקט. איז אָבער עפּעס געשען, אַז די טראַמווייען האָבן זיך פאַרהאַלטן, און ווען עס איז שוין איינער אָנגעקומען, איז ער געווען פול און מען האָט זיך נאָך גענומען אַריינשטופּן. און איך שטופּ מיך אויך. איך האָב מיך שוין אפילו געהאַט אָנגעכאַפּט ביי דער שטאַנג, כדי אַריינצוגיין, ווי מיטאַמאָל טוט מיך איינער אַ שטופּ אַראָפּ, אַז איך האָב מיך אַזש איבערגעקערט. איך בין אַזוי בייז געווען, אַז איך האָב גענומען שעלטן. און יענער שטייט זיך אויף די שטיגלעך און זאָגט:

— וווּהין קריכסטו? ווּעסט אַראָפּפאַלן.

וואָס פאַר אַ גוט האַרץ.

איך האָב מיר געטראַכט:

— ווּעסט אַליין אַראָפּפאַלן, שיכור איינער.

ער איז אָבער גאָרנישט געווען שיכור. איך האָב בלויז פון כעס געזידלט. ער האָט מיך גאַנץ ניכטער אַרויסגעשטופּט פון טראַמוויי, ווייל ער איז שטאַרק, ווייל ער איז אַ גרויסער.

איך וואַרט ווייטער, אָבער דער צווייטער טראַמוויי איז אויך פול. איך האָב באַצאָלט און איך פאָר. אָבער איך טראַכט כסדר, ווי געמיין ער האָט מיך אַראָפּגעשטופּט. אַזאַ געמיינער נפש, אַ גראָבער יונג, און נאָך אַ דערוואַקסענער דערצו — גיט קינ־דער אַ ביישפּיל.

און ווידער האָט מיך איינער אַ שטופּ געטאָן. ער האָט מיך עפּעס אַזוי געטאָן אַ שאַר אַוועק, ווי אַ טויטע זאַך: דאָס קלייד איז מיר שיער אַרויסגעפאַלן. און וואָס פאַר אַ שלעכטס האָב איך דאָס געזאָגט? יעדער איינער וואָלט געזאָגט דאָס זעלבע:

— פּאָרזיכטיקער.

און ער, ווי ער גיט דאָס אויף מיר אַ פּאָר אַרויף:

— איך וועל דיר געבן פּאָרזיכטיקער.

און ער טוט מיר אַ שטעק די לאַפּע אונטער דער גאָמבע.

זאָג איך:

— לאָזט מיך אָפּ.

און ער:

— טאָ רעד נישט קיין עזות.

זאָג איך:

— איך רעד נישט קיין עזות.

מיטאַמאָל מישט זיך אַריין עפּעס אַן אַלטער. ער האָט גאָר־נישט געזען, ער ווייסט פון גאָרנישט — און ער הייבט אָן:

— וואָס פאַר אַ דערציונג מען גיט היינט. אַזאַ חוצפּהניק זאָל נישט אָפּטרעטן פאַר אַן עלטערן.

זאָג איך:

— ער האָט נישט געזאָגט, איך זאָל פאַר אים אָפּטרעטן.

און יענער צו מיר:

— איך וועל דיר שוין זאָגן, הונט איינער.

— איך בין נישט קיין הונט, נאָר אַ מענטש, און איר האָט נישט קיין רעכט צו שטופּן.

— וועסט מיך לערנען, וואָס איך האָב רעכט.

— אוודאי.

דאָס האַרץ קלאַפּט מיר און אין האַלדז שטיקט. זאָל ווערן אַ סקאַנדאַל. איך לאָז מיך נישט. און דערווייל הייבן אָן מענטשן זיך אומצוקוקן. זיי חידושן זיך, וואָס אַ קליינער, און לאָזט זיך נישט.

— נו, און וואָס וועסטו מיר טאָן, אַז איך וועל דיר אַזוי אַ דערלאַנג טאָן איבער די אויערן?

— וועל איך רופן אַ פּאָליציאַנט און אייך הייסן אַרעסטירן, ווייל איר מאַכט אַוואַנטורעס אין טראַמוויי.

דאָ הייבן אַלע אָן פּלוצלינג צו לאַכן און ער אויך. זיי זענען שוין אפילו גאָרנישט אין כעס, נאָר זיי לאַכן בלויז, ווי איך זאָל האָבן געזאָגט עפּעס אַ וויץ. מען הייבט זיך אַזש פון די בענק, כדי מיך אָנצוקוקן.

איך האָב שוין נישט געקאָנט מער אויסהאַלטן, זאָג איך:

— אַנטשולדיקט, איך וויל שוין אַראָפּגיין.

און ער פאַרהאַלט מיך:

— ביסט דאָך ערשט אַרויפגעקומען — זאָגט ער — פאַר אַ ביסל.

און דאָרט זיצט זיך איינע אַ גראָבע צעלייגט און זאָגט:

— וואָס פאַר אַן איינגעגעסענער וואָרעם.

איך האָב מיך שוין אפילו נישט צוגעהערט צו יעדן איינעמס שטאָך־וואָרט.

— איך וויל אַרויסגיין! — שריי איך.

ער מאַכט זיך גאָרנישט דערפון:

— וועסט נאָך צייט האָבן — זאָגט ער — ביסט נאָך יונג. וואָס איילסטו זיך אַזוי?

איך האָב אַ געשריי געטאָן מיטן גאַנצן כוח:

— הער קאָנדוקטאָר!

ערשט דעמלט האָט זיך איינער אָנגענומען פאַר מיר:

— נו, לאָזט אים שוין אָפּ, מיינע הערן.

און איך בין אַרויס, און אַלע קוקן ווי אויף עפּעס אַ בייז וווּנדער. זיי האָבן אוודאי נאָך געלאַכט פון מיר אַ האַלבע שעה.

מען הייסט אונדז נאָך האָבן דרך־ארץ פאַר זיי — איך וואָלט וועלן וויסן פאַרוואָס. געמיינע יונגען בלויז. דאָס געבאָט זאָגט: „גיב אָפּ כבוד דיין טאַטן", אָבער נישט יעדן איינעם, וואָס איז

פריער פאַר דיר געבוירן געוואָרן. אַ גרויסע קונץ. און וואָס זאָל מונדעק טאָן, אַז ער האָט אַ טאַטן אַ שיכור? „הונט, איינגעגע־ סענער וואָרעם, חוצפּהניק, שלעכטע דערציונג“. אדרבא, גיט איר אַ ביישפּיל פון גוטער דערציונג. און אַז דער לערער האָט בשעת דער לעקציע אַ גאַנצע שעה זיך געגראָבלט אין נאָז? וואָס דאַרף ער זיך זשעגירן פאַר קליינוואַרג? און מען רופט אונדז נאָך ראָ־ צערס. בלויז כדי צו באַליידיקן און דערנידעריקן. איז דען אַ חידוש, אַז ווען די קינדער וואַקסן אויף, גייען זיי אַרום מיט אַזאַ רציחה איבער דער וועלט?

מיר האַלטן קאָפּ, מיר זעען אַ סך, מיר ווייסן אַ סך, נאָך מער זענען מיר זיך משער און האָבן אַ פּאָרגעפיל. אָבער מיר מוזן זיך מאַכן תמעוואַטע, ווייל מען האָט אונדז פאַרמויערט די מיילער.

דער לערער גראָבלט זיך אין נאָז בשעת די לעקציעס, און די לערערין דרייט זיך אויס צום פענצטער, נעמט אַרויס בגנבה אַ שפּיגעלע און מאַלעוועט זיך די ליפּן. צי מיינען זיי, אַז מיר זענען בלינד, ווען עס זיצן פון אונדז פּערציק? פאַרוואָס טוען זיי דאָס נישט, ווען דער אינספּעקטאָר איז דאָ?

און זיי וואונדערן זיך, פאַרוואָס מען טוט זיי אַמאָל עפּעס אָפּ אויף צו להכעיס.

וואָרום מיר פילן דאָך, אַז זיי מאַכן אונדז קאַליע. די מאָראַל איז ביי זיי בלויז אויף דער צונג, אָבער זיי האָדעווען אויף אין אונדז פאַלשקייט און חניפה. כדי ווען מיר וועלן אויפוואַקסן, זאָלן מיר דערנידעריקן דעם שוואַכן, און קריכן פאַרן שטאַרקערן.

אַזוי ווי דער פרייסישער לערער האָט זיך באַרימט, אַז דאָס האָט ער געוווּנען די שלאַכט פון סעדאַן. אָבער ביי דער מאַרגע האָט ער געקריגן איבער דער פעל, און מיר האָבן געזיגט, בעת עס איז כמעט ביי אונדז נישט געווען קיין שולן.

איך גיי מיר אַזוי מיטן קלייד אונטערן אָרעם, און עס פלאָנ־ טערן זיך מיר מחשבות פון דערוואַקסענע אויסגעמישט מיט קינ־ דערישן ווייטיק און געפיל פון באַליידיקונג.

בלויז פיר סטאַציעס בין איך געפאָרן, צו דער מומען איז נאָך ווייט, אָבער איך וויל ליבער לויפן, איידער מיט זיי זיך אַרומ־ צוריידן.

און אינדערהיים זאָגט די מאַמע ווי אויף צו־להכעיס:

— וואָס האָט עס אַזוי לאַנג געדויערט?

איך האָב גאָרנישט געענטפערט. וואָרום עס האָט זיך מיר פּלוצלינג אויסגעדאַכט, אַז די מאַמע איז אין אַלעם שולדיק. ווען איך זאָל נישט געווען באַלד פון דער היים אַרויסגעיין צערייצט, וואָלט איך אפשר נישט געמאַכט קיין אַוואַנטורעס אין טראַמוויי. מען טרעט אָפּ אַזויפיל מאָל, וואָלט געווען נאָך איין מאָל. און דאָס שפּריכוואָרט, ווי אויף חוזק, זאָגט גאָר, אַז דער קלוגער טרעט אָפּ דעם נאַר. גיי זוך אַצינד דעם קלוגן.

עס איז מיר אַ שאָד, וואָס דער טאָג האָט זיך אָנגעהויבן אַזוי שיין, און זיך געענדיקט אַזוי טרויעריק.

איך ליג שוין, אָבער איך קאָן נישט איינשלאָפן, נאָר איך טראַכט אַלץ:

— אַזוי, אפּנים, מוז שוין זיין. אין דער היים איז נישט גאָר גוט, און די וועלט איז נאָך ערגער. איז עס פּאַר זיי, הייסט עס, אויסגעקומען אַזוי לעבערלעך? הייסט עס, אַז איך בין קליין, טאָר איך נישט רופן אַ פּאָליציאַנט, נאָר זיי מעגן מיך אַראָפּשטופּן פון טראַמוויי, אָנכאַפּן אונטער דער גאָמבע און דראָען מיט שלאָגן.

צי זענען סוף־כל־סוף קינדער מענטשן אָדער נישט? און איך ווייס שוין אפילו נישט, צי איך זאָל מיך פרייען, וואָס איך בין אַ קינד, צי איך זאָל מיך פרייען, וואָס דער שניי איז ווידער ווייס, צי זאָל איך זיין טרויעריק, ווייל איך בין שוואַך.

ביז עס קומט צו הילף די טרוימעריי. וואָרום וויפל מאָל עס ווערט צו שווער צו לעבן אויף דער וועלט, קומט תמיד אַ טרייסט דורך עפּעס אַן אָנגענעמען געדאַנק. עס הייבט זיך אָן אַזוי:

— ווי גוט וואָלט געווען, ווען...

און דערנאָך גייט שוין ווייטער — ווייטער, גלייך עס וואָלט אינדעראמתן אַזוי געווען.

אַלזאָ, אַז איך בין ווייטער אַ קינד, אָבער שטאַרק ווי אַ דער־וואַקסענער. ניין, ווי פּיטלאַשינסקי. אַן אַטלעט בין איך. און ווען ער האָט מיר געזאָגט אין טראַמוויי, אַז ער וועט מיר דערלאַנגען איבער די אויערן, זאָג איך:

— ביטע זייער.

און איך גיב אים אַזוי אַ קוועטש די האַנט, אַז ער שפּרינגט אַזש אויף פון ווייטיק.

— לאָז אָפּ! — שרייט ער.

און איך זאָג:

— איר האָט דאָך מיר געזאָלט דערלאַנגען איבער די אויערן. אויב איך בין אַ הונט, טאָ גיט מיר מיט אַ שטעקן.

און איך קוועטש נאָך שטאַרקער. ער פאַרמעסט זיך מיט דער צווייטער האַנט, טו איך אַ כאַפּ די צווייטע.

— לאָז אָפּ — לאָז אָפּ די מינוט!

— אויב איר וועט זיך אַנטשולדיקן, וועל איך אָפּלאָזן.

עס איז אָנגענעם געווען צו טראַכטן און אויסצומאָלן זיך די פאַרשידענע אופנים. וואָרום אין דער אַנדערער האַנט האָב איך דאָך געהאַלטן דאָס קלייד, האָב איך דאָך נישט געקאָנט אים אויך מיט איר האַלטן.

דערוואַקסענע חידושן זיך, וואָס יינגלעך ווילן זיין שטאַרק.

— צי איז דער לייב שטאַרקער פאַרן בער? און צי קאָן דער שטאַרקסטער מענטש זיך ווערן, אויב עס באַפאַלן אים הונ־דערט מענטשן? און צי איז דער דירעקטאָר שטאַרקער, אָדער דער לערער פון גימנאַסטיק? ווער איז דער שטאַרקסטער אין קלאַס, אין דער גאַנצער וועלט? אין גאַנץ פוילן? ווער וועמען וועט לייגן, ווער וועט גיכער לויפן, ווער וועט צום ווייטסטן וואַרפן, ווער וועט העכער שפּרינגען?

דאָס איז נישט קיין נאַרישע קינדערישע נייגעריקייט, נישט קיין שפּיל, נאָר אַ פּרווו קעגן וועמען מיר וועלן זיך קאָנען פאַר־טיידיקן.

דערוואַקסענע ווייסן נישט, וויפל אַ יינגערער ליידט פון אַן עלטערן און שטאַרקערן. ער רייסט דיר עפּעס אַרויס פון דער האַנט און אַנטלויפט, ער טוט דיר אַ קלאַפּ און לאַכט נאָך, וואָרום ער ווייסט, אַז דו וועסט אים גאָרנישט טאָן. ער וועט דיך אַראָפּטרייבן פון פּלאַץ, אַוועקשטופּן, כאָטש דו ביסט געווען דער ערשטער, ער וועט דיר אַראָפּוואַרפן דעם פאַלטן פון הענגער, וועט דיך זיד־לען, באַליידיקן, אַראָפּרייסן דאָס היטל פון קאָפּ, קאַליע מאַכן די שפּיל, נישט לאָזן קוקן, און דו קאָנסט גאָרנישט טאָן, סיידן די

וואַרפֿסט זיך אויף אים ווי אַ משוגענער, טאָ וועט ער דיך גוט צעקלאַפּן. און ער וועט זיך שוין תמיד גרינגער אַרויסדרייען, וואָרום ער איז פּיפּיקער. און נישט אַלעמאָל וועסטו אפילו זאָגן, באַקלאָגן זיך אויף אים, וואָרום עס וועט דיר גאָרנישט העלפֿן, און ער וועט זיך נאָך נוקם זיין. וואָס זיי ווילן טוען זיי מיט אונדז.

אויב דו ביסט געשיקט, קאָנסטו אים עפּעס אַ געשריי טאָן, אָדער אים דערלאַנגען אַ פּראַסק און אַנטלויפֿן.

נישטאָ צווישן אונדז קיין רעכט און גערעכטיקייט. מיר לעבן ווי די פּאָר־היסטאָרישע מענטשן. טייל באַפֿאַלן, אַנדערע באַהאַלטן זיך און אַנטלויפֿן. און אַ פּויסט, און אַ שטעקן, און אַ שטיין. נישטאָ קיין אָרגאַניזאַציע, נישטאָ קיין ציוויליזאַציע. וואָרום ס'איז כלומרשט יאָ דאָ, אָבער פֿאַר דערוואַקסענע, נישט פֿאַר קינדער.

אונדזער שפּראַך איז אָרעם און אומבאַהאָלפֿן (אַזוי דאַכט זיך אייך), ווייל זי איז נישט גראַמאַטיש. דעריבער דאַכט זיך אייך, אַז מיר טראַכטן ווייניק און פֿילן ווייניקער. אונדזערע גלויבענישן זענען נאַיוו, ווייל מיר האָבן נישט דאָס וויסן פֿון די ביכער, און די וועלט איז אַזוי גרויס. טראַדיציע פֿאַרטרעט אונדז דאָס געשריבענע געזעץ. אונדזערע מנהגים פֿאַרשטייט איר נישט און איר דרינגט נישט אַריין אין אונדזערע עניינים.

מיר לעבן ווי אַ קאַרליקעס־פֿאָלק, אונטעריאָכט דורך ריזן, פּריסטערס, וואָס פֿאַרמאָגן מוסקולן־קראַפֿט און געהיימע וויסנשאַפֿט.

מיר זענען דער דערנידעריקסטער קלאַס, וועלכן איר ווילט אויפֿהאַלטן ביים לעבן פֿאַר אַ שיבוש, דורך דער מינימאַלסטער אָנשטרענגונג.

מיר זענען זייער און זייער קאָמפּליצירטע באַשעפֿענישן, דערביי אין זיך פֿאַרשלאָסענע, אומצוטרוילעכע און באַהאַלטענע, און עס וועלן אייך גאָרנישט זאָגן דעם הכמס אויגנגלעזער, אויב איר האָט נישט אין אונדז קיין אמונה און מיטגעפֿיל.

און אונדז פֿאָרשן דאַרף אַן עטנאָלאָג, אַ כאָציאָלאָג, אַ נאַטורפֿאָרשער, און נישט קיין פּעדאַגאָג, דעמאַגאָג.

אונדזער איינציקער ברודער צווישן אייך איז דער קינסטלער, וועלכער איז צו אונדז גוט געשטימט אין דער מינוט פֿון באַגייס־

טערונג, אין דער דאָזיקער זעלטענער קאַפּריזנער אויסנאַם־מינוט. דעמלט זעט איר אין אים די ענלעכקייט צו אַ קינד. אָבער אויך ער וועט אונדז בלויז נאָר אַ מעשהלע דערציילן.

נו, יאָ: איר האַלט זיך לגבי אונדז מיט הומאָר, זעלטן מיט גוטן, אָפט מיט בייזן.

איך בין אויפגעקומען פון שלאָף אַ טרויעריקער.

ראַבטשיק

איך בין אויפגעקומען אַ טרויעריקער.

ווען מען איז טרויעריק, איז נישט שלעכט.

טרויער — דאָס איז אַ ווייך און אָנגענעם געפיל. גוטע מחשבות קומען אויף אין זינען. מען האָט דאַן מיטלייד מיט יעדן: אי אויף דער מאַמען, ווייל די מילבן האָבן איר אַ תל געמאַכט פון קלייד, אי אויפן טאַטן, ווייל ער האָרעוועט, אי אויף דער באָבען, ווייל זי איז אַן אַלטיטשקע און וועט אינגיכן שטאַרבן, אי אויפן הינטל, ווייל עס איז אים קאַלט, אי אויפן בלימל, ווייל עס האָט אַראָפּהענגעוודיקע בלעטלעך און איז אוודאי קראַנק. מען וויל העלפן יעדן און מען וויל אַליין בעסער ווערן.

מיר האָבן דאָך אויך ליב טרויעריקע מעשהלעך, הייסט עס, אַז מיר נייטיקן זיך אין טרויער, וואָס איז ווי אַ מלאך, וועלכער קומט, קוקט און לייגט אַרויף די האַנט אויף דיין קאָפּ, און עס איז, ווי ער זאָל אָטעמען מיט פליגל.

עס גלוסט זיך צו זיין אַליין, אָדער שמועסן מיט עמעצן וועגן פאַרשידענע זאַכן.

אין מען האָט מורא, אַז עס קאָן עמעצער קאַליע מאַכן דעם דאָזיקן טרויער, נישט קאַליע מאַכן, נאָר פאַריאָגן.

איך האָב מיך אַנידערגעשטעלט ביים פענצטער, אויף די שויבן האָבן זיך דורך דער נאַכט אָנגעצייכנט שיינע בלומען. נישט בלומען, נאָר בלעטער. פּאַלמעס אַזעלכע. מאָדנע בלעטער, אַ מאָדנע וועלט. וואָרום פאַרוואָס איז עס אַזוי געוואָרן, פונוואַנען האָט זיך עס גענומען?

— פאַרוואָס טוסטו דיך נישט אָן? — פרעגט דער טאַטע.

איך האָב גאָרנישט געענטפערט, איך גיי בלויז צו צו אים און זאָג:

— גוט מאָרגן.

און איך האָב אים אַ קוש געטאָן אין האַנט, און ער טוט אויף מיר אַ קוק.

דערנאָך האָב איך מיך גיך אָנגעטאָן. געגעסן און אַוועק אין שול.

— וואָס יאָגסטו דיך עפּעס היינט אַזוי אין שול אַריין? — פרעגט די מאַמע.

— איך וועל אָפּטרעטן אין קלויסטער — זאָג איך.

וואָרום איך האָב מיך דערמאָנט, אַז מיט דאַוועגען איז ביי מיר נישט זייער גוט און עס איז מיר געוואָרן אומאָנגענעם.

איז גיי איך אַרוים פאַרן טויער און קוק, צי מונדעק גייט נישט. אָבער ניין.

דאָס וואַסער איז פאַרפרוירן געוואָרן. די יינגלעך מאַכן שוין אַ גליטש. זיי מאַכן זי גלאַטיק. תחילת אַ קליין שטיקל, דערנאָך וואָס אַמאָל ווייטער, און אָט קאָנען זיי זיך שוין אַלע גליטשן.

איך האָב מיך אָפּגעשטעלט, אָבער ניין. איך גיי ווייטער.

און אָנשטאָט מונדעקן באַגעגן איך ווישניעווסקין. און ער טוט אַ זאָג:

— דו, טריפּטשיק, וואָס מאַכסטו?

איך האָב תחילת נישט פאַרשטאַנען, וואָס ער וויל. ערשט שפּעטער האָב איך מיך געכאַפּט, אַז ער גיט מיר אַ נייעם צונאָמען. צוליב יענער צייכענונג דעמלט, ווייל איך האָב אויפגעצייכנט אַ טריפּטיק.

איך זאָג:

— טראָג זיך אָפּ.

ער טוט זיך אַ שטעל אַוועק מיליטעריש, סאַלוטירט און זאָגט:

— צום באַפעל.

איך זע, אַז ער זוכט זיך צו טשעפּען, גיי איך אַריבער אויף דער אַנדערער זייט. ער האָט מיך נאָך בלויז אַ שטופּ געטאָן, און איך האָב מיך גלייך פאַרנומען אין אַ זייטיקער גאַס.

— איך האָב צייט, טראַכט איך מיר, איך וועל גיין אויף אַרום.

איך גיי אָן חשק אין שול אַריין. דאָרט איז באַלד געשרייען, אַ שטופּעניש, יעדער זאָגט עפּעס. טיילמאָל גייט מען בכיוון פאַמעלעך, אָדער מיט אַ ווייטערן וועג, כדי צו קומען גלייך צום אָנ־

הייב פון דער לעקציע. עס איז גוט צו קומען פונקט, ווען עס קלינגט דאָס גלעקל, ווייל באַלד גייט אַריין דער לערער און מען האָט מנוחה. אַז מען האָט אַ זייגער, קאָן מען אויסרעכענען, אָבער אַזוי קאָן מען נאָך פאַרשפּעטיקן.

אָבער עס מאַכט נישט אויס. איך האָב מיך פאַרנומען אין גאַנצן אַ גאַס. גלייך ווי עס וואָלט מיך דאָרט עמעצער גערופן, ווי עס וואָלט מיך אַהין עפּעס געשטויסן. עס טרעפט, אַז אַ מענטש טוט עפּעס און ווייסט אַליין נישט פאַרוואָס. און עס קומט אַרויס אַמאָל שלעכט און אַמאָל גוט. אַז עס קומט אַרויס שלעכט, זאָגט מען, אַ נישט-גוטער האָט געצויגן. וואָרום שפּעטער חידושט מען זיך: צו וואָס האָב איך דאָס געטאָן?

אַלזאָ, איך ווייס אַליין נישט פאַרוואָס, אָבער איך מאַך אַ גרעסערן אומוועג מיט גאָר אַן אַנדער וועג. איז אָט גיי איך מיר אַזוי, און פּלוצלינג דערזע איך אַ הינטל שטייט אויפן שניי.

אַזאַ קליין הינטל, אַזאַ דערשראָקנס. עס שטייט אויף דריי פיסלעך, און דאָס פערטע האַלט עס אין דער לופטן. און עס ציטערט, אַ־ן עס טרייסלט זיך. און די גאַס איז פּוסט. בלויז ווו־נישט־ווו גייט עמעצער פאַרביי.

איך שטיי און קוק דערויף און טראַכט, אַז מען האָט עס אוודאי אַרויסגעטריבן, און אַצינד ווייסט עס נישט, וווהין צו גיין. עס איז ווייס, בלויז איין אויער איז שוואַרץ און דער עק פון וויידעלע איז שוואַרץ. דאָס פיסעלע הענגט ביי אים אַראָפּ, און עס קוקט אויף מיר בעטנדיק, אַז איך זאָל מיך דערמיט פאַרנעמען. עס האָט אַזש אויפגעהויבן דאָס ווידעלע, אָבער בלויז אַ צוויי מאָל עפּעס אַזוי טרויעריק אַ טרייסל געטאָן. בלויז הין און צוריק, גלייך ווי עס וואָלט אַנטשטאַנען אין אים עפּעס אַ האָפענונג. און עס איז צו צו מיר. אָבער מען זעט, אַז עס טוט אים וויי. אַזוי האָט זיך מיר אויסגעוויזן. און עס האָט זיך ווידער אָפּגעשטעלט און וואַרט. דאָס שוואַרצע אויער האָט זיך אויפגעהויבן, און דאָס ווייסע הענגט אַראָפּ. און פּונקט ווי עס וואָלט געבעטן, אָבער עס האָט נאָך מורא. עס האָט זיך באַלעקט — מסתמא הונגעריק — און עס קוקט אַזוי בעטנדיק.

איך מאַך אַ פּרווו און גיי עטלעכע טריט, דאָס הינטל גייט מיר נאָך. עס הינקט אַזוי אונטער אויף די דריי פיסלעך, און וואָס

איך קוק מיך אום, בלייבט עס שטיין. עס איז מיר איינגעפאַלן אַ טופּע צו טאָן מיטן פוס און אַ געשריי טאָן: „אַהיים“, כדי צו זען, וווהין עס וועט גיין. אָבער עס איז מיר אַ רחמנות געווען, האָב איך נישט געשריגן, נאָר אַ זאָג געטאָן:

— גיי אַהיים, וואָרום דו וועסט געפרוירן ווערן.

און דאָס הינטל טוט זיך אַ לאָז גלייך צו מיר.

וואָס קאָן מען דאָ טאָן? איך וועל דאָך נישט לאָזן, עס זאָל פאַרפרוירן ווערן.

און דאָס הינטל איז צוגעגאַנגען גאָר נאָענט, הכנעהדיק זיך אַראָפּגעלאָזט אויף דער ערד און געציטערט. און איך בין שוין זיכער, אינגאַנצן זיכער, אַז מיין ראַבטשיק איז היימלאָז. אפשר וואַלגערט ער זיך שוין אַזוי אַרום אַ גאַנצע נאַכט? אפשר איז דאָס שוין געקומען זיין לעצטע שעה? און גראָד גיי איך מיט אַ גאַנץ אַנדערן וועג אין שול אַריין, און גראָד קאָן איך אים אָפּראַטעווען אין דער דאָזיקער לעצטער שעה.

איך נעם אים אויף דער האַנט, און ער טוט מיך אַ לעק. ער איז אינגאַנצן קאַלט, בלויז דאָס צינגעלע איז אַ ביסל וואַרעם. צעעפן איך גיך דעם מאַנטל און טו אים אַ נעם אַרונטער אונטערן מאַנטל, בלויז דאָס קעפּל האָב איך געלאָזט אַרויסשטעקן, נישט מער ווי דאָס פּיסקל, ער זאָל קאָנען אָטעמען. און ער גראָבלט מיט די פיסלעך, ער וויל זיך אין עפּעס פאַרטשעפּען, כדי נישט אַרויסצופאַלן. איך וויל אים אונטערהאַלטן, אָבער איך האָב מורא, נישט וויי צו טאָן דאָס פיסל, האָב איך אים אַרומגענומען מיט דער האַנט, און איך דערפיל זיין האַרץ קלאַפּן, עס זעצט אַזש.

ווען איך זאָל וויסן, אַז די מאַמע וועט דערלויבן, וואָלט איך נאָך באַוויזן אַהיימצוגיין. וואָס וואָלט געשאַדט, ער זאָל בלייבן אין שטוב. איך וואָלט אים געגעבן צו עסן פון מיין עסן. אָבער איך האָב מורא אַהיימצוגיין, און אין שול וועט מען מיך מיט אים נישט אַריינלאָזן. דערהווייל האָט ער זיך באַקוועם איינגעלייגט אונטערן מאַנטל, אויפגעהערט זיך צו רירן און די אייגעלעך צוגעזשמורעט. און האַלטנדיק אים אַזוי אונטערן מאַנטל, האָט זיך מיר אַן אַרבל אַ ביסל אַרויפגערוקט און איך האָב געזען, אַז ער וויל אפילו נישט אָטעמען די דרויסנדיקע לופט, נאָר האָט איינגענורעט דאָס מאָרדעלע אין אַרבל און אָטעמט דאָרט אַריין. און

ער הייבט שוין אָן זיך צו דערוואַרעמען. ער וועט אוודאי באַלד איינשלאָפן. וואָרום ער איז אַ גאַנצע נאַכט געווען אויפן פּראָסט און נישט געשלאָפן, וועט ער אַצינד אוודאי איינשלאָפן. וואָס־זשע וועל איך דאַן טאָן?

איך קוק מיך אַרום, איך דערזען אַ געוועלבל. טראַכט איך־ — וואָס ס'וועט זיין, זאָל זיין. איך וועל אַריינגיין. אפשר איז ער פון דעם געוועלב פאַרבלאָנדזשעט געוואָרן? איך וועל פרעגן.

איך וויים, אַז נישט, אָבער איך פּרווו, וואָרום וואָס האָב איך געזאָלט טאָן?

גיי איך אַריין און פרעג די פרוי:

— איז דאָס נישט אייער הינטל?

זי טוט אַ קוק און זאָגט:

— ניין.

אָבער איך גיי נישט אַרויס. ווען איך זאָל האָבן געלט, וואָלט איך פאַר אים געקויפט מילך. און די פרוי זאָגט:

— ווייז נאָר אַהער.

אַ דערפרייטער נעם איך אים שנעל אַרויס, אָבער ער שלאָפט שוין. און איך זאָג:

— אָ־אָ־אָ־אָ.

די פרוי האָט זיך עפּעס ווי מישב געווען און ווידער געזאָגט:

— ניין, ס'איז נישט מיין.

און איך:

— אפשר ווייסט איר וועמענס עס איז. וואָרום עס מוז זיין פון דאָ נישט ווייט.

און זי:

— איך וויים נישט.

זאָג איך ווייטער:

— עס איז אים קאַלט.

איך האַלט אים אַזוי, אָבער ער רירט זיך נישט אפילו, אַזוי שטאַרק שלאָפט ער. ווען איך זאָל אים נישט פילן, וואָלט איך געמיינט, אַז ער איז געשטאָרבן, אַז ער איז שוין טויט.

איך שעם מיך צו זאָגן, אַז זי זאָל אים כאָטש האַלטן דער־ווייל, און איך וועל אים שפּעטער צונעמען. עס איז מיר איינגע־פאַלן, אַז אויב נישט, וועט אים אפשר דער שול־דינער האַלטן

ביי זיך דורך דער צייט פון די לעקציעס. דער פון ערשטן שטאָק איז אַ שלעכטער, אָבער פון צווייטן איז אַ גוטער: ער שמועסט און שפּאַסט מיט אונדז און פאַרשניצט אונדז בלייפעדערס.

און די פרוי זאָגט:

— דו ווינסט אויף אָט דער גאַס?

ווי זי זאָל דערמיט מיינען, אַז זי קען מיך נישט און אַז איך קויף גאָרנישט, טאָ צו וואָס שטיי איך דאָ?

— נו, גיי שוין, גיי — זאָגט זי — די מאַמע האָט דיך געשיקט אין שול אַריין, און דו שפּילסט זיך נאָך מיט אַ הונט. און פאַרמאַך גוט די טיר.

זי האָט געמיינט, אַז ווייל איך בין אַזוי פאַרזאָרגט, וועל איך אוודאי פאַרגעסן צו פאַרמאַכן די טיר און עס וועט אַריין אַ קעלט. וואָרום יעדער טראַכט דאָך נאָר, אַז עס זאָל אים זיין וואַרעם. אַ הונט איז דאָך אָבער אויך אַ גאָטס באַשעפעניש.

איך גיי אַרויס און איך ווייס שוין נישט, וואָס צו טאָן, אָבער איך פרווו נאָך:

— זעט נאָר, אַזאַ וויסער, ער איז לחלוטין נישט קרעציק.

אָבער איך פאַרשטעל מיט דער האַנט, אַז ער האָט אַ לאָם פיסל. און אפשר איז עס בלויז אָפּגעפרוירן?

און זי:

— פאַרדריי מיר נישט דעם קאָפּ מיטן הונט.

אָט האָסטו: איך פאַרדריי שוין אַ קאָפּ. ווי איך זאָל שולדיק זיין, וואָס דער הונט ווערט געפרוירן פון פראָסט.

נו, מילא, פאַרפאַלן. אויב דער שול-דינער וועט נישט וועלן, טאָ זאָל ער אַליין אים אַרויסוואַרפן.

און די יינגלעך וועלן באַלד מאַכן אַ געשריי איבער דער גאַנצער שול:

— אָ אָ אָ, אַ הונט האָט ער געבראַכט!

און עס וועט נאָך דערהערן עמעצער פון די לערערס. מען דאַרף עס דעריבער מאַכן שטילערהייט. און אַזוי ווי איך האָב אומזיסט פאַרלוירן אַזוי פיל צייט, טו איך אים אַצינד אַ שטופּ אַרונטער נישט אונטערן מאַנטל, נאָר אונטער דעם רעקל, איך קוק שוין אפילו נישט, וואָס עס וועט זיין דושנע. און איך לויף

אין שול אַריין. וואָרום דער שול־דינער וועט אוודאי מסכים זיין.
איך וועל ביי עמעצן באָרגן און קויפן מילך פאַר מיין ראַבטשיק.
ראַבטשיק האָב איך אים אַ נאָמען געגעבן.
איך לויף אַזוי, און ער האָט זיך שוין אינגאַנצן צעוואַרעמט מיטן לייב. ער האָט זיך אויפגעכאַפּט און אָנגעהויבן דראַפּען, זיך דרייען, ער האָט דאָס נעזל אַרויסגעשטעקט און אַ האַווקע געטאָן, נישט קיין האַווקע, נאָר אַ ברום — אַ ברום אַזאַ, וואָס הייסט, אַז ער פילט זיך גוט און ער דאַנקט. תחילת איז פון אים געגאַנגען אַ קעלט אויף מיין ברוסט, אָבער אַצינד וואַרעמט ער שוין מיך. גלייך ווי איך וואָלט צוגעטוליעט אַ קינד. איך האָב מיך אָנגעבויגן און אַ קוש געטאָן, און ער האָט פאַרזשמורעט די אויגן.
איך גיי גלייך צום שול־דינער:
— איך בעט אייך, נעמט און באַהאַלט אים. ער איז געווען אַזוי געפרוירן.
— ווער איז געווען געפרוירן?
— ער.
ער האָט אַ קוק געטאָן, אַז איך האַלט אַ הונט. ער איז געוואָרן אָנגעכמורעט.
— און פונוואַנען האָסטו אים גענומען?
— פון דער גאַס.
— נאָכוואָס האָסטו אים גענומען — אַ פרעמדן הונט?
— ער איז אָן אַ היים. דאָס פיסל איז ביי אים אונטערגעהאַקט.
— טאָ ווו וועל איך אים באַהאַלטן? צו וואָס האָסטו אים געריררט פון אָרט. אפשר האָט ער דאָרט געהאַט עמעצן?
— קיינעם נישט — זאָג איך. — איך האָב אַלעמען געפרעגט. ווען ער זאָל געווען האָבן, וואָלט מען אים נישט געווען אַרויסגעטריבן פון שטוב אין אַ פראָסט.
און ער:
— אַ קרעציקער אפשר.
— וואָס רעדט איר, אַ ווייסינקער.

כלומרשט האָב איך מיך באַליידיקט, און איך פריי מיך, וואָרום אויב ער וועט אים נעמען צו באַקוקן, וועט ער אים שוין פאַרהאַלטן.

אָבער עמעצער האָט שוין געהאַט דערזען, גיב איך אים אַ נעם אונטער דעם מאַנטל. און דער שול־דינער זאָגט אים:

— גיי אַוועק. זע, די שיך זענען ביי דיר איינגעריכט מיט שניי. און ער האָט אים אַוועקגעטריבן.

און ער וויל נאָך אַלץ נישט. ער זאָגט:

— איר זייט דאָ אַזוי פיל, און אַז יעדער וועט מיר אָנהייבן ברענגען הינט פון דער גאַס.

— איך בעט אייך, בלויז אויף אַ פּאָר שעה. איך וועל אים באַלד נעמען אַהיים.

— מען וועט דיר באַלד דערלויבן.

איך זאָג:

—איך וועל גיין אויף יענער גאַס, אפשר וועט זיך עמעצער געבן צו אים צו דערקענען.

ער האָט זיך אַ קראַץ געטאָן אין שטערן, און איך טראַכט: „גוט“.

ער ציט נאָך אַלץ אָפּ:

— איך האָב דאָ וויניק אויסצושטיין פון אייך — זאָגט ער — דאַרף איך נאָך מיט הינט.

אָבער ער האָט אים גענומען. אַ מענטשלעכער מענטש. דער פון ערשטן שטאָק וואָלט נישט גענומען, ער וואָלט נאָך אויס־געזידלט.

איז האָט ער אים גענומען. די ייִנגלעך האָבן זיך שוין אָנ־געהויבן צונויפקלייבן. און מיין ראַבטשיק האָט פאַרשטאַנען, וואָ־רום ער האָט קיין פּיפּס נישט געטאָן, בלויז געקוקט אויף מיר. באַלד האָט געקלונגען דאָס גלעקל. איך האָב ראַבטשיקן דערווייל איינגעאָרדנט און נישט פאַרשפּעטיקט די שול. און די לעקציע האָט זיך גלייך אָנגעהויבן.

איך זיץ, אָבער איך בין טרויעריק. וואָרום כאָטש עס איז ראַבטשיקן אַצינד וואַרעם, איז ער אָבער אוודאי הונגעריק.

איך זיץ, אָבער איך טראַכט, פונוואַנען נעמען געלט אויף מילך פאַר ראַבטשיקן.

איך זיץ, אָבער איך טראַכט, אַז איך בין אַ גאַנצע נאַכט געשלאָפן אין אַ וואַרעם בעט און אפילו נישט געוווּסט, אַז דאָס הינטל געבעך נעכטיקט אויפן פראָסט און אַז ווען איך וואָלט אפילו געוווּסט, וואָלט איך אויך גאָרנישט געקאָנט העלפן. פאַר־וואָס? איך וועל דאָך מיך נישט אָנטאָן און גיין ביינאַכט זוכן ראַבטשיקן אויף דער גאַס.

איך זיץ, אָבער עס איז מיר אַזוי טרויעריק, אַז דעם ראָזיקן טרויער וואָלט איך געקאָנט פאַרטיילן אויף דעם גאַנצן קלאַס. איך וועל שוין מסתמא קיינמאָל נישט אַרומלויפן מיט די ייִנג־לעך. וואָרום נעכטן האָבן מיר זיך געשפּילט אָט אין פערד און אָט אין געיעג. אַזעלכע קינדערישע שפּילן. זיי ברענגען קיינעם נישט קיין נוצן. ווען מען זאָל מיך לאָזן נעמען מיין הינטל אַהיים, וואָלט איך כאָטש אויף אים אַכטונג געגעבן. איך וואָלט אים אויס־געבאָדן, אויסגעקעמט, ער וואָלט געמוזט זיין ווייס ווי שניי. אויב ער וואָלט געוואָלט, וואָלט איך אים אויסגעלערנט פאַרשידענע קונצן. אָבער געדולדיק, נישט געשלאָגן. איך וואָלט אפילו נישט געשריגן אויף אים. וואָרום אַ וואָרט טוט טיילמאָל אַזוי וויי ווי אַ קלאַפּ.

אויב מען האָט ליב אַ לערער, טוט אפילו די קלענסטע באַ־מערקונג וויי. ער גיט בלויז אַ זאָג:

— דריי דיך נישט.

אָדער:

— שמועס נישט.

אָדער:

— דו ביסט נישט אויפמערקזאַם.

און עס איז דיר שוין אומאַנגענעם. דו קוקסט באַלד, צי ער האָט נאָר בלויז אַזוי זיך געזאָגט און וועט באַלד פאַרגעסן. אָדער ער איז שוין אין כעס.

און ראַבטשיק וועט מיך ליב האָבן. איז אויב ער וועט עפּעס אַ קונץ מאַכן שלעכט, וועל איך אים זאָגן, אַז עס איז שלעכט, אָבער איך וועל אים באַלד אַ גלעט טאָן, און ער וועט אַ טרייסל טאָן מיטן וויידעלע און וועט זיך פלייסן.

איך וועל אים נישט רייצן, אפילו אין שפּאַס, כדי אים נישט צוצוגעוויינען צו כעס. וואָרום עס איז משונהדיק, פאַרוואָס מען האָט הנאה צו רייצן אַ הונט, ער זאָל בילן. איך האָב נעכטן אי־

בערגעשראָקן אַ קאַץ. איך האָב מיך דאָס דערמאָנט און מיך גע־שעמט. וואָרום וואָס האָב איך פון איר געוואָלט? איר האָט מיסתמא דאָס האַרץ געקלאַפּט פאַר שרעק. און צי זענען קעץ טאַקע פאַלש, וואָרום אפשר זאָגט מען בלויז אַזוי?

די לערערין זאָגט:

— לייען ווייטער.

דאָס מיינט זי מיך.

איך אָבער וויים נישט וואָס, וואָרום איך האָב אפילו דאָס ביכל נישט געעפנט.

איך שטיי ווי אַ גולם, מיט צעשראָקענע אויגן. עס איז מיר אַ רחמנות אי אויף ראַבטשיקן, אי אויף מיר.

און ווישניעווסקי זאָגט:

— טריפּמישיק כאַפּט קראָען.

טרערן זענען מיר אַזש געקומען אין די אויגן אַריין. האָב איך אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, וואָרום איך האָב נישט געוואָלט, אַז עמעצער זאָל זען.

די לערערין האָט זיך נישט געבייזערט. זי זאָגט בלויז:

— האָסט אפילו דאָס ביכל נישט געעפנט. איך וועל דיך דאַכט זיך אַרויסשטעלן הינטער דער טיר.

די לערערין האָט געזאָגט „אַרויסשטעלן", און נישט „אַרויסוואַרפן".

אָבער זי האָט נישט אַרויסגעוואָרפן, בלויז:

— שטעל דיך ביי דער באַנק.

אפילו נישט אין ווינקל.

די לערערין האָט זיך געמוזט משער זיין, אַז עס האָט גע־טראָפן עפּעס אַ וויכטיקע זאך. וואָרום ווען איך זאָל זיין אַ לע־רערין, און אַ יינגל זאָל זיצן ביי אַ פאַרמאַכט ביכל, וואָלט איך אים געפרעגט, וואָס פאַר אַן עגמת־נפש ער האָט, וואָס איז אים געשען.

נו, און אויב די לערערין זאָל פרעגן, פאַרוואָס איך בין נישט אויפמערקזאַם, צי וואָלט איך געענטפערט? אוודאי נישט. וואָרום וואָס קאָן דאָס דער לערערין אָנגיין. די לעקציע איז אַ לעקציע. איך ווידער קאָן דאָך נישט פאַראַטן דעם שול־דינער.

אָבער די לערערין האָט געזאָגט:

— שטעל דיך ביי דער באַנק.

דערנאָך האָט זי נאָך געזאָגט:

— אפשר ווילסטו בעסער הינטער דער טיר?

איך בין רויט געוואָרן און גאָרנישט געענטפערט. די יינגלעך אָבער האָבן אָנגעהויבן צו שרייען. טייל זאָגן:

— ער וויל הינטער דער טיר.

און אַנדערע:

— ער וויל נישט, לערערין,

אַ ליאַדע וואָס, מאַכן זיי באַלד אַ שפּיל, צופרידענע, וואָס די לעקציע האָט זיך איבערגעריסן. זיי גיבן נישט אַ טראַכט, אַז עס איז איינעם אומאַנגענעם און ער האָט מורא, די לערערין זאָל אין כעס ווערן.

ענדלעך האָט געקלונגען דאָס גלעקל — און דערמיט האָט זיך עס געענדיקט. איך לויף צום שול־דינער.

אָבער דער שול־דינער פון אונדזער שטאָק האָט מיך פאַר־ראַלטן — דער שלעכטער.

— וווהין? — פרעגט ער. — ווייסט נישט, אַז מען טאָר נישט?

איך האָב שוין מורא, אָבער איך טראַכט:

— איך וועל ערגעץ באָרגן צען גראָשן אויף מילך.

— אפשר ביי באַנטשקעוויטשן? ער האָט תמיד געלט. אָבער ער וועט נישט געבן, ווייל איך קען אים ווייניק. און ווען מען האָט אַמאָל געוואָלט ביי אים באָרגן, האָט ער געזאָגט:

— באַלד וועל איך דיר באָרגן, שלעפּער.

איך טראַכט אַזוי: „אפשר דער — אפשר יענער" — און איך קוק מיך אַרום. אָבער איך דערמאָן מיך, אַז פראַנקאָווסקי איז דאָך מיר שולדיק פינף גראָשן. איך זוך אים, ער שפּילט זיך, ער אַנטלויפט.

— הער, גיב מיר אָפּ די פינף גראָשן.

— רוק דיך אָפּ — זאָגט ער — שטער נישט.

אָבער איך דאַרף זיי האָבן.

— איך זאָג דאָך דיר, שפּעטער. איך האָב נישט אַצינד.

איך זע, אַז ער הייבט אָן ווערן אין כעס, דערצו נאָך האָט ער נישט קיין געלט, טאָ וואָס קאָן איך טאָן? מונדעק האָט אויך נישט.

נישטאָ קיין אַנדערע עצה: איך גיי צו באָנטשקעוויטשן. זיין טאָטער האָט אַ געוועלב: אַ רייכער. — און ער:

— צו וואָס דאַרפסטו?

איך זאָג:

— איך דאַרף נייטיק האָבן.

און ער:

— און ווען וועסטו אָפּגעבן?

— ווען איך וועל האָבן.

וואָרום וואָס זאָל איך זאָגן? אַן אַנדערער וואָלט געזאָגט:

— מאָרגן.

און עס וועט אים גאָרנישט אַרן. ער וועט נאָך אָנזידלען, אַז מען וועט אים מאָנען. ער וועט זאָגן:

— משעפּע דיך אָפּ.

דערוואַקסענע, אפילו די אָרעמסטע, האָבן כאָטש צוואַנציק גראָשן, מיר אָבער — צוליב פינף גראָשן מוזן זיך טיילמאָל מאַ־טערן. מיר ליידן זייער דערפון, וואָס מיר האָבן נישט כאָטש עפּעס, אָבער תמיד, אַז מען זאָל אַלעמאָל וויסן, אַז עס וועט זיין.

— נו, וואָס, וועסט באָרגן?

— אַז איך האָב דאָך נישט.

— דו האָסט — זאָג איך — נאָר דו ווילסט נישט געבן.

ווען איך זאָל זאָגן, צו וואָס איך דאַרף, וואָלט ער געגעבן. אפשר זאָגן?

און ער:

— איך האָב שוין אַוועקגעבאָרגט, און קיינער גיט מיר נישט אָפּ. גיי צו פראַנעקן: שוין אַ חודש איז ער מיר שולדיק 25 גראָשן.

פראַנעק ווידער גיט קיינעם נישט אָפּ, איז האָב איך מיך פאַר־קרימט, אָבער נישטאָ קיין אַנדערע עצה.

איך זוך אים, קאָן אָבער נישט געפינען. וואָרום ווי אַזוי? אין אַזאַ טומל?

און באַנטשקעווימש איז אפילו אַ גוטער: ער האָט נישט ליב אָפּצוזאָגן. ער איז נאָר נייגיריק: אַלץ האָט ער ליב צו ווּיסן. און ער כאַפּט מיך אַליין אָן:

— נו, ער האָט געגעבן?

— איך ווייס נישט, ווו ער איז.

ער האָט אַ ווײַלע אַ טראַכט געטאָן און זאָגט:

— זאָג צו וואָס דו דאַרפסט.

— וועסטו געבן?

— כ'וועל געבן.

— און דו האָסט?

— איך האָב, אָבער איך וויל קויפן דיקטע אויף צו מאַכן אַ ראַם.

איך האָב אים גיך געזאָגט, און מיר גנבענען זיך אַרויף צוזאַמען אויפן צווייטן שטאָק, מיטאַמאָל אָבער קלינגט דאָס גלעקל. מען מוז גיין אין קלאַס. איך בין אומרואיק. ראַבטשיק איז הונגעריק, ער קאָן נאָך אָנהייבן צו וואָיען און דער שול־דינער וועט אים נעמען און אַרויסוואַרפן.

איך האָב אים אַ נאָמען געגעבן ראַבטשיק. אָבער אַצינד טראַכט איך, אַז עס איז נישט גוט. עס זעט אויס ווי אַ צונאָמען. אַ הונט וועט מאַקע נישט פאַרשטיין, אָבער פאַר אַ מענטש וואָלט געווען אומאַנגענעם. אפשר רופן אים שנייעלע, ווייל איך האָב אים געפונען אויפן שניי. אָדער ווייסער — ווייסינקער. אָדער עפּעס ווינטערדיקס.

איך טראַכט אַזוי, גלייך ווי איך וואָלט שוין געוווּסט, אַז מען וועט מיר דערלויבן אים צו האַלטן.

די פרוי פון געוועלב און דער שול־דינער האָבן געזאָגט, אַז ער האָט אַ באַלעבאָס, מאָ אפשר פרעגן די יינגלעך פון נעבן יענעם הויף. אָבער דאָרט איז אין דער נאָענט נישט געווען אפילו קיין הויף. און אויב עס וועט עמעצער זאָגן, אַז ער איז זיין, קאָן זיין נישט אמת: ער וועט זיך אַ ביסל שפּילן און דערנאָך ווידער אַרויסטרייבן אויפן פראָסט. און ווען אפילו אמת, האָט מען דאָך אָבער זיך גאָרנישט אומגעקוקט אויף אים, אויב מען האָט אים אַרויסגעטריבן. אָדער אפשר איז ער אַליין אַנטלאָפן? איך קען דאָך אים נישט, איך ווייס נישט, וואָס ער איז פאַר איינער. און

קליינע הינטלער זענען מזיקים. אפשר האָט ער עפּעס אָפּגעטאָן, האָט מורא געהאַט פאַר אַ שטראָף און איז אַליין אַנטלאָפן פון דער היים.

איך מאַטער מיך, ווייל איך ווייס נישט, וואָס צו טאָן. וואָרום אָט איז דאָס און יענץ — גלייך ווי איך וואָלט געהאַט אַ קינד, אַזאַ פאַרזאָרגטער זיץ איך. און שנייעלע טראַכט אוודאי, אַז איך האָב אין אים פאַרגעסן. אַ הינטל לעבט פּונקט אַזוי ווי אַ מענטש. אַ קינד וויינט, און אַ הונט וואָיעט באַצערט. און ער בילט פאַר צאָרן אָדער פאַר פרייד. און ער שפּילט זיך פּונקט אַזוי. און ער קוקט אַריין אין די אויגן און דאַנקט, ער לעקט און בורטשעט; גלייך ווי ער זאָל וואָרענען און זאָגן:

— הער אויף.

אָבער איך דערמאָן מיך, אַז עס איז אַצינד אַ לעקציע און מען דאַרף אַכטונג געבן, וואָרום איך בין שוין אַזוי אויך איינמאָל געשטאַנען צווישן די בענק.

ווען איך בין געווען אַ דערוואַקסענער, האָב איך געמיינט, אַז עס איז גרינג צו זיין אַ פלייסיקער שילער, אויפמערקזאַם צו זיין בעת די לעקציעס און גוט צו לערנען. אַצינד אָבער זע איך, ווי שווער עס איז. ווען איך בין געווען אַ לערער, און איך האָב גע־האַט עגמת־נפש, בין איך אויך נישט געווען אויפמערקזאַם בעת די לעקציעס, און קיינער האָט מיך נישט אַריינגעשטעלט אין ווינקל. פאַרקערט: דעמלט בין איך געווען שטרענגער און עס האָט געמוזט זיין שטילער אין קלאַס, אַז עס זאָל מיר זיין באַקוועם זיך צו זאָרגן.

·אוי, ווייסינקער — ווייסינקער. דו ביסט קליין און שוואַך, דערפאַר וואַרפט מען זיך אַזוי מיט דיר. ביסט נישט קיין וואַסער־טויבער, וואָס ראַטעוועט דערטרונקענע, נישט קיין בערגאַרדינער, וואָס גראָבט אויס אויף די בערג די פאַרפרוירענע אין שניי, נישט קיין עסקימאָסן־הונט, אפילו נישט קיין קלוגער פּודעל, ווי דעם פעטערס פּודעל. איך וועל גיין מיט מיין הונט צום פעטער. זאָלן זיי ווערן חברים. וואָרום אַ הונט האָט אויך ליב געזעלשאַפט.

איך טראַכט: איך וועל גיין צום פעטער. נישט איך טראַכט, נאָר איך טרוים. וואָרום מען וועט מיר אוודאי נישט דערלויבן אים צו נעמען.

אַ דערוואַקסענער טוט אַ זאָג צו אַ קינד: „מען טאָר נישט — מען האָרף נישט" — און ער פאַרגעסט באַלד. ער ווייסט אפילו נישט, וואָס פאַר אַ ווייטיק ער פאַרשאַפט.

ווען איך האָב געוואָלט זיין אַ קינד, האָב איך בלויז געטראַכט וועגן שפילן און קינדערישער פרייה, אַז זיי טראַכטן נישט וועגן קיין זאַך און קיין זאַך גייט זיי נישט אָן. אָבער איך האָב דאָך איצט אין דער נשמה אַ גרעסערע אומרואיקייט צוליב איין הינטל אויף דריי פיסלעך, איידער אַ דערוואַקסענער צוליב אַ גאַנצער משפחה. אָבער ענדלעך האָב איך מיך דערוואַרט אויפן גלעקל.

איז גיבן מיר דעם שול־דינער צען גראָשן אויף מילך. און ער זאָגט:

— איך וואָלט טאַקע געוואַרט אויף אייערע צען גראָשן. טוט אָבער נאָך אַ קוק, וואָס דער הונט האָט אָנגעמאַכט!

און ער פירט אונדז, ווו ראַבטשיק וואָיעט אַן איינגעשפאַר־טער אין אַ פינצטער קעמערל.

— דאָס איז גאָרנישט — זאָג איך. — אויב מען מעג, וועל איך אויסווישן מיט אָט דער שמאַטע.

און איך האָב אויסגעווישט, איך האָב מיך אפילו גאָרנישט געמיאוסט.

און וויסינקער האָט מיך דערקענט, וואָרום ער האָט זיך דערפרייט. ער איז שיער נישט אַרויסגעלאָפן אויפן קאָרידאָר. ער טאַנצט אַרום אין אַ רעדל און שפרינגט אונטער. ער האָט איינגאַנצן פאַרגעסן אין זיינע צרות און געפאַר. ער וואָלט שוין אפשר אַצינד געלעגן אויסגעצויגן און טויט אויפן קאַלטן שניי.

— נו, טראָגט זיך אָפּ — האָט דער שול־דינער געזאָגט, אָבער ער האָט זיך באַלד צוריקגעכאַפּט און געזאָגט: „נו, גייט שוין, ווייל איך האָב נישט קיין צייט".

וואָרום אַ דערוואַקסענעם וועט קיינער נישט זאָגן: „טראָג זיך אָפּ", אָבער צו אַ קינד זאָגט מען אָפּט אַזוי. תמיד, ווען אַ דער־וואַקסענער האַוועט אַרום, איז זאָגט מען אויף אַ קינד: עס פּלאָנ־טערט זיך, דער דערוואַקסענער שפּאַסט, און דאָס קינד מאַכט זיך צום נאַר, דער דערוואַקסענער וויינט, און דאָס קינד בעטשעט, דער דערוואַקסענער איז אַ פלינקער, דאָס קינד אַ שוויצער, דער דערוואַקסענער איז טרויעריק, און דאָס קינד איז פאַרקרימט, דער

דערוואַקסענער איז צעשטרייט, דאָס קינד איז אַ גולם, אַ לעקיש. דער דערוואַקסענער האָט זיך פאַרטראַכט, דאָס קינד האָט זיך פאַרגאַפּט. דער דערוואַקסענער טוט עפּעס אַ זאַך פּאַמעלעך און דאָס קינד איז אַ קריכער. עס איז כלומרשט אַ שפּאַסיקער אופן, אָבער דאָך נישט איידל. פּעמפּיק, שניעק, קליינטשיקער — אפילו ווען מען איז צוגעווינט, אָבער טיילמאָל איז אומאָנגענעם און עס פּאַדריסט אַזאַ גרינגשעצונג.

דער אָרעמער וויסינקער (און אפשר בעסער — שנייעלע) מוז ווידער זיצן צוויי שעה פאַרשפּאַרט אין דער פינצטער.

און אפשר אים האַלטן אונטערן רעקל, אפשר וועט ער זיך האַלטן רואיק?

— ביסט אַ נאַר — האָט געזאָגט דער שול-דינער און צוגע-שלאָסן מיטן שליסל. און מונדעק באַגעגנט מיך און זאָגט:

— וואָס האָסטו עפּעס פאַר אַ סוד?

ער איז אייפערזיכטיק, ווייל ער ווייסט נישט. האָב איך אים געזאָגט.

— הייסט עס אַזוי? האָסט אים פריער געזאָגט?

— איך האָב געמוזט, ווייל ער האָט נישט געוואָלט באָרגן אויף מילך.

— איך ווייס-ייס, איך ווייס-ייס.

עס איז מיר אַ שאָד מונדעקן, וואָרום אויך מיר וואָלט געווען אומאָנגענעם, ווען ער זאָל פריער זאָגן עמעצן אַנדערש. אָבער בעת דער גרויסער פּויזע פרעג איך אים:

— נו, ווילסט גיין אַ קוק טאָן?

דערווייל האָבן יינגלעך געררייבערט פּאַפּיראָסן אויפן צווייטן שטאָק, און עס גייט אַן אויספאָרשונג, ווער עס האָט געריי-בערט, ווער עס איז אַרויפגעגאַנגען אויפן צווייטן שטאָק (אָבער מען זאָגט נישט אַרויפגעגאַנגען, נאָר „אַרויפגעקראָכן“).

און אונדזער שול-דינער זאָגט:

— איך טרייב זיי כסדר אַראָפּ, און זיי פאַרגנבענען זיך.

און ער קוקט אויף אונדז. איך האָב מיך באַהאַלטן הינטער טאָמטשאַקן. וואָרום מען וואָלט גלייך דערקענט, ווייל איך בין רויט געוואָרן. עס איז מיר באַלד הייס געוואָרן. און דערוואַקסענע, ווען זיי פרעגן עפּעס אַ קינד, און ער פאַראיקעט זיך און ווערט רויט,

מיינען זיי באַלד, אַז עס זאָגט ליגן, אָדער עס איז שולדיק. און מיר ווערן רויט פאַר חרפּה שוין פון בלויזן חשד, פון שרעק, אָדער בכלל הייבט דאָס האַרץ אָן שטאַרק צו קלאַפּן. און טייל האָבן נאָך אַ טבע, אַז זיי הייסן קוקן גלייך אין די אויגן. נו, און עס איז פאַראַן אַזעלכע, וואָס כאָטש שולדיק, קוקט ער גלייך אין די אויגן. און האָקט ליגן, אַז עס גייט אַ רויך. אַזעלכע איז גוט. וואָרום צום ערגסטן איז אַן עמפּינדלעך קינד. אומשולדיק, און עס ליידט. וואָרום דערוואַקסענע שרייען אויף אַלע. באַלד זאָגט מען: „איר".

— איר וועט שטענדיק. איר וועט קיינמאָל. איר אַלע.

זיי שרייען און דראָען אַלעמאָל.

— איך קען אייך שוין. אייערע אַרויסדרייעניש. איך וועל אייך שוין לערנען שכל.

און דער עמפּינדלעכער האָט מורא, לעבט כסדר אין שרעק. ווי אַ האָז. וואָרום אַ האָז האָט מורא אפילו בעת ער שלאָפט. און מיר האָבן אויך אומרואיקע חלומות. און מיר כאַפּן זיך אויף אין שרעק.

טוט עפּעס אַ סקריפּע ביינאַכט, דאַכט זיך שוין, אַז עס גייט עמעצער, אַ רוח אָדער אַ רוצח אָדער אַז עס ווייזט זיך עפּעס אין פענצטער, אָדער עפּעס אַ ווייסע זאַך טוט זיך אַ ריר. דעקסט זיך איבער מיט דער קאָלדרע איבערן קאָפּ, אַ פאַרשוויצטער, האָסט מורא צו אָטעמען, טראַכסט בלויז:

— וואָס וועט זיין, אַז עס וועט זיך צו מיר צורירן עפּעס אַ קאַלטע האַנט?

מען דערמאָנט זיך דעמלט די שרעקלעכסטע מעשהלעך, פאַרשידענע שרעקלעכע געשעענישן פון די צייטונגען.

וואָרום נישט נאָר אין מעשהלעך געשעען שרעקלעכע זאַכן. עס זענען דאָך פאַראַן מענטשן אָן פיס, אָן אַ נאָז, אַ מענטש קאָן דאָך בלינד ווערן, משוגע ווערן; עס גייט זיך אַ מענטש אויף דער גאַס, פּלוצלינג פאַלט ער אום און הייבט זיך אָן צו וואַרפן, און פון מויל רינט שוים; ער איז געגאַנגען פונקט ווי אַלע, און פּלוצלינג איז אַזוי געוואָרן. עס קומען זיך צונויף מענטשן, טענהן, און דיך שטופּט מען אַוועק. און דו ווילסט נישט, אָבער דו מוזט קוקן ווי אַ פאַרשטיינערטער.

און שוואַרצע פּאָקן, און גאַלאָפּ־שווינדזוכט, און עגיפּטישע אויגן־אַנטצינדונג, גאַנגרענע, בלוט־פאַרגיפטונג. — מען לייגט נישט קיין אַכט אויף די דאָזיקע שרעקענישן. וואָרום די דערוואַק־סענע דערציילן בכיוון אַ סך זאַכן, אַז די קינדער זאָלן הערן און זאָלן נישט צופיל אַרומשטיפן. אָבער דו זעסט, אַז עס איז דיר נישט איבערגעפאָרן קיין אויטאָמאָביל, אַז דו ביסט נישט אַרויס־געפאַלן פון פענצטער. די פיס נישט צעבראָכן, קיין אויג נישט אויסגעהאַקט. הייבסטו אָן זיי נישט גלויבן. איבעריקנס, מען קאָן דאָך נישט כסדר רק זיין פאָרזיכטיק.

אָבער זאָל נאָר קומען אַזאַ נאַכט, דערמאָנט מען זיך באַלד אין אַלצדינג. און דאָ שלאָפן אַלע, עס איז פינצטער, אָדער עס שיינט די לבנה. איז האָסטו ווידער מורא, אַז אפשר וועסטו אָנ־הייבן קלעטערן אין שלאָף אויף די ווענט און אויף די דעכער.

מאָהנע. טיילמאָל איז מען אַזוי דרייסט, אַז מען קאָן גיין אין דער גרעסטער שלאַכט, אָדער ביינאַכט אויפן בית־עולם, און טייל־מאָל ווידער דערשרעקט מען זיך פאַר אַ ליאַדע נאַרישקייט. און עס איז שווער צו זאָגן, צי איז מען דרייסט, אָדער אַ פּחדן.

און בכלל איז שווער צו וויסן, וואָס מען איז אינדערעמתן. וואָ־רום ווען איך שטעל מיר די פראַגע: צי בין איך אָרנטלעך אַזוי ווי אַ יינגל דאַרף זיין, ווייס איך עס אַליין נישט. איך דערמאָן מיך פאַרשידענע סודות, אָבער איך טראַכט באַלד:

— אַנדערע זענען דאָך ערגער.

אפילו ווען עס דאַכט זיך, אַז עמעצער איז אָרנטלעכער פאַר מיר, בעסער — ווייס איך דאָך אָבער נישט ווען אים אַלצדינג, וואָס ער טוט און וואָס ער טראַכט. וואָרום טיילמאָל קאָן איינער מאַכן אַן אָנשטעל, אָדער ער טוט נישט קיין שלעכטס, ווייל ער האָט מורא, אַז מען וועט אים כאַפּן.

ווידער זענען פאַראַן סודות, אפילו ווען מען האָט גאָרנישט גע־טאָן קיין שלעכטס. ס'רוב האָבן קינדער אַזעלכע סודות. און זיי מוזן זיך אויסבאַהאַלטן, ווייל זיי טאָרן נישט. למשל איך אַצינד. וואָרום וואָס פאַר אַ שלעכטס שטעקט אין דעם, וואָס איך האָב מיך דערבאַרעמט איבער אַ הונגעריקן, פאַרפרוירענעם הונט. אַ פאַרפרוירן הינטל — אַ לעבעדיק באַשעפעניש.

פאַרוואָס פאַרווערן די דערוואַקסענע אַזויפיל?

נו, און וואָס קומט מיר דערפון אַרויס?

מירן זאָגן דער לערערין בשעת דער לעקציע:

— זאָל די לערערין דערלויבן צו נעמען שנייעלען אין קלאַס אַריין. איר וועט זען, אַז מיר וועלן זיין רואיק, אַז מיר וועלן זיין אויפמערקזאַם.

וואָס פרעגסטו. — עס וואָלט גאָרנישט אַרויסגעקומען. וויש־ניעווסקי וואָלט דער ערשטער אויף צו־להכעיס אָנגעהויבן אַרומ־צושטיפן.

עס איז שלעכט, וואָס מיר זענען אַלע צוזאַמען — סיי די אײדעלע, סיי די גראָבע, סיי די האָנאָראָווע, סיי די אָן אַמביציע. צוליב זיי קאָן מען נישט האַלטן קיין שום צוזאָג, קיין שום וואָרט. צוליב זיי ענדיקט זיך תמיד אַלצדינג שלעכט.

צוליב זיי האָבן די דערוואַקסענע נישט קיין צוטרוי צו אונדז, גלייבן אונדז נישט און גרינגשעצן אַלע.

אָן זיי וואָלט אפשר געווען ווייניקער געלעכטער און פריי־לעכקייט, אָבער דאָס לעבן וואָלט געווען רואיקער.

אָבער די דערוואַקסענע מיינען, אַז מיר האָבן בלויז שאָלטי־קעס, אַז מיר פאָלגן בלויז די ערגסטע און אַלץ, וואָס זיי זאָגן אונדז, טוען מיר באַלד. אַז זיי מאַכן אַלעמען קאַליע.

נישט אמת. אַז מיר הערן זיך נישט צו צו אַזאַ שאָלטיק צען מאָל, ווייסט קיינער נישט. אָבער ווי נאָר מיר וועלן מיט אים עפּעס טאָן צוזאַמען — איז באַלד אַרויסגעפאָרן אויף אַלע.

שיין וואָלט די וועלט אויסגעזען, ווען מיר זאָלן טאַקע אויף אַן אמת שטענדיק און אַלע בלויז זיי פאָלגן. שיין וואָלט זי אויס־געזען, ווען מיר זאָלן זיי נישט איינשטילן.

וויפל מאָל זאָגט מען:

— לאָז צורו — לאָז געמאַך — הער אויף — טו דאָס נישט. — עי, וועסט דערגאָך באַדויערן.

און ער פאָלגט, דער שאָלטיק. און אינדערעמתן, אויב די דערוואַקסענע קאָנען פון זיי אויסהאַלטן, איז דאָס אונדזער פאַרדינסט.

נו, עס האָט זיך אויסגעלאָזט, אַז מען ווייסט נישט ווער עס האָט געריבערט פּאַפּיראָסן אויפן צווייטן שטאָק, און מיר האָבן אונדזער הינטל נישט געזען.

ערשט נאָך דער שול זאָגט דער שול-דינער:

— נעמט אים צו, און נאָכאַמאָל ברענגט מיר נישט דאָ אַהער קיין הינט, ווייל איך האָב נישט קיין צייט. איר וועט צוזאַמען מיטן הונט אַריינמאַרשירן אין דער קאַנצעלאַריע.

און מיר זענען אַרויס; איך, מונדעק און באָנטשקעוויטש. און ראַבטשיק (זאָל שוין בלייבן ראַבטשיק).

ווי ער האָט זיך עס געפרייט, ווען מיר האָבן אים אַרויסגעלאָזט אים אויף דער פריי. ווי אַלץ, וואָס לעבט, בענקט נאָך דער פריי. צי דאָס איז אַ מענטש, צי אַ טויב, צי אַ הונט.

מיר באַטראַכטן זיך אינדרייען, וואָס ווייטער צו טאָן. באָנטשקעוויטש האָט מסכים געווען אים צו נעמען ביז מאָרגן, און איך וועל מיר דערווייל אָנפרעגן.

איך האָב געפילט עפּעס אַ מין פּאַרדרוס צו באָנטשקעוויטשן, ווען ער האָט מיר צוגענומען מיין ראַבטשיק.

ער איז דאָך מיין. איך האָב דאָך אים געוואַרעמט אונטערן מאַנטל. ער האָט דאָך מיך דעם ערשטן אַ לעק געטאָן. איך האָב אים געפונען און געבראַכט אין שול אַריין און די גאַנצע צייט וועגן אים געטראַכט. און באָנטשקעוויטש האָט דאָך בלויז נאָר געגעבן צען גראָשן און שוין.

נאָט מיינער, צי איז עס אַ יושר, וואָס טייל עלטערן דערלויבן יאָ, און אַנדערע נישט. יעדער האָט צום מיינסטן ליב זיינע עלטערן און די היים. אָבער ער ווייסט, אַז אַן אַנדער פאָטער דערלויבט — און עס פאַרדריסט. ער פאַרגלייכט זיך מיט אַנדערע, און עס טוט אים וויי.

פאַרוואָס נעמט באָנטשקעוויטש ראַבטשיקן און ס'איז גאָרנישט. און איך מוז ערשט בעטן און עס וועט זיך אוודאי אויסלאָזן מיט גאָרנישט.

וואָס איינער איז רייכער, און דער אַנדערער איז אָרעמער, און דער רייכערער קאָן קויפן, וואָס ער וויל — דאָס איז נאַרישקייטן. פרייהייט איז וויכטיקער פאַר רייכקייט.

וואָרום אויב מען ווייסט, אַז די עלטערן האָבן טאַקע נישט, האָט מען זיי נאָך ליבער מיט דער האָזיקער צרה. ווער וועט עס אין כעס זיין, וואָס דער טאַטע האָט נישט קיין אַרבעט, אָדער ער פאַרדינט ווייניק? אָבער אַז ער גיט אוים אויף אומנייטיקע זאַכן און

פאַרן קינד קאַרגט ער, אַז ער טראַכט בלויז וועגן זיך און פאַרן קינד זשאַלעוועט ער — דאָס איז שוין גאָר עפּעס אַנדעריש. וואָרום פאַרוואָס גיט מונדעק טאַטע אויס געלט אויף בראָנפן און מאַכט נאָך אַוואַנטורעס?

עס איז מיר אַ רחמנות אויף מונדעקן און אַ רחמנות אויף ראַבטשיקן, פון וועלכן איך האָב געהאַט אַזוי פיל עגמת־נפש, און אַצינד נעמט אים צו אַן אַנדערער.

— מעגסט מיר די דאָזיקע צען גראָשן נישט אָפּגעבן — זאָגט באַנטשקעוויטש.

און איך:

— מוחל טובות. איך וועל דיר נאָך אפשר מאָרגן אָפּגעבן.

און ער:

— אויב דו ביסט אין כעס, האָסטו אַ ברירה מיר אים נישט צו געבן.

איך:

— קום הינטעלע, לאָמיר זיך געזעגענען.

און ראַבטשיק רייסט זיך אַרויס און פאַרשטייט אַפילו נישט, אַז דאָס שיידן מיר זיך. דערנאָך ערשט האָט ער זיך אָנגעשפּאַרט מיט די פיסלעך אויף מיין ברוסט און שאָקלט פריילעך מיטן וויי־דעלע און קוקט — גלייך אין די אויגן!

טרערן זענען מיר אַזש געקומען אין די אויגן אַריין.

און דערנאָך האָט ער מיר אַ לעק געטאָן אין סאַמע מויל, ווי ער וואָלט איבערגעבעטן.

און איך האָב אים צוגעטוליעט צום לעצטן מאָל!

מונדעק האָט מיך אַזש לייכט אַ צי געטאָן פאַר דער קעשענע.

— נו, קום שוין.

און מיר זענען שנעל אַוועקגעגאַנגען, איך האָב מיך אַפילו נישט אומגעקוקט.

מונדעק האָט דורכן גאַנצן וועג גערעדט וועגן טויבן, קראָלי־קעס, סראָקעס, יעזשעס. איך פלעג מיך בלויז אָנרופן מיט אַ וואָרט. און דער וועג אַהיים איז שנעל פאַרביי. וואָרום עס איז אַזוי: אַ שעה אויפן זייגער איז טאַקע תמיד די זעלבע, אָבער אין מענטש שמעקט עפּעס אַ גאָר אַנדערער זייגער, וואָס ווייזט גאָר אַנדעריש. מיילמאָל לויפט פאַרביי אַ שעה, איידער דו קוקסט זיך אַרום, און

מײלמאָל שלעפּט זי זיך װי קײנמאָל נישט צו ענדיקן. — מײלמאָל װי נאָר דו גײסט אַרײַן אין שול, קלינגט שױן דאָס גלעקל און מען גײט אַהײם. אויב אָבער דו פֿילסט זיך שלעכט, װאַרטסטו ביז דאָס גײט פֿאַריבער און גײסט אַרױס װי אַ תּפֿיסהניק, און האָסט שױן אַפֿילו נישט קײן כּוח זיך צו פֿרײען.

איך געזעגן זיך מיט מונדעקן, אָבער װי עפּעס אַ נישט גוטער זאָל מיר אונטערזאָגן, האָב איך אַ פֿרעג געטאָן:

— און דײַן אַלטער האָט זיך נעכטן װידער אָנגעכוסעט?

מונדעק איז רױט געװאָרן און געזאָגט:

— מײנסט, אַז מײַן טאַטע טרינקט אַלע טאָג?

ער איז אַװעק אַזױ גיך, אַז איך האָב שױן נישט געהאַט קײן צײַט אָפּצוענטפֿערן. — און צו װאָס האָב איך דאָס באַדאַרפֿט? צוליב נישט אָפּגעבן זיך קײן חשבון טוט מען אַמאָל עפּעס אַ זאַך, און דערנאָך איז שױן פֿאַרפֿאַלן.

דער טאַטע האָט מיר אַמאָל געזאָגט אַ װערטל:

— אײדער רעדן אומבאַטראַכט, בעסער האַלט דאָס מױל פֿאַרמאַכט.

זײער אַ קלוג װערטל. דעמלט בין איך אַפֿילו געװען בײז און עס איז מיר נישט געפֿעלן. װאָרום איך האָב געהאַט געזאָגט עפּעס אַ זאַך, װאָס איז געװען אמת, און מען האָט אויף מיר געשריגן, װי איך זאָל געװען זאָגן מי יודע װאָס פֿאַר אַ ליגן. קײנער האָט נישט געפֿרעגט, איז האָב איך דאָס געקאָנט נישט זאָגן. עס װאָלט אָבער געװען אַ נישט אױפֿריכטיקײט צו באַהאַלטן דעם אמת אין זיך.

עס איז פֿאַראַן אין לעבן אַ סך פֿאַלשקײט. װען איך בין געװען אַ גרױסער, האָב איך מיך שױן צוגעװױנט דערצו און עס האָט מיך נישט געאַרט. מילא, פֿאַרפֿאַלן — מען מוז לעבן. אַצינד אָבער פֿיל איך אַנדערש — עס טוט װײ, װאָס אײנער קאָן נישט אַרױסזאָגן דעם אַנדערן, װאָס ער טראַכט אויף אַן אמת. מען מוז בלױז תּמיד מאַכן אַן אָנשטעל.

װאָרום אַ ליגן קאָן זײַן אַזױ זיך — נישט שלעכט, נישט גוט. אָבער אַ פֿאַלשער מענטש — האָס איז שױן דאָס ערגסטע. ער טראַכט אײן זאַך, און זאָגן זאָגט ער עפּעס אַנדערש, אין די אױגן אַזױ, און הינטער די אױגן אַנדערש. עס איז מיר שױן ליבער אַ באַרי־

מער, אַ ליגנער, יעדער איינער איז מיר ליבער, איידער אַ פֿאַלשער — וואָרום אַזאַ איינעם איז שווער צו דערקענען. יענעם זאָג איך:
— זאָגסט ליגן.
אָדער:
— בארים זיך נישט.
און אַ סוף.
עס איז עפּעס פּשוטער, פֿיינער.
און אַ פֿאַלשער איז אַזוי זיס, ליבלעך, אַז עס איז שווער צו כאַפּן ביי דער האַנט.
איז וואָס־זשע? — איך האָב מוגדעקן פֿאַרשאַפֿט עגמת־נפש. ער איז אויף מיר ברוגז. איך האָב געזאָגט אויף זיין טאַטן — אַלט מער, און אַז ער האָט זיך אָנגעשנאָשקעט. איך האָב עס אַזוי גראָב אַ זאָג געטאָן ווי אַ דערוואַקסענער, וואָס נעמט און פֿאַרשעמט אַ קינד, באַליידיקט און פּילט עס אַפֿילו נישט.
איך גיי אַריין אין טויער, און אויף די שטיגן זיצט די זעלבע קאַץ, וואָס נעכטן. עס איז מיר געוואָרן אַ רחמנות און איך האָב זי געוואָלט אַ גלעט טאָן, נעמט זי אָבער און מאַכט פּליטה. — הייבט עס, זי געדענקט. אפֿשר וועט מיך גאָט שטראָפֿן פֿאַר דער קאַץ, אַזוי אַז מען וועט מיך נישט לאָזן אַהיימברענגען דאַבטשיקן אין שטוב אַריין?
— נו, ווי איז דיר דאָרט געגאַנגען אין שול? — פֿרעגט די מאַמע.
זי האָט האָס געפֿרעגט ליבלעך. אפֿשר פּילט זי, אַז זי האָט נעכטן אומגערעכט אָנגעשריגן אויף מיר?
איך זאָג:
— נישקשה.
און די מאַמע פֿרעגט:
— און אין ווינקל ביסטו נישט געשטאַנען?
איך דערמאָן מיך ערשט, אַז עס איז טאַקע אמת.
איך זאָג:
— איך בין געשטאַנען צווישן די בענק.
און די מאַמע:
— און אָט זאָגסטו, אַז ס'איז גאָרנישט געשען.
איך זאָג:

— איך האָב פאַרגעסן.

איך נעם אַ מעסער און הייב אָן צוזאַמען מיט דער מאַמען צו שיילן קאַרטאָפל. און די מאַמע:

— פאַרוואָס?

איך זאָג:

— כ'בין געווען נישט אויפמערקזאַם.

— פאַרוואָס ביסטו נישט געווען אויפמערקזאַם?

— איך האָב מיך עפּעס פאַרטראַכט.

— וועגן וואָס?

איך נעם שיילן גיך, כלומרשט שטאַרק פאַרנומען, און איך ענטפער נישט.

— זעסט, עס איז נישט גוט, וואָס דו האָסט פאַרגעסן. אַן אָרנטלעך קינד שעמט זיך צו שטיין אין ווינקל און באַמיט זיך, אַז דאָס זאָל שוין מער נישט טרעפן. די לערערין שטעלט דאָך אַריין אין ווינקל, כדי אָנצולערנען, פאַר אַ ביישפּיל וועגן; כדי דו זאָלסט אַלצדינג בעסער פאַרשטיין. אויב דו פאַרגעסט אָבער, גייט דאָך דאָס גאַנצע אָנלערנען אין גיוועץ. מען דאַרף געדענקען די שטראָף, וואָס מען באַקומט.

איך האָב אַ קוק געטאָן אויף דער מאַמען און טראַכט מיר:

— אָרעמע מאַמע, זי ווייסט גאָרנישט און פאַרשטייט גאָר‑נישט.

און נאָך האָב איך געטראַכט:

— אי אָרעם, אי אַלט.

וואָרום בעת די מאַמע איז געזעסן אײַנגעבויגן, האָב איך דער‑זען, אַז זי האָט גרויע האָר און איז גערונצלט. אפשר איז זי נאָך נישט אַזוי אַלט, אָבער זי האָט אַ שווער לעבן.

און איך טראַכט:

— גוט, וואָס איך האָב ווידער אַ מאַמען. די קינדער האָבן מאַקע צרות פון די עלטערן, אָבער אָן עלטערן איז ערגער — שלעכט — זייער טרויעריק און שלעכט.

— און אפשר האָסטו דאָרט נאָך עפּעס אָפּגעטאָן אין שול?

איך זאָג:

— ניין, גאָרנישט.

— זאָגסט נישט קיין ליגן?

— פאַרוואָס זאָל איך זאָגן ליגן? ווען איך זאָל נישט וועלן, וואָלט איך אויך גאָרנישט געווען דערציילט וועגן ווינקל.

די מאַמע זאָגט:

— נו, אוודאי.

און עס ווערט שטיל. אָבער עפּעס אַזוי, ווי מיר וואָלטן ווייטער געשמועסט. ווערום איך האָב אין די מחשבות אַ בקשה וועגן מיין ראַבטשיק, און די מאַמע ווייסט, אַז איך דערזאָג נישט עפּעס, אַז איך באַהאַלט עפּעס.

מיר, קינדער, האָבן ליב צו פּלוידערן מיט דערוואַקסענע. זיי ווייסן בעסער. אָבער זיי זאָלן נישט האָבן צו אונדז אַזויפיל טענות. זיי זאָלן זיין מיט אונדז ליבלעך. נישט בלויז תמיד בורטשען, זיך טשעפּען, אָנשרייען, זידלען.

ווען די מאַמע זאָל אַן אַנדערש מאָל אַזוי אַ פרעג טאָן:

— אפשר זאָגסטו ליגן?

וואָלט איך אויפגעקאָכט געוואָרן און עס קאָן זיין, איך וואָלט צוריקגעענטפערט מיט די זעלבע ווערטער וואָס איצט, אָבער עס וואָלט שוין אין זיי געשטעקט כעס.

די דערוואַקסענע ווילן נישט פאַרשטיין, אַז אַ קינד ענטפערט ליבלעך אויף ליבלעכקייט, און אַז אַ געבייזער וועקט אין אים באַלד אויף אַ געפיל פון רעוואַנזש, פון נקמה. ווי עס זאָל הייסן:

— אָט אַזאַ בין איך און איך קאָן נישט זיין אַנדערש.

אָבער יעדער, אַפילו דער ערגסטער פון אונדז, וויל דאָך אָבער בעסער ווערן.

און אפשר אונטערשיידן זיך שלעכטע קינדער פון שלעכטע מענטשן דערוואַקסענע גראָד דערמיט, וואָס איר, דערוואַקסענע, האָט שוין געפּרוּווט און געפּרוּווט און עס איז גאָרנישט אַרויסגעקומען, הייסט עס — אַ פאַרפאַלענע זאַך, און מיר, קינדער, קעמפן, ראַנגלען זיך מיט זיך אַליין, מיר באַמיען זיך, מיר פאַרעקשנען זיך, און אַז ס׳געלינגט אונדז ווידעראַמאָל נישט — פאַלט איר באַלד אָן אויף אונדז. דאָס שטערט דאָך שרעקלעך. וואָס מער מען שטרענגט זיך אָן און מען מיינט, אַז עס איז שוין גוט — איז אָט נאַ דיר און הייב אָן נאָכאַמאָל פונדאָסניי. עס נעמט אַרום אַזאַ כעס, אַזאַ ווייטיק און אומווילן. און איר אָנשטאָט צו העלפן, צוצוגעבן מוט — דערשלאָגט נאָך. דערפאַר האָבן מיר אַזעלכע אומגליקלעכע

טעג, שלעכטע וואָכן. אַז ווען עס געלינגט נישט עפּעס אַ זאַך, איז באַלד אויך אַ צווייטע, אַ דריטע — אַלץ הייבט אָן פאַלן פון די הענט.

און דאָס ערגסטע איז, ווען עס געלינגט נישט, און איר זייט חושד אין שלעכטן ווילן. טײלמאָל דערקענט מען נישט, אָדער מען פאַרהערט, מען פאַרגעסט, מען פאַרשטייט נישט, אָדער מען פאַרשטייט שלעכט. און איר מיינט, אַז דאָס איז אַ צו־להכעיס. טייל־מאָל וויל מען דווקא עפּעס אַ גוטע זאַך, עפּעס אַ סורפּריז, עפּעס אַן אָנגענעמע זאַך אייך פאַרשאַפן, אָבער וויל מיר האָבן נישט קיין דער־פאַרונג, קומט אַרויס שלעכט — עס איז אַזאַ שאָד, אַ פאַרלוסט. מיר פילן דאָך דאָס אַליין, מאָ צו וואָס אונדז באַלד מאַכן סקאַנדאַלן.

שלעכט דעם מענטש, וואָס פילט שטאַרק.

איך הייב מיך אָן פּאָרען איבער דער שטוב. איך האָב אַראָפּ־גענומען די בלומענטעפּלעך פון פענצטער און אויסגעווישט דעם שטויב. דערנאָך האָב איך אָנגעהויבן ריין מאַכן אין גאַנצן צימער. און די מאַמע הידושט זיך. אַזוי האָב איך מיך מיט דער מאַמען איבערגעבעטן פאַר דעם געכטיקן ברוגז. און ווער ווייסט? אפשר בין איך אויך געווען אַ ביסל שולדיק? מען דאַרף נישט פאַרשפּע־טיקן צו מיטאָג. אָבער אַפילו צדיקים זינדיקן דאָך אויך.

— גיי, לויף אַ ביסל אַרום — זאָגט די מאַמע. — וואָס וועסטו דאָ זיצן?

און איך:

— איך וועל גיין אין קינדערהיים נאָך אירענען.

די מאַמע:

— נו גיי.

איך האָב מיך אָנגעטאָן און בין אַרויסגעגאַנגען. איך ווייס אַליין נישט פאַרוואָס. אַוודאי צוליב ראַבטשיקן. וואָרום אויף קליינע קינדער דאַרף מען אויך אַכטונג געבן.

איך בין נישט קיין גוטער ברודער. אויף אַ הונט האָב איך רח־מנות, און פאַר אַ לייבלעכער שוועסטער האָב איך נישט קיין אמתע ליבשאַפט. וואָס רעד איך ליבשאַפט — אַפילו נישט קיין פאַר־שטענדעניש.

אַזאַ קליין קינד מוז דאָך שטערן, עס מוז דאָך פון לאַנגווײ־ליקייט וועגן באַלעסטיקן. אויב איך שפּיל מיך מיט איר, איז עס

ווי אויף יוצא צו זיין. און ס'רוב מרוקע איך אויף איר און שטויס זי אוועק. פונקט ווי די דערוואַקסענע פירן זיך מיט אונדז, מיט די גרעסערע קינדער. אַפּנים פון זיי האָבן מיר זיך דאָס אויסגע־לערנט.

צוליב דריי זאַכן האָבן מיר נישט ליב די קליינע קינדער:

ערשטנס, וואָס די דערוואַקסענע הייסן אונדז, מיר זאָלן זיי אַלץ נאָכגעבן, צי זיי זענען גערעכט, צי נישט.

צווייטנס, וואָס זיי הייסן, מיר זאָלן זיי געבן אַ גוטן ביישפּיל.

דריטנס, וואָס זיי הייסן, מיר זאָלן זיך מיט זיי שפּילן, בעת זיי שטערן אונדז.

קומט אויס, אַז צוליב די קלענערע קינדער באַקומען מיר אָפט אַ פּסק, איז ליידן מיר טאָפּלט: אי צוליב זיך, אי צוליב די קלענערע.

למשל, איך האָב עפּעס, און זי וויל עס דווקא האָבן. אויב איך וועל וועלן, וועל איך אַליין געבן, וואָרום איך ווייס, וואָס מען קאָן געבן, און וואָס נישט. און צי גיבן אונדז די דערוואַקסענע נאָך, ווען מיר ווילן הווקא עפּעס האָבן? זיי שרייען נאָך אָן אויף אונדז, און אַז זיי גיבן שוין יאָ אויף אָפּצוטשעפּען זיך, איז נאָך ערגער, וואָרום זיי לערנען אַזוי אַרום אויס, אַז מיט גוטן קאָן מען גאָרנישט באַקו־מען. און אַז אַזאַ קליין צעבאַלעוועט נפשל זעט, אַז מען נעמט זיך אָן פאַר איר, לערנט עס זיך אויס שרייען, ווען עס וויל עפּעס. דאָס פאַרדריסט זייער.

זאָל עס וויינען. אָבער ניין: עס מאַכט אַזעלכע געוואַלדן, בכיוון, אַז אַלע זאָלן הערן, כדי מען זאָל זיך צוזאַמענלויפן.

פונקט ווי עס האָבן דאָ געווינט אַזעלכע, וואָס אַז דער מאַן האָט איר נישט געוואָלט עפּעס נאָכגעבן, האָט זי געמאַכט אַ גע־וואַלד אויפן גאַנצן הויף.

און ער פלעגט בלויז זאָגן:

— נו, שוויַיג שוין, דו טוסט דאָך אָן חרפּות מיר און דיר.

און זי:

— איך וויל דיר טאַקע אָנטאָן חרפּות. זאָלן מענטשן וויסן, זאָל זיך דאָס גאַנצע הויז צוזאַמענלויפן. זאָל קומען פּאָליציי, זאָל קומען די גיכע הילף, זאָל מען שרייבן אין דער צייטונג.

זי האָט זיך דאָס אַזוי מסתמא צוגעווינט פון קליינווייז אָן. וואָרום אַזוי טוען קליינע קינדער. מען מאַכט געוואַלדן, און די גרויסע גלויבט זיך נישט אויסצוגעפינען, ווי אַזוי עס איז איבערראַשט געווען, זיי ווילן בלויז, עס זאָל זיין שטיל. און דאַן:

— זי איז קליין, דאַרפסט פאַר איר אָפּטרעטן.

פאַר די גרויסע אָפּטרעטן און פאַר די גאָר קליינע נאָך אויך.

אַ גרויסער טוט אַ קלאַפּ, נישט תמיד גערעכטערהייט, אָבער אַז אַ ברודער וועט אַ קלאַפּ טאָן, האָט מען באַלד רחמנות און מען נעמט זיך אָן די עוולה.

איך האָב מיר געמאַכט אַ מילעבל. אַ האַלבן טאָג זיך אָנגעמאַטערט.

— גיב עס מיר.

זי הייבט עס אָן אַרויסצורייסן.

— גיי אַוועק, וואָרום דו וועסט קריגן.

און זי:

— גיב — גיב.

און די מאַמע וואָס זאָגט?

— וועסט דיר מאַכן אַן אַנדערס.

איך וועל מאַכן, צי נישט מאַכן. זאָל זי אָבער בעטן, צוואַרטן, נישט אַרויסרייסן און:

— מאַאַאַמעעע!

מען קאָן זיך קוים איינהאַלטן פון כעס. און איר גאַנצע כוונה איז דאָך, אַז מען זאָל איר אַ קלאַפּ טאָן, וואָרום דעמלט קאָן זי דאָך שוין אוודאי לויפן פאַרמסרן. און דו האָסט באַלד אַן אַוואַנטורע.

— אַזאַ ברודער, אַזאַ גרויסער יונגאַטש.

גלייך ווי איך זאָל זיין שולדיק.

אַז מען וויל, בין איך קליין, אַז מען וויל, בין איך גרויס.

אָדער גאָר.

איך בין שוין נישט בלויז פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דעם, וואָס איך אַליין טו, נאָר אויך פאַר איר.

— דו האָסט זי אויסגעלערנט, דו האָסט איר געוויזן. פון דיר האָט זי געהערט. דיין ביישפיל.

צי האָב איך איר געהייסן מיר נאָכמאַכעווען? אויב איך גיב אַ שלעכטן ביישפּיל, זאָל זי מיר נישט נאָכקרימען, זאָל זי צו מיר נישט רעדן, זאָל זי זיך מיט מיר נישט שפּילן.

אָבער איך דאַרף דווקא מיט איר זיך יאָ שפּילן. טאָ ווי זשע?

— טו אָן דעם פּאַלטן, וואָרום זי וועט אויך וועלן אַרויסגיין אָן פּאַלטן. דו וועסט נישט באַקומען קיין ביר, אָדער וווּרשט, וואָרום זי וועט אויך וועלן. גיי שלאָפן, וואָרום זי וועט אַליין נישט וועלן גיין.

מען פּאַרמיאוסט דיר אַזוי דאָס דאָזיקע קליינע קינד, אַז די ווילסט דערמיט נישט האָבן צו טאָן. אָבער ניין: דו מוזט זיך גיין שפּילן.

נו, גוט.

עס זענען פּאַראַן שפּילן, ווו אַ קלענער קאָן צוגויז קומען. קאָן אויך עפּעס טאָן. אָבער זאָל ער פּאָלגן, זאָל ער די שפּיל נישט קאַליע מאַכן, זאָל ער פּאַרשטיין, אַז ער קען נישט דאָס אַלצדינג, וואָס מיר.

מען זאָגט אים:

— זעץ זיך דאָ אַנידער, וועסט טאָן דאָס און דאָס.

ווייל ער אָבער נישט. ער וויל לויפן. — בין איך דאָך אָבער פּאַראַנטוואָרטלעך, אַז ער וועט פּאַלן און זיך מאַכן אַ בייל, אָדער זיך עפּעס צערייסן. נו און ער פּלאָנטערט זיך אונטער די פיס און שטערט.

פּאַר דערוואַקסענע איז אַ קינד אַלציינס, צי עס איז אַלט פינף יאָר, צי צען. אַז עס טויג זיי, איז נישטאָ קיין שום חילוק.

— קינדער, גייט זיך שפּילן.

און אַז עס טויג זיי, ביסטו אַן עלטערער און דו דאַרפסט אַכ־טונג געבן, און אָפּטרעטן און געבן אַ גוטן ביישפּיל.

אַליין מאַכן זיי אָן מחלוקת צווישן די קינדער, און דערפאַר קאָן נישט זיין קיין שלום. דערפאַר באַמיען מיר זיך אויסצומיידן דאָס קלענערע קינד, און מיר דערנענטערן זיך דערצו בלויז, ווען מיר לאַנגווייליקן זיך זייער, אָדער מיר ווילן פון דעם ייִנגערן עפּעס אַרויסבאַקומען.

וואָרום אויך מיר זענען נישט ריין פון זינד. עס איז פּאַראַן צווישן אונדז אַ סך אָפּנאַרעריי. זאָל נאָר אַ קליין קינד עפּעס האָבן,

געפינט זיך באַלד אַ פריינד, וואָס וועט דאָס פרוון אויסנאַרן, כלומרשט שפּילט ער זיך, ביז ער באַקומט, וואָס ער וויל, און דער־נאָך וועט ער זיך אַפילו נישט אומקוקן. און דער קלענער איז שטאָלץ, וואָס מען בעט אים, אָדער שעמט זיך צו מאָנען, מען זאָל אים אָפּגעבן.

וואָרום פאַרשידן זענען סיי די עלטערע, סיי די קלענע.

דערפאַר, אויב עפּעס רעכטס, גיט ער זיך נישט אָפּ מיט קלענ־וואַרג, כדי מען זאָל אויף אים נישט האָבן קיין אויג, און עס שאַרן זיך צו זיי בלויז נאָר די ערגערע.

און אינדערעמתן גיבן די עלטערע אַ שלעכטן ביישפּיל די קלע־נערע און מאַכן זיי קאַליע. און אַזוי אַרום וואַקסט פון קליינוויז אַן עפּעס אַ משונהדיקע בריאה. און שפּעטער, ווען ער האָט שוין שכל, איז שווער זיך אָפּצוגעווינען, שווער זיך צו ענדערן.

איך גיי איבער דער גאַס און טראַכט. איך גיב אַ קוק, אָט איז מיין ראַבטשיק. איך בין אַזש שטיין געבליבן. אָבער עס האָט זיך מיר בלויז נאָר אויסגעדאַכט. ער איז אַפילו נישט זייער ענלעך גע־ווען. איז נעם איך איצט ווידער טראַכטן וועגן ראַבטשיקן.

— אפשר אים גאַרנישט אָפּנעמען? אפשר וועט אים דאָרט בעסער זיין? אפשר וועט די מאַמע דערלויבן, און דערנאָך וועט זי זיך בייזערן? וואָרום אויב מען זאָל וועלן, וואָלט דאָך געווען אַ הונט אַן מיר. איך וועל צוואַרטן עטלעכע טעג און הערן, וואָס באַנטשקעוויטש וועט זאָגן, ווי ער פירט זיך דאָרט אויף. ער האָט דאָך אָנגעשמוציקט אין קעמערל. אמת טאַקע, ער איז געווען פאַר־שלאָסן.

און איך ווייס נישט, צי וויל איך, אַז מיר זאָל זיין היימלעכער מיט אים, צי זאָל איך ראַבטשיקן פאַרשאַפן אַ בעסערע צוקונפט. וואָרום וואָס? איך האָב אים אָפּגעראַטעוועט דאָס לעבן און איינ־געפונען אַן אָרט. אפשר אַצינד זיך מער פאַרנעמען מיט אירענען?

איז אָט, איך קום אין דער קינדערהיים, און דאָרט שפּילן זיך די קינדער אין אַ ראָד. זיי האַלטן זיך פאַר די הענט, דרייען זיך און זינגען.

און די לערערין זאָגט:

— איידער צו שטיין, שפּיל זיך בעסער מיט אונדז.

זי האָט אויסגעשטרעקט די האַנט און איך האָב מיך אָנגעשלאָסן.

אַן אַנדערש מאָל וואָלט איך מיך אַוודאי געשעמט און נישט געוואָלט, אָבער אַצינד וועט דאָך מיך קיינער נישט זען. איך האָב מיך אָנגעהויבן שפּילן. תחילת האָב איך אָנגעהויבן שפּאַסן, כדי מען זאָל מער לאַכן. אָט האָב איך מיך אַראָפּגעזעצט, אַז איך בין כלומרשט אַ קליינטשיקער, אָט האָב איך אונטערגעהונקען, אַז כלומרשט פּונקט מיר ווי אַ פּוס. איך האָב געוואָלט אויספּראָבירן די לערערין, צי זי וועט זיך נישט בייזערן. אָבער די לערערין האָט אויך געלאַכט, איז האָב איך מיך שוין אויף אַן אמת געשפּילט.

די קליינע קינדער זענען געווען צופרידן, יעדער האָט געוואָלט זיין נעבן מיר, איך זאָל אים האַלטן ביי דער האַנט. נו, נישט יעדער, וואָרום טייל האָבן זיך געשעמט, ווייל זיי קענען מיך נישט. צום שטאָלצסטן איז געווען אירענע, וואָס זי האָט אַ גרויסן ברודער. און זי האָט שוין געגומען באַפעלן:

— דו אַזוי — דו אַזוי.

זי מיינט, אַז טאָמער עפּעס, וועל איך מיך פאַר איר אָננעמען.

און איך האָב געזאָגט, אַז זי זאָל אויפהערן, ווייל איך וועל אַוועקגיין.

די קליינע האָבן אַזאַ טבע. וויבאַלד ער ווייסט, אַז אַן עלטערער וועט אים קומען צו הילף, וועט ער דער ערשטער פאַרטשעפּען, דערנאָך אַנטלויפט ער, אַז אַ ברודער זאָל זיך פאַר אים אָננעמען. און דער ברודער, אויב ער איז אַ שאָלטיק, וועט ער אַליין מיט פאַרגעניגן זיך אַריינלאָזן אין אַ געשלעג, און דאָ ריזיקירט ער גאָרנישט, וואָרום טאָמער וואָס, איז ער נאָך אַ פּיינער:

— פאַרוואָס האָסטו דעם קליינעם אַ קלאַפּ געגעבן? איך האָב מיך געמוזט אָננעמען פאַר מיין ברודער.

אַליין וועט ער דעם טייערן ברודערל אַריינשיטן פיר מאָל אַזוי־פיל קלעפּ, אָבער אַצינד — איז ער דער געטרייער ברודער און באַשיצער.

און ווידער וועט דער אָרנטלעכער, כאָטש ער וויל נישט, זיך מוזן אָננעמען, ווען אַפילו ער ווייסט, אַז דער קליינער איז נישט גערעכט — וואָרום ער האָט מורא, אַז ער וועט מוזן אָפּגעבן די עלטערן דין וחשבון פאַרן קלענערן קינד.

איז אָט האָט די לערערין באַדאַרפט אָנשרייבן עפּעס אַ בריוו און זי האָט מיך איבערגעלאָזט מיט די קליינע קינדער, זיי האָבן מיך געפּאָלגט, וואָרום די לערערין איז געווען אין צווייטן צימער.

בלויז איינער האָט די גאַנצע צייט געשטערט. וואָרום שפּעטער האָב איך זיי דערציילט דאָס מעשהלע וועגן קאָטער מיט די שטיוול, האָט דער קליינער ראָצער אויף צו־להכעים געשטערט. אָט דאָס פאַרדריסט שוין אַזוי, ווי כ׳ווייס נישט וואָס.

איז גייען מיר מיט אירענען אַהיים. מיטאַמאָל טוט מיר עפּעס אַ קלונג אין דער זייטן־קעשענע. איך געפּין צוויי גראָשן. ווען עס זאָל זיין מער, וואָלט איך באַהאַלטן פאַר באָנטשקעווישן, אָבער אַזוי לוינט נישט — האָב איך זיי אַוועקגעגעבן אירענען. אויב זי האָט עפּעס, טיילט זי זיך אויך מיט מיר.

טיילמאָל נעם איך, און טיילמאָל נישט. וואָרום אַז מען נעמט עפּעס ביי אַ קלענער קינד, הייסט עס באַלה, אַז מען האָט אויסגע־נאַרט. וואָרום אַזוי איז עס שוין, אַז פאַר שלעכטס איז תמיד פאַר־אַנטוואָרטלעך דער עלטערער, וואָס איז גאָרנישט שולדיק.

ווען מען זאָל קאָנען עפּעס ענדערן (אָבער איך ווייס נישט וואָס), וואָלט אונדזער קינדעריש לעבן באמת געווען אָנגענעם. מיר, קינדער, האַרפן נישט קיין סך צו זיין גליקלעך, אָבער האָס האָזיקע ביסל פעלט אונדז. כלומרשט זאָרגן זיך די דערוואַקסענע פאַר אונדז, אָבער עס איז אונדז שלעכט אויף דער וועלט.

איך גיי און עס איז מיר אָנגענעם צו פירן די קליינע ביי דער האַנט. איך גיב מער אַכטונג, ווי אַזוי צו גיין, איך זוך אויס אַ בע־סערן וועג. און איך פיל מיך עלטער, שטאַרקער. און דאָס הענטל איז אַזאַ קליינס און אַ גלאַטיקס ווי אַטלאַס. און קליינע פינגערלעך. און עס איז אַזש אַ חידוש, וואָס טיילמאָל האָסטו דאָס זעלבע קינד ליב און טיילמאָל האָסטו עס פיינט.

זי האָט אויפגעגעסן אַ צוקערל, און דאָס אַנדערע מיר געגעבן. איך האָב נישט געוואָלט, אָבער איך האָב אויפגעגעסן, און זי קוקט און לאַכט. ווייל זי האָט מכבד געווען.

טיילמאָל איז אָנגענעם עפּעס צו געבן פון דעם אונדזעריקן, און נישט תמיד בלויז נעמען און נעמען פון די עלטערע. עס איז אומאָנגענעם, ווען מיר ווילן עפּעס שענקען אַ דערוואַקסענעם, און זיי נעמען נישט, אָדער גיבן עפּעס אַן אַנדערע זאַך, וואָס איז מער

ווערט. באַלד באַצאָלט. מען פילט זיך דאַן דערנידעריקט, ווי עפּעס אַ בעטלער.

ווען מען זאָל קאָנען איינאָרדענען די וועלט אַזוי, אַז אַלצדינג זאָל זיין אַ קענגזייטיקער אויסבייט פון טובות. ווען איך בין געווען טרויעריק, האָט מיר אירענע געגעבן אַ גלעזל, איך האָב איר געקויפט צוקערלעך, זי האָט מיר געגעבן איינס. אַ גאַנץ קייטעלע פון גוטע מעשים.

און מיר זענען אַהיימגעקומען. מיר קומען אַריין, און טרעפן די מומע ביי דער מאַמען. און די מומע זאָגט:

— אָ־אָ־אָ, דיינע קעלבלעך קומען שוין.

פאַרוואָס קעלבלעך, ניט מענטשן? וואָס פאַר אַ שלעכטס האָבן מיר געטאָן, וואָס די מומע רופט אונדז קעלבלעך? בלויז קי האָבן קעלבלעך. וואָס איז דאָס פאַר אַ מיאוסער אָנפאַל?

איך בין בייז און באַגריס זי ניט אינגאַנצן. די מאַמע איז אַזש בייז געוואָרן:

— פאַרוואָס קומסטו אַריין ווי אַ גראָבער יונג. פאַרוואָס באַגריסטו דיך ניט מיט דער מומען?

— צו וואָס באַגריסן? — זאָג איך. — נעכטן בין איך דאָך דאָרט געווען.

— דאָס איז געווען נעכטן, און איצט איז היינט.

— און קעלבלעך באַגריסן ניט — האָב איך אַרויסגעברומט.

— וואָס פאַר אַ קעלבלעך? — פרעגט די מאַמע, וואָרום זי האָט אַפילו רעכט ניט געהערט, וואָרום מען הערט און מען פאַרגעדענקט בלויז באַליידיקונגען אויף דערוואַקסענע.

און די מומע צעלאַכט זיך.

— זעט נאָר, ווי גרויס ביי זיך. האָט זיך באַליידיקט.

און זי הייבט זיך אויף, כדי מיר אַ קוש צו טאָן, אָבער איך האָב מיך אַוועקגעדרייט. טוט מיר אַ טובה, אַז זי וועט מיך באַשפּייען.

— לאָז אים אָפּ, דעם גראָבן יונג — זאָגט די מאַמע.

גוט: זאָל זיין אַזוי. איך האָב מיך באַליידיקט, טאָר איך ניט? אויב איך וועל אַצינד ניט האָבן קיין אַמביציע, וועל איך מיך אויך גרויסערהייט לאָזן שלעכט באַהאַנדלען.

איך האָב מיך אַנידערגעזעצט כלומרשט מאַכן די לעקציעס. און איך ציטער אַזש אינגאַנצן פון אויפרעגונג. אָבער איך דערמאָן מיך, אַז אויך אין טראַמוויי האָבן זיי געלאַכט, וואָס איך בין אַמביציעז. דערוואַקסענע מיינען, אַז אַ קינד קאָן זיך נישט באַליידיקן. גלייך ווי דאָס זאָל זיין עפּעס אַ קונץ. יעדער ווייסט, וואָס עס איז אָנגענעם און וואָס נישט.

מען זאָגט, אַז קינדער זענען איינגעעקשנטע.

האָט זיך איינגעעקשנט און וויל זיך נישט באַגריסן.

נו, מאַקע נישט.

— זאָג די מינוט, ט׳ו די מינוט.

הווקא ניין. און נישט אויף צו־להכעיס, נאָר דו ווילסט ליבער קריגן, איידער נישט שאַנעווען דעם אייגענעם כבוד. און זיי דאַרפן נישט צווינגען, וואָרום מען טרייבט נאָר אַריין אין פאַרביסנקייט.

איך זיץ אויסגעדרייט און שרייב. אָבער נישט אַזוי גיך ווי אַמאָל. צי ווער איך מאַקע אין אַלצדינג אַ קינד? און אפשר וועל איך פאַרגעסן, וואָס איך האָב געקענט, ווען איך בין געווען אַ דערוואַקסענער? און עס וועט מיר ווידער זיין שווער אין שול. און איך וועל שוין אויף אַן אמת מוזן גוט אַכטונג געבן אויף די לעקציעס. דאָס וואָלט געווען שרעקלעך.

און גראָד הער איך אַ טראָמפּייט, אַז פייערלעשער פאָרן.

— מעג איך?

איך קוק אויף דער מאַמען בעטנדיק און וואַרט, ווי אויף אַן אורטייל. איך ווייס נישט, וואָס עס וואָלט געווען, ווען די מאַמע זאָל נישט דערלויבן. וואָרום וויפל מאָל זאָגן דערוואַקסענע נישט טראַכטנדיק: „ניין“ — און פאַרגעסן באַלד, אָבער וויפל ווייטיק זיי פאַרשאַפן דערמיט, דאָס ווייסן זיי נישט.

פאַרוואָס „ניין“? מאַקע פאַרוואָס? ווייל עס קאָן זיך עפּעס טרעפן, ווייל זיי ווילן ליבער זיין רואיק, ווייל עס איז נישט נייטיק, ווייל צו וואָס? עס איז דאָך אַזאַ קלייניקייט, נישט וויכטיק. זיי וואָלטן געקאָנט, אָבער זיי ווילן נישט. דעריבער איז ניין — און אַ סוף.

און מיר ווייסן, אַז עס וואָלט געקאָנט זיין: „יאָ“, אַז דער האָזיקער פאַרבאָט איז אַ צופעליקער, אַז זיי וואָלטן דערלויבט, ווען

זיי זאָלן זיך בלויז אַ ביסל די מי געבן אַ טראַכט צו טאָן, אַ קוק צו טאָן אונדז אין די אויגן: ווי שטאַרק מיר ווילן.

איז פרעג איך:

— מעג איך?

און איך וואַרט. דערוואַקסענע וואַרטן קיינמאָל נישט אַזוי אויף אַ זאַך, סיידן אַ תּפּיסהניק: צי מען וועט אים אַרויסלאָזן אויף דער פריי.

איך וואַרט און עס דאַכט זיך מיר, אַז אויב די מאַמע זאָל מיר נישט דערלויבן, וואָלט איך עס איר קיינמאָל נישט מוחל געווען. וואָרום די דערוואַקסענע דאַכט זיך, אַז מיר בעטן גלייך תּמיד אַלצ־דינג, אַז מיר ווילן סתּם אַזוי און מיר פאַרגעסן באַלד. אמת, עס טרעפט זיך אַזוי אויך, אָבער עס טרעפט אויך גאָר אַנדערש. אָדער מיר בעטן בכלל נישט, ווייל עס וועט סיי ווי סיי גאָרנישט אַרויס־קומען דערפון. ווייל מיר ווילן נישט הערן אַ שאַרפן אָפּזאָג (אָ, ווי עס טוט וויי, ווען דער אָפּזאָג קומט נאָך באַגלייט מיט חוזק, מיט עפּעס אַ בייז שטעכווערטל) — איז ווילן מיר ליבער דעם דאָזיקן ווייטיק באַהאַלטן אין זיך און מיר בעטן אינגאַנצן נישט, אָדער מיר וואַרטן לאַנג און געדולדיק, צי זיי וועלן זיין אין אַ גוטער שטימונג, צי זיי זענען פון אונדז צופרידן, אַז עס וועט זיי זיין בּריקרע אונדז אָפּצוזאָגן. און אויך דאָס געלינגט טיילמאָל נישט: דעמלט זענען מיר אין כעס אויף זיי און אויף זיך.

— פאַרוואָס האָב איך מיך געאיילט, אפשר ערגעץ אַנדערש וואָלטן זיי דערלויבט?

מיר דאַכט זיך, אַז דערוואַקסענע האָבן אַנדערע אויגן, זיי קוקן אַנדערש ווי מיר. וואָרום אויב אַ חבר בעט מיך עפּעס, גיב איך בלויז אַ קוק און איך ווייס, וואָס צו טאָן. איך בין באַלד מסכּים, אָדער איך שטעל אַ באַדינג, איך פרעג מיך אוים געגוי, איך לייג אָפּ אויף שפּעטער. כאָטש איך זאָל אַפילו נישט קאָנען, דערוועג איך מיך נישט פּראָסט פּשוט אָפּצוזאָגן.

אָט אַ שטייגער האָט געבעטן אַ ייִנגל געזאָגט, אַז ער וויל אַרויס־גיין — אין אַ קלאָזעט. און די לערערין:

— געגוג דאָס דרייען זיך. האָסט געקאָנט אַרויסגיין בשעת דעם איבעררייס.

נו, איך ווייס, מען דרייט זיך אָן נייטיקייט, דאָס איז אמת.

אָבער צי איז ער שולדיק? איך גיב בלויז אַ קוק, ווייס איך שוין. צום סוף האָט אים די לערערין אַרויסגעלאָזט, אָבער דערנאָך ביים סוף פון דער לעקציע האָט זי געשריגן, אַז ער איז אַן אומרו. די לערערין האָט אַפילו נישט געדענקט, אַז ער איז אַרויסגעגאַנגען אין קלאָזעט, אָבער איך ווייס, אַז ער האָט צוליב נקמה אָנגעהויבן אַרומצושטיפן, ווייל ער האָט געמוזט אַזויפיל לײַדן, אַזויפיל שרעק געהאַט, וואָרום וואָס וואָלט געווען, ווען ער זאָל נישט געווען באַוויזן.

די דערוואַקסענע ווייסן נישט, פאַרוואָס און פאַרוועןמיר טוען זיי אויף צו־להכעיס. זיי מיינען, אַז בלויז זיי טוען דאָס און יענץ פאַר אַ שטראָף. מיר שטראָפן זיי אויך — מיט נישט־געהאָרכזאַמקייט, אויב זיי פאַרדינען זיך.

וואָרום פאַרוואָס זענען מיר פאַר טייל אַזוי און פאַר טייל אַנדערש?

ווען אַן אַנדערע מומע זאָל מיך אָנרופן קאַלב, וואָלט איך מיך נישט באַליידיקט, וואָרום דאָס וואָלט געקאָנט זיין אַ שפּאַס. אָבער ביי איר איז עס שוין נישט צום ערשטן מאָל. זי האָט אַזאַ האָפערדיקן טאָן, האָט ליב צו באַפעלן און האַלט זיך אין גרויסן. נו, זאָל זי זיין ווי זי וויל, אָבער זי האָט אויך ליב חוזק צו מאַכן און רעדן שלעכטס אויף קינדער. זי איז אַוודאי אין כעס, וואָס זי האָט אַ סך קינדער, אָבער ווער איז איר שולדיק? זאָל זי נישט האָבן.

— איך מוז מיר דאָס האַרץ אָפּעסן מיט זיי. זיי קאָסטן אַזויפיל. איך נעם מיר אַוועק דעם ביסן פון מויל. איך בין מיך מקריב.

נעמט זיך אַוועק דעם ביסן פון מויל, און איז גראָב ווי אַ פאַס. אַ קינד מוז קאָסטן. דערויף איז נישטאָ קיין עצה.

פאַראַן דערוואַקסענע, וואָס מאַכן דעם איינדרוק, ווי זיי וואָלטן אונדז אינגאַנצן נישט געזען.

ער טוט אַ זאָג:

— גוט מאָרגן, כוואַט!

אָדער:

— האָ־האָ, וואָס פאַר אַ גרויסער בחורעץ!

אַזוי זיך, כדי עפּעס צו זאָגן. און מען זעט, אַז ער ווייסט נישט מער און גלייך ווי ער וואָלט זיך זשעניִרט. אַז ער גיט אַ גלעט איבערן קאָפּ, איז פאָרזיכטיק, ווי ער וואָלט מורא האָבן, עס זאָל זיך

עפּעס נישט אָפּרייסן אָדער צעבּרעכן. אָט דאָס זענען מענטשן שמאַרקע און גוטע און איידעלע. מיר האָבן ליב צו הערן, ווי זיי שמועסן מיט דערוואַקסענע, דערציילן וועגן אינטערעסאַנטע געשעע־נישן, וועגן מלחמה. מיר האָבן זיי ליב.

און פאַראַן אַנדערע, וואָס גלייך זיי וואָלטן נישט געהאַט קיין אַנדערע אַרבעט, ווי טרייבן ליצנות, אָפּהוזקן און אויסטראַכטן צו־נעמעניישן, אָדער מאַכן נאַרישע שפּילן. אַ באָרד האָט ער אַ שטע־ביקע, שטינקט פון פּאַפּיראָסן און וויל זיך נאָך צולאַשטשען. אָדער ער טוט אַ קוועטש די האַנט און לאַכט, וואָס עס טוט וויי. אָדער ער טוט אַ וואָרף אינדערהייך און מיינט, אַז דאָס איז פאַר אינדזן אַ הערלעכע שפּיל.

— איך וועל דיך אַרויסוואַרפן דורכן פענצטער, אָפּשניידן מיט אַ מעסער די נאָז און די אויערן, וועסטו זיי נישט דאַרפן וואַשן.

דאָס אַלץ איז נאַריש און אָן טעם. און דו קוקסט בלויז אויס, אַז ער זאָל זיך אָפּטשעפּען.

און די ווייבער ווידער — איז באַלד אַ גלעטן, קלאַפּן און קושן. אָדער אין מויל, אָדער זי וועט דיך אַזוי צודריקן, אַז די זייטן טוען וויי. און דו מוזסט דאָך זיין העפלער, וואָרום זי האָט דיך ליב.

און אַז עפּעס אַ שנעק, וואָס איז אַלט זעכצן יאָר, הייבט אָן מאַכן דעם אָנשטעל פון אַ דערוואַקסענעם, איז שוין אויף אַן אמת שווער אויסצוהאַלטן. אַזעלכע מיני הכמות ענדיקן זיך אָדער מיט אַ געוויין, אָדער מיט צעמזיקן.

דאָס בעסטע — איר פאַר זיך, און מיר פאַר זיך.

נו, די מאַמע האָט מיר דערלויבט גיין אויף דער שריפה, און עס איז די העכסטע צייט, וואָרום אַז די פייערלעשער וועלן פאַר־בייפאָרן, וועל איך נישט געפינען די שריפה.

זי האָט אוודאי געהאַט עפּעס איבערצושמועסן מיט דער מומע, דערפאַר האָט זי מיר באַלד דערלויבט.

— נאָר צעריים נישט די שיך — האָט זיך די מומע אַריינ־געמישט.

זי מוז אומעטום אַריינשטופּן איר נאָז.

— קום באַלד צוריק.

איך לויף, וואָרום איך האָב מורא, אַז איך וועל נישט באַוויזן; אַז די מאַמע וועט נאָך עפּעס צוגעבן, אָדער אירענע וועט זיך צו־

טשעפּען. אַ מענטש ווייסט קיינמאָל נישט, וואָס עס וואַרט אויף אים. איז האָב איך אַ כאַפּ געטאָן דאָס היטל, און איך בין שוין נישטאָ. איבער פיר שטיגן מיטאַמאָל. מען קאָן אַזוי אַרום אַראָפּגיין, נאָר מען מוז זיך צוהאַלטן ביים אָנלען, און טיילמאָל קאָן מען זיך פאַרשטעכן די האַנט. מילא, פאַרפאַלן: איך ריזיקיר.

איין יינגל האָט געוויסט, ווו עס ברענט. נישט ווייט. אַ נאַפטגעוועלב. מען זאָגט, אַז אין קעלער איז פאַראַן בענזין. אַז ער וועט זיך אָנצינדן, וועט דאָס גאַנצע הויז פליען אין דער לופטן. פאָליציאַנטן צעטרייבן און די מאַשינען און די העלמעס פון די פייערלעשער בלישטשען אין אָפּשיין פון פייער.

איך וויל נישט, אַז די פעסלעך מיט בענזין זאָלן זיך אָנצינדן. וואָרום עס וועט זיין אַ שאָדן און מענטשן וועלן בלייבן אָן אַ דאַך. אָבער אַז מען זעט דאָס נישט פון דער נאָענט, איז ווייניקער אַ שאָד, און עס וואָלט שוין געווען צו זען אַזאַ אויפרייס, פון וועלכן דאָס גאַנצע הויז פאַלט איין.

פאַרוואָס איז אָנגענעם צו קוקן אויף שרעקלעכע זאַכן? עפּעס אַן אומגליק־צופאַל, אַ דערטרונקענער, ווי אַ וועלאָסיפּעד איז שיער נישט אַרונטערגעפאַלן אונטער אַן אויטאָמאָביל, אַ געשלעג, אָדער מען כאַפּט אַ גנב. אפשר זענען טאַקע דערפאַר פאַראַן מלחמות, ווייל מענטשן האָבן ליב בלוט און סכנות.

און אַ שריפה איז שוין מסתמא דאָס שענסטע. און דער קאַמף איז אַזאַ איידעלער.

דערוואַקסענע לויפן אויך קוקן, נישט בלויז קינדער. זיי מכלומרשט קאָנען דאָרט צונויף קומען, און צו אונדז זאָגן זיי:

— טראָג זיך אָפּ — מען דאַרף דיך דאָ נישט האָבן.

איז שטיי איך מיר יעדעס מאָל ערגעץ אַנדערש און קוק, אָבער איך טראַכט כסדר, צי דאַרף איך שוין אַהיימגיין, אָדער בלייבן נאָך אַ מינוטקעלע. נישט בלייבן ביזן סוף קאָן מען דאָך נישט, כאָטש איך האָב מורא פאַר אַ פּסק.

מען זאָגט, אַז די גיכע הילף דאַרף באַלד אָנקומען, ווייל אַ פרוי האָט זיך אָפּגעבריט. מען זעט שוין נישט קיין פייער, נאָר אַ רויך.

— איך וועל אַוודאי נישט וואַרטן אויף דער גיכער הילף. איך וועל מיך סיי ווי סיי נישט צושטופּן.

פלוצלינג מוט זיך ווידער אַ הייב אַ זייל פייער אינדערהייך. און אָט פאַרלייגט אַ פייערלעשער אַ נייע וואַסערקישקע אויפן ערשטן שטאָק.

— אַז מען וועט אָנהייבן שפּריצן, וועל איך אַוועקגיין.

און אפשר וועט דאָס הויז אַצינד איינפאַלן?

איך וויל שוין אַפילו, אַז דאָס זאָל זיך ענדיקן: זאָל איך אפשר גאָט בעטן? און די פאָליציי האָט אונדז ווייט אָפּגעשטופּט. איך זע ווידער ווייניק און וויל אַהיימגיין.

מיטאַמאָל זאָגט מען, אַז ביי די פייערלעשער איז עפּעס קאַליע געוואָרן, און עס וועט קומען אַ נייע אָפּטיילונג.

אינמיטן דערינען לויפט אַ פרוי און שרייט, מען פאַרהאַלט זי, אָבער זי רייסט זיך אַרויס. און איך זע פּעלעקן און בראָנעקן און גאַיעווסקין. און איך וויל שוין אויף אַן אמת, אַז מען זאָל פאַרלעשן. אָבער קיינער גייט נישט אַוועק. און אַז זיי שטייען, איז אומאָנגענעם אַליין אַוועקצוגיין.

אַ שריפה איז אַפילו נישט קיין פאַרוויילונג. אָבער מיר מוזן אַפּנט איבעררייסן עפּעס אַן אָנגענעמע זאַך אין סאַמע אינטערעסאַנטסטן אָרט, כדי נישט צו פאַרשפּעטיקן, אָדער ווען מען הייסט אונדז.

מיט דערוואַקסענע איז דאָך אויך אַזוי. אַז זיי געפינען זיך ערגעץ צו גאַסט און זיי ווילן זיך גוט, ווען זיי זעקס מאָל זאָגן:

— נו, מ׳דאַרף גיין אַהיים.

און פּונקט אַזוי זאָגן זיי אויך:

— נו, נאָך אַ ווײַלע.

אַז אָדער נאָך צו גלעזלעך, אָדער נאָך אַ מאַנץ, אָדער קאָרטן — און מען וועט גיין, וואָרום כלומרשט האָבן זיי רחמנות, אַז די קינדער זענען שלעפעריק, אַז מאָרגן דאַרף מען אויפשטיין פרי. זיי האָבן כאָטש זייגערלעך און ווייסן לכל הפּחות, וויפל זיי פאַרשפּעטיקן. און מיר ווייסן גאָרנישט, נאָר עס ווילט זיך נישט אַוועקגיין.

דאָס ווייב זאָגט: „שוין“, און ער זאָגט: „גאָר“. און זיי ווייסן, אַז קיינער וועט אויף זיי אינדערהיים נישט אָנשרייען.

און צום מערסטן פאַרדריסט, ווען עס איז אַוועק אַן אָנגענעמע שפּיל און הערנאָך דאַרף מען אין שרעק גיין אַהיים, און דאָרט

הייבט זיך ערשט אָן אַ סקאַנדאַל. ווען זיי זאָלן כאָטש צוּוואַרטן ביז מאָרגן.

מען טראַכט שוין אַפּילו.

— איך וויל שוין קיינמאָל, איך וויל שוין אינגאַנצן מיך נישט שפּילן. עס זענען מיר שוין נמאס געוואָרן די שפּילן און אַלצדינג.

מען זאָגט זיך אָפּ פון דער גאַנצער פרייד.

איז לויף איך אַהיים, און די מאַמע האָט נאָר אַ זאָג געטאָן:

— אַ שיינער באַלה.

איך וואַרט: אפשר וועט די מאַמע פרעגן, ווו עס האָט געברענט. אָבער די מאַמע איז אַרויסגעגאַנגען.

איך זעץ מיך ווידער צו דער לעקציע, און אירענע קומט צו:

— ווו ביסטו געווען?

איך זאָג: „גיי אַוועק", וואָרום איך האָב איבערגעלייענט אַן אויפגאַבע, און איך ווייס נאָך נישט, ווי אַזוי זי צו מאַכן. און זי שטייט.

איז זאָג איך:

— איך בין געווען, ווו עס האָט געברענט. און גיי אַוועק.

און זי:

— וואָס האָט געברענט?

זי וועט דאָך סיי ווי סיי נישט פאַרשטיין. אָבער איך בין געדולדיק. איך זאָג:

— אַ געוועלב האָט געברענט.

און זי:

— פאַרוואָס?

איך זאָג:

— הערפאַר, ווייל דו האָסט אַ פאַררעצטע נאָז. גיי וויש זי דיר אָפּ.

זי האָט זיך פאַרשעמט און איז אַוועקגעגאַנגען. עס איז מיר אויף איר אַ רחמנות, וואָס איך האָב צו איר אַזוי גראָב גערעדט. שוין היינט האָס צווייטע מאָל: אינדערפרי צו מונדעקן, און איצט צו איר.

איז זאָג איך:

— נו, קום, וועל איך דיר זאָגן.

אָבער זי איז שוין אַוועקגעגאַנגען. אַוודאי זיך באַליידיקט. נעם איך ווייטער לייענען די אויפגאַבע, ווייל מאָרגן איז די ערשטע לעקציע אַריטמעטיק.

און אירענע קומט ווידער צו:

— איך האָב שוין אָפּגעווישט די נאָז.

איך ענטפער נישט.

זי שטייט און זאָגט שטילינקע, אַזוי ווי צו זיך:

— איך האָב שוין אַצינד אַ ריינע נאָז, און מען זעט מיר שוין נישט אַרוים די אונטערהייזלעך.

הכּנעהדיק, זי האָט מורא, איך זאָל מיך אויף איר נישט בייזערן.

וואָס זשע טאָן? דערציילן? איך הייב אָן. זי פאַרשטייט אָבער גאָרנישט. פרעגט כּסדר:

— צו וואָס?

צו וואָס וואַסער, צו וואָס שפּריצערס, צו וואָס פייערלעשער, וואָס איז בענזין, לעבט זי, איז זי אַ גרויסע?

זי איז קליין און פאַרשטייט נישט. איך האָב אויך נישט געוווסט.

— וואַרט, וועל איך דיר אָנצייכענען.

איך האָב אָנגעצייכנט אַ פייערלעשער אין אַ העלם, אַ פּאָמפּע — איך האָב פאַר איר געהאַלטן אַ מין פּאָרלעזונג.

ווען נישט מיר, וואָלטן די האָזיקע קליינינקע גאָרנישט געוווסט. זיי דערוויסן זיך אַלצדינג פון אונדז. און אַזוי גייט צו דאָס לערנען.

איך ווייס שוין נישט, וואָס ווייטער צו רעדן, זאָג איך:

— חזר איבער.

און זי:

— אין געוועלב האָט זיך אָנגעצונדן דאָס וואַסער. איז געקומען פּאָליציי און צעטריבן. און עס איז געווען אַ פייער — און עס איז געווען אַ שריפה.

זי מיינט, אַז פייער און שריפה איז פאַרשידן.

— פון פייער האָט זיך געמאַכט אַ שריפה.

זי האָט ווידער אַ ליכטל אונטער דער נאָז, אָבער איך זאָג שוין גאָרנישט. זאָל שוין זיין. איך וועל שוין סיי ווי סיי נישט מאַכן די

אויפגאַבע. איך האָב מיך געלערנט אויפן קול אַ פערז, אירענע האָט געהערט.

די מאַמע איז צוריקגעקומען, און איך בין אַראָפּ אויף דער גלימש. אַזאַ גרויס שמיק אויף צו גלימשן זיך. איך וויל מיך אויס־לערנען זיך צוזעצן אויף איין פוס. איך קען מיך אויסדרייען און זיך גלימשן הינטערוויילעכטס. בלויז אַ פיר מאָל האָב איך מיך איבער־געקערט. איך האָב מיך אַ ביסל צעקלאַפּט.

און איך בין מרויעריק געווען, ווען איך בין געגאַנגען שלאָפן.

נאָך אַ גרעסערע בענקשאַפט, ווי בעת איך בין געווען אַ דער־וואַקסענער.

בענקשאַפט און איינזאַמקייט.

בענקשאַפט, איינזאַמקייט און אַ חשק צו עפּעס אַוואַנטוריס־טישע געשעענישן.

שוין בעסער געבוירן צו ווערן אין אַפריקע, וווּ עס זענען פאַראַן לייבן, מענטשן־פרעסער און טייטלען.

פאַרוואָס זיצן מענטשן אַזוי צוזאַמענגעקוועטשט? פאַראַן אַזויפיל לײדיקע וועלט, און אין שטאָט איז ענג.

איך וואָלט אַ ביסל געוואָלט וווינען צווישן עסקימאָסן, צווישן נעגערס, אָדער אינדיאַנער.

שיין מוז זיין אַ שריפה אין סטעפּ.

נו, ווען יעדער זאָל כאָטש האָבן אַ גערטנדל פאַרן הויז, בייטן, פאַרזעצן בלימעלעך — אונטערגיסן און זאָלן זיי וואַקסן.

איך טראַכט ווידער וועגן ראַבטשיקן.

— וואָס וועל איך זאָגן באַנטשקעוויטשן?

וואָרום איך האָב שוין אַפילו גאָר קיין חשק נישט. איך וועל בלויז האָבן פון אים צרות. איך קאָן מיך צעבייזערן און אים שלאָגן. און עס וועט מיר זיין אַ רחמנות. און דער הויזוועכטער וועט אים יאָגן, און די קינדער אויפן הויף, אַ צו גרויסע אחריות — נעמען אַ לעבעדיק באַשעפעניש אונטער השגחה.

— אויב ער וויל, זאָל ער זיך אים האַלטן.

ליבע

ענדלעך איז געווען דער באַל. די מאַמע האָט אָנגעטאָן דאָס קלייד, וואָס די מילבן האָבן צעפרעסן. אָבער מען האָט גאָרנישט דערקענט: די מומע האָט עס גוט איבערגעאַרבעט. עס איז געווען אַ געבורטסטאָג־יום־טוב און עס זענען געקומען געסט. מען האָט זיך געוויילט — געטאַנצט. עס האָט זיך אָנגעהויבן אין אָוונט, און זיך געענדיקט כ'ווייס נישט ווען, וואָרום איך בין געשלאָפן ביי קאַראָלן אין שטוב.

מאַריכנע פון ווילנע איז געווען. און איך האָב מיט איר געטאַנצט. וואָרום דער פעטער פיאָטר האָט געהייסן טאַנצן. איך האָב גאָר אינגאַנצן נישט געוואָלט. דער פעטער פיאָטר האָט געזאָגט:

—אָט אַזאַ קאַוואַליר ביסטו? אַ פריילן איז צו דיר געקומען אַזש פון ווילנע, און דו ווילסט מיט איר נישט טאַנצן.

איך האָב מיך פאַרשעמט און בין אַנטלאָפן אויף די שטיגן. וואָרום ווי קאָן מען עס אַזוי רעדן? גלייך ווי זי וואָלט טאַקע צו מיר געקומען. איר האָט אויך געקאָנט זיין פריקרע. אָבער דער פעטער פיאָטר האָט מיך געכאַפּט און אַ הייב געטאָן אינדערהייך, און איך רייס מיך אַרויס און וואַרף מיט די פיס אינדערלופטן. ער האָט זיך אַזש פאַרסאָפעט, אָבער נישט אַרויסגעלאָזט. איך בין געווען שרעקלעך אין כעס, וואָרום איך האָב מיך נאָך מער פאַרשעמט און ער האָט מיך געטאָן אַ שטעל אַנידער און געזאָגט: „טאַנץ". און דער טאַטע זאָגט:

— נו, זיי נישט קיין לעקיש, טאַנץ, ווייל זי איז אַ גאַסט. פון ווילנע.

איך שטיי און ווייס נישט, וואָס צו טאָן, וואָרום איך וויל אַנטלויפן, אָבער איך האָב מורא, אַז ער וועט מיך ווידער כאַפּן און ברענגען צו שלעפן. איז נעם איך אַזוי ביסלעכווייז, אומבאַמערקט

פֿאַרריכטן אויף מיר דעם אָנצוג, איך קוק, צי האָט זיך נישט ערגעץ אָפּגעשפּיליעט, אָדער עפּעס צעריסן.

און מאַריכנא טוט בלויז אַ קוק און זאָגט:

— שעם דיך נישט, איך קען אויך נישט קיין סך.

און זי גייט צו די ערשטע. נעמט מיך פֿאַר דער האַנט. זי האָט געהאַט אַ בלויע באַנד — אַזאַ גרויסע שלייף — די האָר זענען מיט דער דאָזיקער שלייף פֿאַרבונדן אין אַ זייט.

— נו, קום, לאָמיר פּרווון.

איך האָב אַ קוק געטאָן אויפֿן פֿעטער מיט כעס, און ער לאַכט. אַלע האָבן זיך אָפּגערוקט, בלויז מיר צוויי שטייען. און דער מאַטע, איך ווייס, אַז אויב איך וועל נישט פֿאָלגן, וועט דער מאַטע אין כעס ווערן, אפֿשר וועט ער מיך גאָר אַרויסטרייבן פֿון דער שמחה. איך האָב נישט קיין אַנדער עצה.

איך האָב מיך אָנגעהויבן מיט איר צו דרייען. אין קאָפּ האָט מיר געזשומעט, ווייל עס איז געווען שפּעט, און איך האָב געהאַט געטרונקען ביר. איז זאָג איך: „נו, שוין". און זיי שרייען: „נאָך". עס איז מיר הייס, און זיי האָבן זיך געמאַכט אַ ספּעקטאַקל. און זי הערט נישט אויף, איז גיי איך ווייטער, ביז איך נעם טאַנצן אויף אַן אמת מיט דער מוזיק, צום טאַקט.

איך ווייס נישט, צי קורץ, צי לאַנג. ביז מאַריכנא זאָגט:

— נו, גענוג, וואָרום איך זע, אַז דו ווילסט נישט.

איך זאָג:

— פֿאַרוואָס זאָל איך נישט וועלן, עס האָט זיך מיר בלויז פֿאַרדרייט דער קאָפּ.

און זי:

— איך קען טאַנצן אַ גאַנצע נאַכט.

דערנאָך האָבן אָנגעהויבן די עלטערע, און מיר שטייען נעבן דער טיר. מאַריכנא און איך.

— וואַרשע איז זייער שיין.

איך:

— ווילנע אויך.

מאַריכנע פֿרעגט:

— ביסט געווען אין ווילנע?

— נײן, נאָר די לערערין האָט אונדז דערצײלט אין שול.

זי זאָגט: „דו“, און איך װײס נישט װי צו זאָגן. בײַ דער־װאַקסענע איז פֿאַראַן אָרדענונג: אומבאַקאַנטע זאָגן זיך „איר“ און אַ סוף. און מיר, קינדער, װײסן קײנמאָל נישט. אײנעם זאָגט מען: „דו“, אַן אַנדערן: „זײַן אַזױ גוט“, טײלמאָל „קאַװאַליר“, אָדער „פֿרײַלײַן“. איך װײס שױן אַלײן נישט. אַ סך מאָל האָבן מיר דערפֿון חרפּה, פֿאַרלעגנהײט און אומרו. מען דאַרף זיך װי ס'איז אַרױסדרײען און זאָגן נישט אַהין, נישט אַהער.

זי — מאַריכנאַ — איז אַזױ זיך געקומען צו פֿאָרן קײן װאַרשע און װעט װידער צוריקפֿאָרן קײן װילנע. זי װעט דאָ זײַן אַ װאָך אפֿשר.

— אױף לאַנג געקומען צו פֿאָרן?

— װער?

— נו, די דאַמע, די מומע — די מאַמע מיט מאַריכנאַן?

— אױף אַ װאָך אפֿשר.

דאָרט אַהין פֿאָרט מען בײַנאַכט מיט דער באַן. איך בין נאָך קײנמאָל נישט געפֿאָרן בײַנאַכט מיט דער באַן.

— איך װאָלט געװאָלט — זאָגט זי — שטענדיק װױנען אין װאַרשע.

— און איך װאָלט בעסער געװאָלט אין װילנע.

איך האָב עס גלאַט אַזױ געזאָגט, עס זאָל הײסן, אַז װילנע איז אױך אַ שײנע שטאָט.

און זי האָט אָנגעהױבן אױסרעכענען די דאָרטיקע גאַסן, און איך די גאַסן פֿון װאַרשע. דערנאָך די דענקמעלער פֿון פֿאַרשידענע אָנדענק־ערטער.

— קום אַמאָל צו פֿאָרן, װעל איך דיר אַלצדינג װײַזן.

איך האָב אַזױ נאַריש אַ זאָג געטאָן:

— גוט.

גלײַך װי עס זאָל זיך װענדן אין מיר.

קאַראָל איז צוגעקומען, און מיר האָבן גערעדט װעגן דער שול. װאָס פֿאַר אַ לערערינס עס זענען דאָ דאָרט, און װאָסערע דאָ, װאָס פֿאַר אַ ביכער עס זענען דאָרט פֿאַראַן, און װאָסערע דאָ.

עס איז געװען זײער אָנגענעם. אָבער דער פֿעטער פּיאָטר זעט

שוין, אַז מיר שטייען, גיי איך אַוועק, כּדי ער זאָל זיך ווידער נישט משעפּען.

דערנאָך האָט מען געהייסן מאַריכנאַן זינגען. זי האָט זיך אַפּילו נישט געשעמט. ווען זי זינגט, הייבט זי אויף די אויגן אינ־דערהייך, ווי זי וואָלט געקוקט אין הימל אַריין. און זי שמייכלט.

מיר האָבן ווידער געשמועסט. וואָרום סטעפאַן זאָגט, אַז אויף זייער הויף האָבן זיי דריי שלימעלער. איינס אַ גרינס, אַז ער קאָן פירן צוויי מענטשן.

ער זאָגט צו מאַריכנאַן:

— קום, וועל איך דיך פירן.

און אַ גוטע גלייש האָבן זיי. אַלץ אויף זייער הויף. איך האָב נישט ליב, אַז עמעצער דערציילט צופיל מעשיות.

און אַזוי האָט זיך פאַרענדיקט מיין שמחה.

און די דאָזיקע דאַמע, מיין מומע, האָט צוגענומען מאַריכנאַן און זיי זענען אַוועק. און די מאַמע זאָגט:

— אפשר וואָלסטו שוין געגאַנגען שלאָפן?

איך האָב מיך גאָרנישט אָקעגנגעשטעלט, איך האָב בלויז גע־פרעגט:

— ווו?

און די מאַמע:

— צו די גורסקים.

קאַראָלס עלטערן.

— מאָרגן דאַרף מען גיין אין שול אַריין.

איך זע, אַז אויב איך וועל זאָגן, אַז איך וויל נאָך בלייבן אַ ביסל, וועט מיר די מאַמע דערלויבן, אָבער וואָס וועל איך טאָן? עס שלעפערט מיך און עס איז לאַנגווייליק.

אירענע איז אויך באַלד נאָך דער וועטשערע געגאַנגען שלאָפן. און איך בין געשלאָפן מיט קאַראָלן.

און קאַראָל פרעגט:

— פאַרוואָס צי — — ען זיי דאָרט אַזוי אין ווילנע?

— איך ווייס נישט.

— איך האָב געוואָלט פרעגן דער דאָזיקער מאַריכנע, אָבער אפשר וועט איר זיין אומאָנגענעם.

— אוודאי.

— און האָר האָט זי ווי אַ ציגיינערין.

— הייבט זיך נישט אָן: ציגיינערינס האָבן האַרטע האָר, און זי ווייכינקע.

— פונוואַנען ווייסטו?

— נו, מען זעט דאָך.

— און דער פעטער פיאָטר האָט געזאָגט, אַז ציגיינערישע.

— וואָס ווייסט דער פעטער פיאָטר? — זאָג איך מיט כעס.

ער האָט אַ געגעץ געטאָן און שטיל געבליבן. און דערנאָך ווידער:

— ביי אונדז איז אַזעלכע נישטאָ.

איך שווייג.

דערנאָך:

— אַ ווויל מיידל.

איך שווייג.

— זינגט שיין.

איך וואַרט, ער זאָל זיך איבערקערן אויף דער אַנדערער זייט, וואָרום אַזוי ווי איך בין אַ גאַסט, פּאַסט נישט, וואָס איך וויל נישט מיט אים שמועסן.

איז פרעג איך:

— האָסט געמאַכט אויף מאָרגן די לעקציעס?

— אָ אָ אָ, די לעקציעס...

ער האָט אַ געגעץ געטאָן און זאָגט ענדלעך:

— נו, מען דאַרף שלאָפן. און פאַרוואָס ביסטו באַלד באַשטאַנען אַוועקצוגיין? אפשר וועט דאָרט זיין פריילעך?

— וואָס קאָן דאָרט זיין פריילעך? זיי וועלן בלויז נאָך מער זיך אָנטרינקען.

— און דו האָסט געטרונקען בראָנפן? איך צוויי גלעזלעך.

מאָרגן וועט ער אין שול דערציילן, וואָס פאַר אַ העלד ער איז: אַז ער האָט אויסגעטרונקען צוויי גלעזלעך און דער קאָפּ האָט זיך אים נישט פאַרדרייט.

ער האָט זיך איבערגעדרייט אויף דער אַנדערער זייט, זיך צוגעדעקט, און פרעגט:

— ס'איז דיר נישט קאַלט? איך האָב נישט צופיל אַראָפּגעצויגן די קאָלדרע?

— ניין, ס'איז גוט.

ווען אַ מענטש איז שלעפעריק, דענערווירט אים יעדע קלייניקייט.

עס איז מיר פריקרע, וואָס איך האָב נישט ליב קאַראָלען, און ער פרעגט מיך, צי ס'איז מיר נישט קאַלט. און פאַרוואָס האָב איך געזאָגט, אַז זיי וועלן זיך אָנטרינקען? ס'איז נישט גוט צו אורטיילן דערוואַקסענע. פאַרפאַלן: זיי זענען אַנדערש און האָבן אַנדערע פאַרווײלונגען. נו, ווען נישט דער פעטער פיאָטר, וואָלט איך אַפילו קיין וואָרט נישט געווען אויסגערעדט צו מאַריכנען. ווי מיר שעמען זיך עס תמיד פאַר אַלצדינג. רק מיר האָבן מורא נישט צו טאָן אָדער צו זאָגן עפּעס אַ נאַרישקייט. מיר זענען תמיד נישט זיכער, צי אַזוי וועט זיין גוט. אַז מען זאָל נישט לאַכן. וואָרום איך ווייס שוין אַליין נישט, וואָס איז ערגער, צי אַז מען לאַכט פון אונדז, אָדער מען שרייט.

אינדערהיים און אין שול — אומעטום דאָס זעלבע. דו שטעלסט עפּעס אַ פראַגע, פרעגסט עפּעס, ביסט זיך עפּעס טועה — באַלד אַ געלעכטער און חוזק. יעדער וויל זיין דער גרעסטער חכם און ער וואַרט נאָר צו קאָנען דעם אַנדערן אויסלאַכן און דערנידעריקן.

די מורא נישט צו ווערן אויסגעשטעלט אויף געלעכטער, מאַכט דעם מענטש אַזוי אומדרייסט, זשעניִרט אים, בינדט אים, אַז ער איז תמיד אומזיכער. און וואָס מער ער היט זיך אויס, אַלץ לייכטער איז, ער זאָל טאָן עפּעס אַ נישט געהעריקע זאַך. פּונקט ווי אויפן אייז: עס פאַלט אום צו מייגסטן דער, וואָס האָט צום מייגסטן מורא.

— נו, מאָרגן מוזן מיר מאַכן שליטעלער, האָב איך געטראַכט און בין איינגעשלאָפן.

און קוים ווי איך בין איינגעשלאָפן, וועקט מען מיך שוין, אַז מען דאַרף אויפשטיין. איך בין געשלאָפן עטלעכע שעה, אָבער עס האָט זיך מיר נאָר אַזוי אויסגעוויזן.

איך רייב מיר אויס די אויגן ביים פרישטיק, און עסן ווילט זיך מיר גאָרנישט, און דער טאַטע זאָגט אויף אויסצופרווון:

— אפשר וואָלסטו נישט געגאַנגען אין שול?

ער האָט געמיינט, אַז איך וועל מיך דערפֿרייען, וואָס דאָס איז מעגלעך. וואָרום באַלד זאָגט ער:

— פֿאַרוויילונג איז פֿאַרוויילונג, און שול איז שול.

איך קוק דורך געניי דעם פּאָרטפֿעל, איך זאָל נישט עפּעס פֿאַרגעסן, די פֿעדער, צי עפּעס אַנדערש. וואָרום אַז מען איז פֿאַרשלאָפֿן, דאַרף מען זיך היטן. אָבער ניין. איך גיי.

און אָט גיי איך. און איך טראַכט מיר, אַז איך פֿאָר קיין ווילנע. איך פֿאָר אַ גאַנצע נאַכט, פֿונקען פֿליען פֿאַרביי דעם פֿענצטער — פֿייערדיקע זיגזאַגן.

אויפֿן וועג אין שול אַריין און בשעת די לעקציעס האָב איך געטראַכט וועגן דער דאָזיקער רייזע. און אויף דער צווייטער שעה האָט זיך מיר פֿאַרגלוסט צו שלאָפֿן און איך האָב אינגאַנצן פֿאַרגעסן, אַז איך געפֿין מיך אין קלאַס און אָנגעהויבן אונטערצוזינגען, שטיל — אַזוי אונטער דער נאָז.

און די לערערין:

— ווער זינגט?

איך האָב מיך נאָך אַפֿילו דעמלט אַליין נישט געכאַפּט, איך קוק מיך נאָך אום, ווער עס זינגט. און באָראָווסקי זאָגט אויף מיר. די לערערין פֿרעגט:

— דו האָסט געזונגען?

— ניין.

וואָרום איך האָב אויף אַן אמת אַליין נישט באַמערקט. און איך האָב ווידער אינגאַנצן פֿאַרגעסן און נאָכאַמאָל אָנגעהויבן. מסתמא נאָך העכער — און די לערערין איז שוין אין כעס געוואָרן. און באָראָווסקי:

— אפֿשר וועסטו אַצינד זאָגן, אַז נישט דו?

איך זאָג:

— איך.

אַצינד ערשט זע איך, אַז טאַקע איך, פֿריער און איצט.

די לערערין האָט אַ קוק געטאָן פֿאַרחידושט:

— איך האָב נישט געוווּסט, אַז דו קאָנסט טאָן אויף צולהכעיס און קענסט ליגן זאָגן.

צי האָט די לערערין נישט באַמערקט, אַז איך אַליין האָב אַ פֿאַרחידושטע מינע און האָב עגמת־נפֿש? איך האָב דאָך די

לערערין ליב, און זי איז גוט צו מיר. צו וואָס וואָלט איך איר געהאַט צו פאַרשאַפן פאַרדרוס? איך האָב אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, בין רויט געוואָרן און שווין. אַז איך וועל מיך נעמען פאַרענטפערן, וועט די לערערין סיי ווי סיי נישט גלייבן. אַצינד ווייס איך שוין, אַז מען קאָן פּלוצלונג מאָן אַ געשריי אָדער אַ פייף, אַזוי ווי אין שלאָף. אָבער באַלד זאָגט מען:

— אויף צו־להכעיס. אַ צעלאָזענער יונג.

אַ מיאוס וואָרט: „צעלאָזענער יונג". ערגער ווי שאַלטיק, ווי אַלצדינג. עס איז עפּעס אַזוי באַליידיקנדיק. עס קלינגט ווי — צע־לאָזענע הינט. איך האָב אויך נישט ליב דאָס וואָרט: „געהאָרכזאַמ־קייט" — למשל ביי גימנאַסטיק:

— געהאָרכזאַמקייט — דיסציפּלין.

איך פיל באַלד, ווי אָט וועט מען באַשטראָפן, שלאָגן מיטן פּאַסעק, מיט אַ רימען.

— צעלאָזענער יונג.

„יונג" — אויך אַ מיאוסער אויסדרוק.

עס זענען פאַראַן נישט איידעלע אויסדרוקן, וועלכע מען וואָלט אין שול נישט באַדאַרפט זאָגן. אָפט קאָן מען נייעט ליב האָב אַ מענטש פאַר עפּעס אַ נישט אָנגענעמען אויסדרוק, וואָס ער באַנוצט אָפט.

און די לערערין האָט מיך געהייסן גיין פריער אין ווינקל אַריין, און באַלד דערנאָך צום טאָוול. זי גיט מיר צו מאַכן אַן אויפגאַבע. גאָר אַ לייכטע. איך האָב באַלד געוווסט דעם ענטפער. איך האָב איבערגערעכנט אין דער שטיל און זאָג:

— פּופּצן.

די לערערין מאַכט זיך נישט הערנדיק.

— חזר איבער די אויפגאַבע.

איך בין בייז. איך זאָג:

— עס קומט אויס פּופּצן, צי נישט?

און די לערערין:

— אַז דו וועסט מאַכן, וועסטו ווּסן. מאַך עס פאַר דעם גאַנצן קלאַס.

איך נעם איבערחזרן אָן חשק. און איך פאַרפּלאָנטער מיך. די יינגלעך צעלאַכן זיך.

— גיי אויף דיין אָרט. האָסט אַ צוויי.

און ווישניעווסקי פרעגט:

— ער דאַרף גיין אויף זיין אָרט צו דער באַנק, צי אין ווינקל אַריין?

איך גיי און איך קאָן מיך נישט איינהאַלטן, וואָרום ווישניעוו־סקי האָט בכיוון אַרויסגערוקט דעם עלנבויגן אין דורכגאַנג, און האָב איך אים אַ שטופּ געטאָן. און ער לאָזט אַרויס אַ געשריי מיטן גאַנצן כּוח:

— וואָס שטופּסטו זיך?

אַזאַ חזיר. ער האָט געמיינט, אַז די לערערין וועט נישט באַ־מערקן. און די לערערין האָט זיך געקווענקלט, צי זאָל זי מיך ווייטער פּייניקן, צי אים באַשטראָפן.

און עס האָט זיך אָנגעהויבן אַן אומרואיקייט אין דעם גאַנצן קלאַס. אַז מען זיצט שטיל, איז שטיל, און ווי נאָר עס הייבט זיך אָן מיט איינעם, קומען באַלד — באַמערקונגען, שטעכווערטלעך, שפּאַסן, געלעכטערס און שמועסן. דעמלט איז שוין שווער איינצו־שטילן. און פאַר אַלצדינג איז פאַראַנטוואָרטלעך דער ערשטער, וועלכער האָט אָנגעהויבן.

— זאָלן זיי טאָן, וואָס זיי ווילן.

איך האָב אַנידערגעלייגט דעם קאָפּ אויף די הענט און געמאַכט דעם אָנשטעל, אַז איך וויין. אַזוי טוט מען אָפט. דאָס איז דאָס בעסטע. דעמלט לאָזן זיי צורו. אָבער איך וויין נישט, וואָרום איך לייד זייער, איך בין זייער אומגליקלעך.

פּלוצלינג האָב איך אַ טראַכט געטאָן:

— ווען מאַריכנאַ זאָל זיין אַ לערערין, וואָלט זי געווען אַנ־דערש.

וואָרום אויב מען פירט זיך אויף שלעכט, קאָן מען אַנדערש באַשטראָפן, און נישט מיט אַ צוויי פאַר אַ קעגנשטאַנד. וואָרום דער, וואָס האָט נאָך מיר געקרעכצט ביים טאָוול און זיך געפּלאָנ־טערט ביי דער זעלבער אויפגאַבע, האָט אויך צום סוף אַרויסבאַקו־מען פּופּצן.

— מאַריכנאַ וואָלט אַזוי נישט געטאָן. אָבער זי איז קליין, און זי — מאַריכנאַ — פאָרט אַוועק. אַ גאַנצע נאַכט וועט זי פאָרן מיט דער באַן אַזוי ווייט — קיין ווילנע. און איך וועל זי שוין

נישט זען. אפשר שוין קיינמאָל נישט זען. זי וועט שוין קיינמאָל נישט זינגען. און מאַריכנאַ שמייכלט ליב און האָט אַ בלויע שלייף. און האָט ווייכינקע האָר, לחלוטין נישט ווי אַ ציגיינערין.

די לערערין האָט געמוזט זיין שטאַרק אין כעס, וואָרום בעת דער פויזע איז זי צוגעקומען און געזאָגט:

— אויב דו וועסט נאָכאַמאָל האָבן פליגן אין נאָז, וועל איך זאָגן דעם דירעקטאָר. איך וועל דיך שוין מער נישט פאַרטיידיקן.

און זי איז אַוועקגעגאַנגען. זי האָט מיך נישט געלאָזט אַפילו פאַרענטפערן. און ווען זי זאָל יאָ לאָזן, וואָס קאָן איך זאָגן?

— אַז איך האָב ליב מאַריכנען?

גלייכער דער טויט, איידער דאָס מודה זיין.

„פליגן אין נאָז“. איך האָב נישט קיין פליגן אין נאָז, און די לערערין וואַרפט מיר פאָר, וואָס ס'איז אַמאָל געווען. מען דאַרף נישט פאָרוואַרפן די טובות. זאָלן די דערוואַקסענע געדענקען, אַז דאָס רעגט אויף, עס פאַרדריסט זייער. וואָרום דאָס הייסט, אַז זיי מיינען, אַז מיר פאַרגעסן לייכט. מיר קאָנען נישט זיין דאַנקבאַר.

אָט זיי פאַרגעסן יאָ. מיר געדענקען גוט. אַמאָל אַ יאָר און אַמאָל לענגער. יעדע אומטאַקטישקייט און אומגערעכטיקייט, יעדע באַמערקונג, יעדע גוטע טאַט זייערע. מיר באַטראַכטן אַלצדינג תמיד ערלעך — און זיי האָבן אין אונדז אַ פאַרבינדעטן אָדער אַ שונא. מיר קאָנען אַ סך מוחל זיין, אויב מיר זעען גוטסקייט און אויפ-ריכטיקייט. איך וועל דער לערערין אויך מוחל זיין, ווען איך וועל מיך באַרואיקן.

מונדעק קומט צו און הייבט אָן צו שפּאַסן. ער זעט, אַז איך בין טרויעריק, וויל ער מיך טרייסטן.

— וואָס, דו וועסט מורא האָבן פאַר רעכענען? וועסט באַקו-מען פינף פינפטלעך, וועט די איינע צוויי אַליין אַנטלויפן פאַר שרעק. זי וועט אַזוי פליען, אַז מען וועט זי נישט דעריאָגן. ביסט דאָך עפּעס אַ מאַטעמאַטיקער.

איך האָב געזאָגט שטיל:

— לאָאָאָז אָפּ.

איך גיי אַרויס אויפן הויף, אָבער איך שפּיל מיך נישט. און נאַריש זעט מיר אויס דאָס אַרומלויפן.

— ווי גוט וואָלט געווען, ווען אַלע מיידלעך זאָלן זיין ענלעך צו איר. און אפשר וועלן מיר טאַקע פאָרן קיין ווילנע? אפשר וועט דער טאַטע דאָרט קריגן אַרבעט? עס קאָן אַלצדינג טרעפן.

איך האָב גענומען פון דער ביבליאָטעק אַ ביכל. היסטאָרישע דערציילונגען. איך וועל לייענען.

איך גיי אַהיים אַליין. מוגדעק האָט נישט געקאָנט וואַרטן. איך גיי און שלײדער מיטן פוס אַ שטיקל אייז. מען דאַרף זיך באַמיען אַ קאָפּע צו טאָן גלייך, פאַר זיך, וואָרום עס דרייט זיך רעכטס אָדער לינקס. און איך לויף נאָך אין זיגזאַגן. עס זאָל זיך נישט פאַר־האַלטן, נאָר כסדר פאָרויס. דאָס עהגסטע איז, ווען עס שלאָגט זיך אָן אין אַ פאַרבייגייער, וואָרום דעמלט טוט עס שוין אינגאַנצן אַ פלי אַוועק אין אַ זייט און מען דאַרף ווידער אָנהייבן פונדאָסניי. איך האָב אָפּגעמאַכט, אַז איך מעג צען מאָל אויפסניי אָנהייבן.

אָבער איך האָב באַגעגנט דעם טאַטן, און ער האָט זיך געביי־זערט, אַז איך מאַך אַ תל פון די שיך, ווייל די שפּיצן קלאַפּן זיך אָפּ.

איך קום אַריין אין טויער, און דערזע די יינגלעך זיך פירן אויף שליטעלעך. איך שטיי צו יצו זיי. אָבער עס איז נישט געווען שטאַרק אָנגענעם. וואָרום ווען מען האָט עגמת־נפש, קאָן מען זיך שפּילן, אָבער מען דערמאָנט זיך יעדע רגע. ווי עס וואָלט עמעצער נאָכגעגאַנגען און געזאָגט:

— האָסט פאַרגעסן? געדענקסט נישט?

דאָס זענען נישט קיין געוויסנסביסן, נאָר אַזאַ צודרינגלעכער געדאַנק. געוויסנסביסן זענען גאָר אַנדערש: זיי זענען שרעקלעך — האָסט מורא פאַר גאָט.

איין יינגל זאָגט, אַז עס איז אינגאַנצן נישטאָ קיין גאָט, נאָר מענטשן האָבן דאָס בלויז אויסגעטראַכט. ער זאָגט, אַז ער ווייסט דאָס אויף זיכער. ער האָט זיך געוואָלט געוועטן — אַזאַ נאַר.

איך האָב זיי צוויי מאָל געפירט אויף די שליטעלעך, און זיי מיך איין מאָל. און גענוג.

איך בין אַ ביסל געזעסן ביים פענצטער, דערנאָך האָב איך באַקוקט בילדלעך אין אַ ביכל. זיי געפעלן מיר נישט. דאָס ערשטע בילדל איז אַ העלדיש. אַ ריטער אויף אַ פערד. אַ שלאַכט. אַרום

פליען קוילן. און ער האַלט אויפגעהויבן די שווערד און זעט אויס ווי אַ ליאַלקע. אַזוי שטייף אויסגעגלייכט.

צי איז עס נישט צופעליק אַזוי, אַז פאַר קינדער מאַכט מען תמיד פון ערגסטן מין? אַ גוטער מאָלער פאַר דערוואַקסענע, און אַ שלעכטער פאַר קינדער. און די מעשהלעך פאַר אונדז זענען אויך ווי פון יוצא ווען, אַבי־ווער שרייבט, דאָס זעלבע איז מיט דער קינדער־פּאָעזיע און די קינדער־לידלעך. ווער עס האָט נישט קיין מזל ביי דערוואַקסענע, גייט צו די קינדער.

אָבער דווקא מיר האָבן דאָך צום מיינסטן ליב מעשהלעך, בילדלעך און לידלעך.

מען האָט מיך גערופן אויף צו העלפן מאַכן אַ נייַ שליטעלע. און אַז איך זאָל געבן מיינע צוויי ברעטער, אַ שטריקל און בלעך.

זיי האָבן זיך געקרימט, אַז עס איז ווייניק בלעך, און דאָס שטריקל איז קורץ.

— אָבער שטאַרק.

איין ברעט איז פאַרנוצט געוואָרן אויף אַ זיצפּלאַץ און דאָס אַנדערע אויף צו באַפעסטיקן דעם באָדן. ווען עס זאָל זיין מער בלעך, וואָלט מען געקאָנט דאָס גאַנצע שליטעלע אונטערשלאָגן און עס וואָלט זיך לייכטער געגליטשט. אָבער נאָך גוט, וואָס כאָטש פון פאָרנט איז דאָ בלעך. און טשוועקעס האָב איך געגעבן: איינעם אַ לאַנגן, אַ גלייכן — איך האָב געפונען אויף דער גאַס.

יעדער געדענקט, וואָס ער גיט, וואָרום אַזויפיל רעכט האָט ער, וויפל ער גיט.

עס איז אָנגענעמער צו מאַכן אַליין און עס צו האָבן פאַר זיך. פון קיינעם נישט זיין אָפּהענגיק. אָבער קינדער פאַרמאָגן זעלטן עפּעס אַ זאַך אויף אַן אמת.

די מלבושים זענען כלומרשט מיינע, אָבער די עלטערן האָבן זיי געקויפט. פאַר די ביכלעך און העפטן איז מען פאַראַנטוואָרטלעך סיי אינדערהיים, סיי אין שול. יעדער באַקוקט און האָט רעכט זיך אַריינצומישן.

די לערערין דערלויבט זיך דאָס ביכל צו פאַרוויקלען ווי אַ טרייבל. אָבער זאָל נאָר עמעצער פון אונדז פּרובירן. מען וועט באַלד זאָגן, אַז מיר שאַנעווען נישט. וואָרום ביי קינדער מוז אַלצדינג זיין מוסטערהאַפט.

די שותפותן זענען נישט גוט. מיר מוזן זיך דאָך צעקריגן. איינער פירט דעם אויפן שליטעלע, דער אַנדערער יענעם. איינער טוט אַ שלעפּ און קערט איבער — זאָגט מען אים, אַז ער קאָן צע־ברעכן, מאַכט ער זיך גאָרנישט דערפון. ער האָט געגעבן עטלעכע ברעטער, האָט ער אויך אַ רעכט.

אָדער: אַליין עמעצן פירן וויל ער נישט, נאָר זיצן ווי אַ גראַף. מיר קריגן זיך אָפּט — דאָס איז אמת, אָבער טוט נאָר אַ טראַכט, ווי מיר זענען איבערגעלאָזט אויף הפקר.

וויפל פאַרשידענע געריבטן האָבן די דערוואַקסענע. און מיר האָבן בלויז דאָס פאַרקלאָגן זיך. און די דערוואַקסענע האָבן נישט ליב אונדזער פאַרקלאָגן זיך. זיי פּסקענען אָפּ אַבי אָפּצופּטרן, און גערעכט בלייבט אָדער דער, וועלכן זיי האָבן מער ליב, אָדער דער יינגערער, אָדער דער עלטערער איז גערעכט, אָדער דאָס מיידעלע, אָדער ביידע זענען שולדיק, ווייל עס איז מיאוס זיך צו קריגן.

אפשר אַמאָל וועלן מענטשן לעבן בשלום און אין פריינדשאַפט. אָבער נאָך נישט אַצינד.

פון אַ ליאַדע וואָס באַליידיקט ער זיך און באַלד:

— אַז נישט, גיט מיר צוריק מיינע ברעטער און טשוועקעס.

ער ווייסט, אַז מיר וועלן נישט צוריקגעבן. וואָרום ווי אַזוי? סיידן צעברעכן דאָס שליטעלע, און אַרויסוואַרפן די גאַנצע אַרבעט. גיי זוך אַ נייעם שותף און מאַטער זיך פונדאָסניי.

— קינדער האָבן ליב צו מייסטרעווען.

אוודאי האָבן זיי ליב, אָבער אַז מען מאַכט עפּעס, וויל מען, עס זאָל זיין.

איך צייכן אָן עפּעס, און איינער נעמט צוליב אַ נאַרישן שפּאַס און צערייסט, אָדער פאַרשמירט עס — איז אַ שאָד. איך האָב אויס־געזוכט אַ שטעקעלע, אַ שטריקל — געמאַכט אַ בייטש, ווייל איך נישט מען זאָל עס צעברעכן. געמאַכט אַ שליטעלע, דאַרף זיין אַ שליטעלע.

טיילמאָל איז בעסער פאַנאַנדערצוגעמען, ווייל דאָס צווייטע וועט בעסער געלינגען. אָבער מען דאַרף פאָרויס וויסן, וואָס מען וויל און פאַרוואָס מען דאַרף אָנהייבן פונדאָסניי. אַז אָדער מיר האָבן בעסער געצייג, אָדער מער מאַטעריאַל.

וואָרום ווי אַזוי מאַכט מען אַ שלימעלע אָן אַ האַמער? מיר האָבן געמוזט קלאַפּן מיט אַ שטיין. און ווען עס זאָל כאָטש זיין אַ באַקוועמער שטיין. עס איז דאָ איינער, אָבער אין ברוק. מיר האָבן אים אַפילו געוואָלט אויסגראָבן, און דערנאָך צוריק אַריינ־זעצן. אָבער ווען דער הויזוועכטער זאָל דאָס זען, וואָלט ער אונדז געגעבן דעם אמתן פּסק! אַ וואָך צייט וואָלט מען זיך נישט געקאָנט ווייזן אויפן הויף.

איך קלאַפּ דעריבער אַריין מיט אַ קיילעכדיקן, אומבאַקוועמען שטיין, און האָב מיר אַ קלאַפּ געטאָן אין אַ פינגער. עס האָט זיך מיר אַזש געמאַכט אַ שוואַרץ קיילעכל אויפן פינגער. דערנאָך האָב איך נאָך מיט אַ דראָט אָפּגעריבן די הויט צווישן די פינגער: אַציגד, ביים איינבייגן טוט ווי. וואָרום אויף איין אָרט דאַרף מען אַרומ־נעמען מיט דראָט, ווייל מען האָט באַדאַרפט אַ לאַנגן, טשוואָק, און מיר האָבן אַריינגעקלאַפּט דריי קליינע, האָט זיך דאָס ברעט צעשפּאָלטן. האָט מען באַדאַרפט איינציען.

און אַזוי ווערט תמיד עפּעס קאַליע, און מען דאַרף כסדר פאַר־ריכטן.

עס קומט צוגיין יוזשעק.

— אָ אָ אָ, זיי האָבן געמאַכט אַ שלימעלע, און זיי קענען נישט פאָרן.

— טאָ מאַך דו אַ בעסערס.

— אוודאי, ווען איך זאָל וועלן, וואָלט איך געמאַכט.

— נו, טאָ וויל.

— איך וויל אָבער נישט.

— גיי שוין, משעפּע זיך נישט. אַז עס געפעלט דיר נישט, קוק נישט.

און ער:

— וועסט נישט לאָזן קוקן?

— ניין, איך וועל נישט לאָזן.

איינער פאַרריכט, און צוויי שטופּן אים אַוועק.

ערשט פראַנעק רופט זיך אָן:

— לאָז אים אָפּ, האַלט בעסער צו, ווייל איך קען נישט אַליין.

— טאָ צו וואָס שטייט ער און זוכט הסרוגות?

— זאָל ער. ער האָט נישט קיין שלימעלע, איז פון קנאה.

— אָ אָ אָ, וואָס דאָ איז מקנא צו זיין. אַזאַ גראַט.

פון אַ קריגעריי קומט טיילמאָל אַרויס אַ געשלעג, און טייל־מאָל העלפט מען גאָר אויף אַן אמת.

אַזוי טאַקע אַצינד:

— אַן אַ האַמער וועט איר גאָרנישט מאַכן.

און איך:

— טאָ גיב אַ האַמער, אויב דו ביסט אַזאַ חכם.

— איך וועל אייך געבן, אַז איר זאָלט אים צעברעכן.

— אָבער דו האָסט?

— אוודאי האָב איך.

באַרימט ער זיך, אָדער איז עס אמת?

אָבער ער איז געלאָפן און געבראַכט.

— ריינער?

— נאָר וועמענס?

— אפשר ביים טאַטן גענומען?

— נו, האָב איך דאָך גענומען, נישט דו.

אָבער אויב ער האָט גענומען אָן אַ דערלויבעניש, און עס וועט אַרויסקומען אַן אַוואַנטורע, וועלן אַלע קריגן אַ פּסק.

און ער האָט משוועקעס אויך.

— אויב איר וועט מיר דערלויבן צו פאָרן, וועל איך אייך באָרגן.

מען האָט נישט באַדאַרפט נעמען, ווייל ער איז אַ שאַלטיק. אָבער עס איז אַ שאָד די צייט, יעדער איינער וויל כאַטש אַ ביסל געניסן. און מיר האָבן מסכים געווען. אָבער עס איז אַ שאָד. אַז דאָס ברעט איז צעפוילט, וועט קיין האַמער אויך נישט העלפן. און ער איז אַ שווערער און פאַרט אַזוי, ווי ער זאָל בכיוון וועלן צעברעכן.

די גאַנצע אַרבעט איז אַרויסגעוואָרפן.

און ווידער הייבט זיך אָן אַ קריגעריי. איז גיי איך מיר אַהיים. טרויעריק, טרויעריק, טרויעריק.

אירענע קוקט מיך אָן, און זי זעט, אַז איך האָב עגמת־נפש. זאָגט זי שוין נישט, אַז מיר זאָלן זיך שפּילן. זי האָט צוגערוקט אַ בענקעלע, זיך אַנידערגעזעצט נעבן מיר און אָנגעשפּאַרט די האַנט אויף מיינע קני.

און איך שווייג, איך טראַכט בלויז:

— ווען מאַריכנא זאָל זיין מיין שוועסטער.

און איך ווייס, אַז דאָס איז אַ זינדיקער געדאַנק. וואָרום עס איז גלייך ווי איך זאָל וועלן, אַז אירענקע זאָל שטאַרבן, כדי איך זאָל האָבן אַן אַנדערע שוועסטער.

איך האָב פאַרמאַכט די אויגן און אַרויפגעלייגט די האַנט אויף איר קאָפּ. זי ווידער לענט באַלד אָן דעם קאָפּ אויף מיינע קני און שלאָפט גלייך איין. און איך האָב תפילה געטאָן מיט מיין געבעט: אַז אירענקע זאָל לעבן און זיין געזונט און אַז מאַריכנאַ זאָל זיין גליקלעך.

נו, וואָרום עס איז אמת: איך האָב זי ליב, מאַריכנען.

וואָס עס טוט זיך אַלץ אָפּ אין מענטש, וואָס פאַר אַ פאַרשידענע זאַכן. וואָרום אויב מען זאָל זיך אַזוי צוקוקן, זעט מען הייזער און מענטשן און פערד און אויטאָמאָבילן. טויזנט אָדער אַ מיליאָן פאַרשידענע סובסטאַנציעס: לעבעדיקע און נישט לעבעדיקע. און אויך אין די געדאַנקען זענען פאַראַן די דאָזיקע סובסטאַנציעס. אין מענטש. איך פאַרמאַך די אויגן און זע דאָס זעלבע: הייזער, מענטשן, פערד. פונקט אַזוי. און יעדער סובסטאַנציע האָט אַ סך אַדיעקטיוון. אַ גרויס הויז, אַ שיין פערד, אַ ליבער מענטש. און פון דעם סובסטאַנציע מיטן אַדיעקטיוו ווענדט זיך ערשט, צי איך האָב עפּעס ליב, צי עס געפעלט מיר.

און דאָ קומט ווידער אַזאַ מין פאַרשידנהייט. איך האָב אַנדערש ליב ראַבטשיקן, אַנדערש די עלטערן, אַנדערש מונדעקן, אַנדערש די דאָזיקע מאַריכנאַ פון ווילנע.

נו, וואָרום וואָס קאָן איך זאָגן:

— איך האָב ליב, איך האָב זייער ליב, איך האָב שטאַרק ליב. און אַ סוף.

אָבער איך פיל, אַז עס איז אַנדערש.

און ערשט ביים סאַמע העכסטן שפּיץ איז עס ווי — גאָט. זייער מאָדנע.

ווען איך זאָל נישט האָבן געווען אַמאָל אַ גרויסער, וואָלט איך דאָס אפשר נישט געוווסט. אָבער אַציגנד ווייס איך שוין, אַז קינדער זענען פאַרליבט, נאָר זיי ווייסן נישט, ווי דאָס הייסט. אָדער אפשר שעמען זיי זיך מודה צו זיין, און זיי זאָגן בלויז, אַז זיי געפעלט. זיי האָבן אַפילו מורא צו זאָגן:

— דאָס דאָזיקע מיידל איז באַחנט. זי געפעלט מיר. זי איז אָנגענעם.

וואָרום ס׳רוב האָבן דערוואַקסענע הנאה חוזק צו מאַכן פון ליבע. און אָט דאָ ערשט זעט מען, ווי נישט איידל זיי זענען.

מען טוט אַ זאָג:

— אָט איז אַ קאַוואַליר מיט אַ פרײלײן.

אָדער:

— נו, צעקושט זיך.

אָדער:

— חתן־כלה.

— מאַן און ווייב.

גלייך ווי מען וואָלט נישט געקאָנט עמעצן ליב האָבן, שמועסן, קוקן, צוזאַמען זיך שפּילן און עפּעס אַ שפּיל און זיך דערלאַנגען די הענט צום אָפּשייד. אָבער אַז קיינער זאָל וועגן קיין זאַך גאָר נישט פרעגן. און אַז קיינער זאָל אַפילו נישט באַמערקן.

לײדער קאָן מען נישט.

אַז איך וועל אַ פרעג טאָן כלומרשט סתם אַזוי:

— איז מאַריכנאַ אַ שיינער נאָמען?

אָדער איך וועל זאָגן, אַז זי האָט אַ שיינע, בלויע באַנד אין די האָר. אָדער: פאַרוואָס, אַז זי לאַכט, מאַכן זיך גריבעלעך?

לאָמיך נאָר עפּעס אַ פרעג טאָן, אָדער זאָגן, וועט מען באַלד אָנהייבן שפּיאָנירן:

— וואָס, זי געפעלט דיר? אפשר וואָלסטו מיט איר התונה געהאַט?

נאַרישע וויצעלעך און אומאָנגענעמע געלעכטערס.

יאָ, איך ווייס.

פאַראַן אַזעלכע, וואָס מאַלפּעווען נאָך. זיי ווילן זיך אײנקויפן אין יחוס ביי די דערוואַקסענע, אונטערהנפענען, איז טוט ער גלייך אַ נעם אונטערן אָרעם און:

— מיין ווייב. מיין כלה.

די דערוואַקסענע ווילן כלומרשט, אַז מיר זאָלן זיין קלוג, כלומרשט האָבן זיי נישט ליב אונדזערע לעצעווען; אָבער אַליין צווינגען זיי דערצו.

זיי ווייסן נישט, ווי אומאָנגענעם עס איז פאַר אַן עמפּינדלעך מענטשן צו מאַכן פון זיך אַ לץ. טייל קינדער ווערן אויף אַן אמת־פאַרדאַרבן, און אַנדערע פּילן צו אייך בלויז פאַרדרוס און אומווילן. פאַר דער דאָזיקער נייגיריקייט און פאַר דעם, וואָס איר ווייסט.

איך זיץ שטיל און איך טראַכט. און פּונקט ווי איך, אַזוי זיצן טויזנטער קינדער אין פאַרשידענע צימערן אין די פאַרנאַכטן און טראַכטן וועגן די חידושים און טרויעריקייטן פון לעבן. וועגן דעם וואָס עס טוט זיך אין אים, וואָס עס טוט זיך אַרום. און די דאָזיקע מחשבות אונדזערע קענען נישט די דערוואַקסענע. העכסטנס:

— וואָס טוסטו דאָרט? פאַרוואָס שפּילסטו דיך נישט? וואָס עפּעס אַזוי שטיל?

נו, דערפאַר ווייל דאָס קינד וויל נאָכן אַרומטומלען, אַרומלויפן און אָנזען זיך פאַרשידענע זאַכן — אין שטילקייט זיך אויסטענהן מיט זיך אַליין. און בלויז איינס, איין איינציקס פון טויזנט געפינט הילף מצד די דערוואַקסענע. אָדער ביי אַ פריינד.

וואָרום אָט, למשל, ווי מאָדנע עס איז דער שלאָף. אירענקע שלאָפט זיך אַזוי און ווייסט פון גאָרנישט. אָדער עס חלומט זיך איר עפּעס, וואָרום זי האָט אַ זיפּץ געטאָן. מסתמא זענען אויך אין איר פאַרשול פאַראַן קינדער, וועלכע זי האָט ליב און זי וויל אויך נישט אויסזאָגן.

איך פאַרגלייך אירענען מיט מיר, איך דערמאָן מיך די פאַרגאַנגענהייט, ווען איך בין געווען אַ גרויסער, און איך זע, אַז מיר זענען ענלעך צו זיך, די זעלבע. אַ רייפער מענטש איז קינדיש, אַ קינד איז רייף. מיר האָבן זיך גאָר בלויז נישט איינפאַרשטענדיקט צווישן זיך.

נו, גוט.

איך האָב געזען מאַריכנען אַ צווייט מאָל.

נאָך איין איינציק מאָל איז מאַריכנאַ געווען ביי אונדז. זי האָט זיך אַפילו נישט אויסגעטאָן דעם מאַנטל. זיי זאָגן, אַז זיי מוזן שוין גיין, אַז זיי זענען געקומען בלויז זיך געזעגענען.

איין מאָל — דאָס ערשטע מאָל זיך באַגריסט — און שוין באַלד זיך געזעגענען.

איך שטיי ביי מיין בלומענטאָפּ און פאַרזעע ארבעס. און ער איז אויפגעוואַקסן אין בלומענטאָפּ. ער האָט שוין אַפילו פיר

בלעטלעך. דאָ צוויי און דאָ צוויי. עס איז אזוי אַנגענעם צו פּאַר־זעצן און וויסן, אַז עס וועט אויפוואַקסן. מען באַגיסט. און פון וואַסער און פון ערד און פון אַ קערנדל וואַקסט ער אויף. ער איז גרין און קליינטשיק. אַט איז גאָרנישט געווען, און אַט איז ער דאָ.

איך שטיי און האַלט א קאַרטל מיט א בילד: עס שטייט אַ מלאך מיט פליגל, און צוויי קינדער איבער אן אָפּגרונט. איבער אַ תהום. זיי זענען איינגעבויגן איבערן אָפּגרונט און רייסן אָפּ בלימעלעך. און דער מלאך היט, זיי זאָלן נישט אַריינפאַלן אין דאָזיקן אומענדלעכן תהום.

מיט מאַריכנען איז געקומען די פרעמדע מומע. זי זע איך דאָס ערשטע מאָל אין מיין לעבן. זי איז עפּעס א וויטע קרובה. און איך טראַכט:

— אויב מאַריכנא וועט אָנהייבן מיט מיר צו רעדן, וועל איך איר געבן צום אָנדענק דאָס בילדל. און אויב נישט, איז נישט.

איך האָב עס געקויפט פאַר מאַריכנאס וועגן. וואָרום איך האָב געוווסט, אַז זי וועט קומען, איך האָב נאָך מורא געהאַט, טאָמער וועל איך דעמלט זיין אין שול.

איך קום באַלד צולויפן אהיים פון שול — אַזוי יעדן טאָג. מונדעק פרעגט:

— וואָס איילסטו דיך אַזוי?

די מאַמע וונדערט זיך:

— צי די שול ענדיקט זיך איצט פריער?

איך זאָג גאָרנישט. נו, וואָרום וואָס וועל איך זיי זאָגן?

און מאַריכנאַ האָט אַ וויים פלושן היטעלע און פונקט אַזאַ קעלנערל און געקרייזלטע האָר.

איך מאַמע שמועסט מיט מיין מאַמען — עפּעס וועגן באַקאַנטע אין ווילנע.

זי זאָגט גאָרנישט.

וואָרום דער דאָזיקער מומען פון ווילנע האָב איך גיך אַ קוש געטאָן אין האַנט און בין צוריק צו מיין בלומענטאָפּ.

און זי איז געבליבן שטיין אָנגעלענט אין איר מאַמען.

און איך האָב אַרויסגענומען דאָס קאַרטל פון ביכל. דאָס קאַרטל מיטן מלאכל.

און זי, מאריכנא, איז באַלד, אָט אַזוי ווי זי איז געשטאַנען, צוגעגאַנגען גיך צו מיר. אין איילעניש, ווי זי וואָלט צוגעלאָפן. און איך גיב אויף גיך אַ לייג אַריין דאָס קאַרטל צוריק אין ביכל און עס דאַכט זיך מיר, אַז איך בין אוודאי רויט, ווייל איך האָב מיך גאָר מער פאַרשעמט.

זי איז געבליבן שטיין, זיך פאַרשטעלט דאָס פּנים מיט דער מופקע פון דעם זעלבן פלוש, און איך האָב אַ שמייכל געטאָן. און זי אויך. און איך האָב מיך אויסגעדרייט, כלומרשט איך קוק אויפן בלומענטאָפּ.

און אירענע קומט צולויפן און ווייזט איר די ליאַלקע. אי־רענקע זאָגט:

— גיב אַ קוק, זי האָט שיכעלעך.

איך האָב מיך ווידער אויסגעדרייט. און מאריכנא האָט גע־נומען די ליאַלקע און פרעגט:

— זי פאַרמאַכט די אויגן?

און איך:

— ניין. קליינע ליאַלקעס פאַרמאַכן נישט.

מאַריכנא איז שוין צוגעקומען גאָר נאָענט און זאָגט, אַז קליינע קענען אויך פאַרמאַכן. בלויז גאָר קליינע — נישט.

און דערנאָך זאָגט זי:

— איך פאָר שוין.

איך האָב מיך דערשראָקן, אַז אָט שוין באַלד, און גיך אַרויסגענומען דאָס קאַרטל מיטן מלאכל, וואָרום איך האָב מיך דערשראָקן, אַז איך וועל נישט באַווייזן. אַז איך וועל עס איר שוין נישט קאָנען געבן.

איך ווייז. און:

— ס'איז שיין?

זי האָט שטיל געזאָגט:

— שיין.

זאָג איך שוין גאָר שטיל:

— אפשר ווילסטו?

איך האָב נישט געוואָלט, אַז אירענקע זאָל זען, וואָרום קליינע קינדער האָבן ליב זיך אַריינצומישן. און זי קאָן עפּעס אַ זאָג טאָן אויפן קול.

אָבער די מאַמע מיט דער מומען האָבן געשמועסט און זיי ווייסן גאָרנישט.

מאַריכנא זאָגט:

— שרייב אָן, אַז עס איז צום אָנדענק.

אַזוי בעטנדיק האָט זי עס געזאָגט און געקוקט, צי איך באַשטיי.

עס איז גראָד גוט אויסגעקומען. וואָרום איך האָב באַלד גיך אָנגעשריבן:

„אַן אָנדענק פון ווארשע".

און איך האָב צוגעלייגט דאָס לעש־פּאַפּיר.

און מאַריכנא:

— אוי, ווערט נאָך פאַרשמירן.

און איך:

— זע, עס האָט זיך גאָרנישט פאַרשמירט.

איך האָב געזאָגט: „זע". — דאָס הייסט, אַז איך האָב איר געזאָגט „דו".

אָבער די „אַ" האָט זיך אַ ביסל פאַרשמירט.

זי זאָגט:

— ס'שאַדט נישט.

און שפּעטער:

— שרייבסט זייער שיין.

און דערנאָך:

שרייב אויף פאַר ווענען און פון ווענען.

— צוּוואָס?

מאַריכנא האָט אַ טראַכט געטאָן, דעם קאָפּ אויסגעבויגן אין אַ זייט און זאָגט:

— אמת.

אָבער איך האָב אָנגעשריבן:

„פאַר מאַריכנען פון ווילנע".

און איך האָב עס איינגעוויקלט אין אַ זילבער־פּאַפּיר פון שאָקאָלאַד. — וואָרום איך האָב אַלצדינג געהאַט צוגעגרייט.

אָבער איך זע, אַז עס גלאַנצט צופיל, האָב איך אַרויסגעריסן אַ בלעטל פון העפט און נאָכאַמאָל אַרומגעוויקלט.

און זי:

— אָאָאָ, דו רייסט אויס אַ בלעטל.

איך זאָג:

— ס'איז גאָרנישט.

און די מאַמע זאָגט:

— טוט אויס די מאַנטלען.

און איר מאַמע:

— גיין, מיר מוזן באַלד גיין.

מאַריכנא האָט גענומען דאָס קאַרטל אייננעוויקלטערהייט און אַריינגעלייגט אין דער מופקע און פרעגט:

— וואָס פאַר אַן אות האָסטו בעסער ליב צו שרייבן?

איך זאָג:

— אַ גרויסע R.

— און איך אַ גרויסע W. גיב פאַפיר, וועל איך דיר אָנ־אָנשרייבן. אָבער מיט א בלייפעדער. לאָמיר זען, ווער עס שרייבט שענער. און זי האָט אָנגעשריבן. און איך אויך. אָבער איך פליים מיך נישט. כדי ביי איר זאָל אַרויסקומען שענער.

און זי זאָגט:

— נו, וועמענס איז שענער?

זי לאַכט, און האָט אַזעלכע גלייכע ציינדלעך, ווייסע.

און זאָגט:

— אויפן קאַרטל האָסטו שענער אָנגעשריבן.

איך האָב מיך פאַרוויטלט און זאָג:

— אַמאָל געראָט, און אמאָל נישט.

מיר האָבן געשריבן: וואַרשע, ווילנע — פאַרשידענע ווער־טער, דערנאָך ציפערן.

— איך האָב זייער נישט ליב צו שרייבן אַן אַכט — זאָגט זי — עס קומט תמיד אַרויס עפּעס פאַרקרימט.

און איך:

— נו, יאָ. אַן אַכט געראָט זעלטן. נו, און מאַריכנען איז שוועד צו שרייבן אין פאַלטן.

זי האָט אַ קוק געטאָן אויף איר מאַמען און זאָגט:

— אויסטאָן אפשר, אָדער ווי.

אָבער זיי דאַרפן שוין גיין.

זי, מאַריכנא, וויל צערייסן דאָס בלעטל, אָבער איך האָב נישט געלאָזט.

— צו וואָס דאַרפסטו עס?

— זאָל עס זיין.

— צו וואָס?

איך האָב געזאָגט שטיל:

— אויף אַן אָנדענק.

— אָאָאָ, וואָס פאַר אַן אָנדענק איז דאָס, איך וועל דיר שיקן פון ווילנע אַ שיין קאַרטל.

אָבער זי האָט עס איבערגעלאָזט.

און איך האָב איר געוויזן דעם בלומענטאָפּ. — ווען זי זאָל וועלן געמען. אָבער ווי וועט זי זיך אַרומפירן מיט אַ בלומענטאָפּ.

און מאַריכנאַ האָט יעדער בלעטעלע אַ גלעט געטאָן מיטן פינגער.

און איר מאַמע זאָגט:

— נו, מיר גייען.

און זי הייבט זיך אויף. און מאַריכנאַ איז שנעל צו צו איר מאַמען.

מיר האָבן שוין מער נישט געשמועסט. איך בין געבליבן שטיין ביים בלומענטאָפּ. און זיי האָבן נאָך לאַנג געשמועסט אַזוי שטייענדיק. און אפשר נישט לאַנג, נאָר איך האָב שוין געוואָלט, אַז זיי זאָלן אַוועקגיין.

איך האָב מורא פאַרן געזעגענען.

און אָט איז מאַקע:

— נו, קינדער, געזעגנט זיך.

איך האָב מיך נאָך מער אַוועקגעדרייט.

— נו, וואָס, איר וועט זיך נישט געזעגענען? אפשר האָט איר זיך שוין צעקריגט? איר וועט זיך נישט צעקושן צום געזעגענען?

מאַריכנאַ זאָגט:

— איך קוש מיך נישט מיט יינגלעך.

— אוי, דו, דו — זאָגט מיין מאַמע. — און וועסט אונדז נישט זינגען עפּעס צום געזעגענען?

— איך קען זינגען.

— וועסט שוין זינגען, ווען מיר וועלן נאָכאַמאָל קומען צו פאָרן. אַצינד וועסטו דיר דעם האַלדז צעוואַרעמען.

מאַריכנאַ האָט זיך צעקושט מיט דער מאַמען און אירענקען, און מיר האָט זי בלויז דערלאַנגט די האַנט. און אַזוי שטאָלץ. זי האָט אַפילו קיין שמייכל נישט געטאָן. אין דער הענטשקע.

און זיי זענען אַרויסגעגאַנגען.

און די מאַמע:

— ביסט א גולם. מאַריכנאַ איז אַ ווויל מיידל. און דו קענסט קיין צוויי נישט ציילן.

איך בין דאַנקבאַר אירענקען.

— איך האָב איר אַ קוש געטאָן — איך האָב זי צוגעטוליעט צו מיר און איר אַ קוש געטאָן אין קאָפּ.

— ביסט געווען זייער העפלעך, אירענקע — האָב איך געזאָגט.

און איך הייב אָן מאַכן די לעקציעס.

און עס איז מיר אַזוי גוט — שטיל. און עס איז אַזוי גוט געראָטן מיטן קאַרטל. עס איז שיין. וואָרום תחילת האָב איך געוואָלט קויפן מיט בלומען, דערנאָך אַ פּייזאַזש: אַ וואַלד, און נעבן וואַלד אַ שטיבל און דערנעבן שטייט אַ פערד. עס זענען געווען נאָך צוויי שיינע, אָבער איינס מיט אַן אויפשריפט: „ווונטשן צום געבורטסטאָג“. אָבער מיטן מלאך איז דאָס שענסטע. וואָרום עס איז דאָ בערג און אַן אָפּגרונט און בלומען און דער מלאך היט.

עס האָט אַ מיאוסן נאָמען: מלאך־וועכטער. עס וואָלט באַדאַרפט הייסן אַנדערש: „באַשיצער“ — אָדער ווייס איך ווו.

אויב איך וועל האָבן געלט, וועל איך מיר קויפן פונקט אַזאַ קאַרטל. וואָרום מאַריכנאַ וועט אוודאי גאָרנישט שיקן — זי וועט פאַרגעסן — ווען זי וועט צוריקקומען דאַרט קיין ווילנע.

איך שרייב איבער אַ פערז אויף מאָרגן. דערנעבן ליגט אירענקעס ליאַלקע. פון דער דאָזיקער ליאַלקע האָט זיך דאָך אַלצדינג אָנגעהויבן. און דער בלומענטאָפּ מיט די פיר בלעטלעך. ווען עס וועט שפּעטער אָנהייבן וואַקסן אינדערהייך, וועלן אַרויף־צו אַרויסוואַקסן נייע בלעטלעך, און די פיר וועלן בלייבן אונטן. און זיי וועלן אַוודאי די ערשטע אַראָפּפאַלן. צי זאָל איך וואַרטן, ביז

זיי וועלן געל ווערן און אַליין אַראָפּפאַלן, אָדער אָפּרייסן זיי גרי־נערהייט און אויסטריקענען אויף אן אָנדענק? אַצינד ווייס איך נאָך נישט.

איך שרייב איבער אַ פּערז אויף מאָרגן. איך שרייב זייער פליסיק. איין גרויסע W איז געווען אין דעם דאָזיקן שטיקל. איך האָב מיך באַמיט זי אויפצושרייבן זייער שיין. און איך ווייס נישט, צי די גרויסע R, אָדער די גרויסע W איז שענער און אָנ־גענעמער צו שרייבן.

און איך קוק מיר אַזוי אויף דעם בלעטל, אויף וועלכן מיר האָבן געשריבן אותיות.

מילא, פאַרפאַלן: איך האָב זי ליב און וועל זי שוין מער נישט זען. מיר איז בלויז געבליבן דאָס פּאַפּיר מיט די אותיות און פיר בלעטלעך פון אַרבעס. און אפשר וועט זי יאָ שרייבן? אָדער אפשר וועט זי זיך מיר חלומען? אָדער איך וועל אפשר זען אַן ענלעך מיידעלע אויף דער גאַס? אַזוי איז דאָך אויך מיט ראַבטשיקן געווען.

זיי זענען נישט פריינדלעך, די מיידלעך. שטאָלץ, קריגעריש און גרויסהאַלטערקעס. זיי האָבן ליב צו מאַכן דעם אָנשטעל. אַז כלומרשט זענען זיי שוין דערוואַקסענע און אַז די יינגלעך זענען בלויז שאַלטיקעס.

און זיי מיידן אונדז אויס, אָבער זיי ווילן — נאָר כלומרשט טוען זיי אונדז אַ טובה.

און אויב איינע שפּילט זיך שוין יאָ גערן מיט אונדז, איז זי ערגער ווי מיר: וואָרום אי זי איז אַ שאָלטיק און האָט נאָך דער־צו אַנדערע מיידלשע שטיק.

נו, יאָ.

פאַראַן נאָך מער רעליקאַטע. וואָרום דאָס קליידל, דאָס שלייפל, די קרעלן, און באַהאַנגען מיט פאַרשידענע באַפּוצונגען.

— עס זעט אויס שיין. ווען אויף אַ יינגל, וואָלט עס געווען ליע־כערלעך. וואָרום ס'איז פאַראַן אויך יינגלעך מיט לאַנגע האָר. ווי ליאַלקעלעך. צי שעמען זיי זיך גאָרנישט? נו, יאָ.

אָבער פאַרוואָס דאַרפן מיר פאַר זיי אָפּטרעטן? אַז אַ מיידל — טאָר מען שוין נישט אַ קלאַפּ טאָן, אָדער אַ שטופּ טאָן. באַלד וועט מען זאָגן:

— אַ מײדל.

און דאָס שאַפט אין אונדז פאַרדרוס און נישט ניהאַדיקײט.
און אַפילו פײנטלעכקײט. װײל װאָס?

אויב אין אַ שול לערנען זיך צוזאַמען ייִנגלעך מיט מײדלעך,
און אַ ייִנגל פאַרקלאָגט זיך פאַר דער לערערין, זאָגט מען באַלד:

— דו, אַ ייִנגל, און קאָנסט דיר נישט קײן עצה געבן מיט
אַ מײדל.

אויב יאָ אַזוי, גיב איך מיר שוין אויפן אַנדערן טאָג אַן עצה,
איז װידער אַן אַװאַנטורע. און מען װײסט נישט, װאָס מען דאַרף
אויף אַן אמת טאָן.

װען די דערװאַקסענע זאָלן נישט כסדר דערמאָנען, אַז דאָס
איז אַ ייִנגל, און דאָס איז אַ מײדל, װאָלטן מיר זיכער פאַרגעסן.
אָבער זײ לאָזן דען פאַרגעסן. כלומרשט זאָגן זײ, אַז עס איז
נישט קײן חילוק, דערװײל אָבער קומט אויס פאַרקערט.

עס איז מיר נישט גיהאַ, װאָס איך מוז אַזוי טראַכטן, אָבער
װאָס קאָן איך מאַכן. איך קאָן נישט זאָגן קײן ליגן. מאַריכנאַ
איז דאָך נישט שולדיק. און אפשר איז אַזוי בלויז אין װאַרשע?

אָבער זי האָט מיר געשריבן. מאַקע אײגנהענטיק געשריבן.
זי האָט געהאַלטן װאָרט. זי האָט געשיקט אַ בילד-קאַרטל פון דער
אָסטראָבראַמאַ און אַן אַדרעס און אַ פּאָסטמאַרקע און אַלצדינג.
זי האָט זיך נישט געשעמט שרײבן צו אַ ייִנגל.

זי איז אַ הרײסטע.

און שעמט זיך נישט צו זינגען און זי האָט די ערשטע גע-
זאָגט, אַז זי װעט טאַנצן.

און זי האָט מאַקע אָנגעשריבן.

און איך האַלט איר בריװ צוזאַמען מיטן בלעטל און די
אַרבעס-בלעטלעך. אײן בלעטעלע האָט זיך צעבראָכן.

און ס'איז געװען אַן אויספלוג. נישט מיט דער באַן, נאָר
דורך דער בריק צום פּאַרק. עס איז געװען אָנגענעם.

מיר האָבן געװאָלט גײן זאַלבעפערט אײנמיטן גאַס, נישט
שטופּן זיך פאָרװײז, מען זאָל אונדז שטויסן. אָבער די לערערין
האָט נישט דערלויבט. און מיט רעכט. װאָרום באַלד װעט מען
איבעררײסן די רײען און עס װעט אַרויסקומען אַ צעמישעניש.
אײנער װעט שטויסן פון הינטן, די פון פאָרנט װעלן קריכן, אײנער

רעכטס, איינער לינקס. אפילו פּראָוויז גייען זיי נישט, אַז עס זאָלן אויסקומען גלייכע דיסטאַנצן און מיטן גלייכן פוס.

עס איז געווען גוט. צוויי וועגענער און אַן אויטאָמאָביל האָבן זיך אָפּגעשטעלט, ווען מיר זענען דורכגעגאַנגען איבער דער גאַס.

עס טוט עפּעס אַ הנאה, אַז אויך מיר זענען עפּעס, אַז זיי מוזן זיך אָפּשטעלן.

איך גיי מיט מונדעקן אין אַ פּאָר. עס איז זייער ווינטיק אויסצוקלייבן אַ גוטע פּאָר און צו וויסן, ווער עס גייט פאַר מיר, ווער הינטער מיר.

צום שענסטן איז געווען אויף דער בריק, וואָרום דאָס וואַסער איז פאַרפרוירן געוואָרן.

— פאַראַן אַזעלכע וואָס באָדן זיך אין אַן אייז־לאָך.

— און דו וואָלסט נישט קיין מורא געהאַט?

— פאַרוואָס?

— נו, ווייל עס איז קאַלט.

— טאָ איז וואָס, אַז קאַלט?

ער איז דאָך אנגענעם זיך אויסצופּרוון, אָדער ווייזן, אַז מען האָט נישט מורא.

— פון וואַסער קאָן ווערן אייז אָדער דאַמף.

— מאָהנע!

— און דאָס איז נישט מאָדנע, וואָס אַ פליג קאָן גיין אויף דער וואַנט, און אַ פיש אָטעמט אין וואַסער.

— אָדער אַ זשאַבע. זי ווערט באַשאַפן פון אַ ברעקעלע און פּאַרטיק.

און אַזוי האָבן מיר זיך פאַרטראַכט. ווער האָט דאָס אַלצ־דינג געקאָנט מאַכן? וואָרום אויב עס זאָל נישט זיין קיין גאָט, טאָ ווער?

און איך שמועס מיט מונדעקן, אַז כלומרשט האָבן מיר אַ שיפל, מיר נעמען ברויט, קעז, עפּל — און מיר פאָרן קיין גדאַנסק. מיר שווימען דורך פאַרשידענע צופלוסן פון דער ווייסל, פאַרביי פלאַכלענדער און הויכקייטן, פאַרביי פאַרשידענע היס־טאָרישע שטעט.

מיר שמועסן אַזוי אין שפּאַס, אָבער עס איז ווי אַ לעקציע, ווי אַ מין עקזאַמען.

יא גוטע זאַך די שול. זי דערמעגלעכט צו פֿאַרטראַכטן זיך וועגן פֿאַרשידענע זאַכן. איין זאַך דערוויס איך זיך פֿון געאָגראַפיע, אַ צווייטע זאַך פֿון נאַטורוויסנשאַפֿט, פֿון געשיכטע, און דו ווייסט גאָר אַליין נישט, ווי דאָס אַלץ קומט צונויף ביים טראַכטן.

— קיין גדאַנסק, צי קיין קראָקע?

— עעע, מיטן וואַסער אַרויף איז שווער.

— נו, איז מיט אַ מאָטאָר-שיפֿל.

יעדע שול וואָלט געמעגט האָבן אַ שאַלופּע. זי וואָלט געשטאַנען אין פּאָרט, און מיר וואָלטן געשטאַנען אויף דער וואַך. יעדן טאָג אַנדערע פֿיר, לויט דער ריי: בייטאָג און ביינאַכט. און ווי נאָר די ווייסל רירט, וויקלט מען פֿאַנאַנדער די זעגלען, און מען לאָזט זיך אין וועג אַריין.

איין קלאַס אַ וואָך, די אַנדערע אַ וואָך. און לויט דער ריי: אין דער קאַיוטע, ביי די זעגלען, ביים רודער.

מיר ווייסן שוין אַליין נישט, צי דאָס דאַרף זיין אַ זעגל-שיף, צי אַ מאָטאָר-שיפֿל, אַ באַרקע, אָדער אפֿשר גאָר אַ טראַטווע.

און די זון פֿינקלט שיין אויפֿן שניי.

און אין פּאַרק איז ווייסינקע.

מיר שפּילן אין יאָגעניש. טייל ווילן אַזש אויסטאָן די מאַנטלען. די לערערין דערלויבט נישט. אַז מען לויפֿט, ווערט דאָך וואַרעם. אויפֿן הויף שפּילן מיר זיך דאָך אָן מאַנטלען?

מיר שטייען נישט צו, וואָרום מיר ווילן נישט, אַז די לערערין זאָל שרייען. דאָס ערגסטע איז ביזערן זיך, ווען מען וויל, עס זאָל זיין אָנגענעם.

די לערערין וועט אָנשרייען אויף איינעם, איז אַלעמען פֿריקרע. ביי דערוואַקסענע טרעפֿט זעלטן אַז אַוואַנטורע בעתן פֿאַרווילן. און ביי אונדז גאָר אָפֿט. עס געפֿינט זיך שוין תמיד אַזעלכער.

אַזוי היינט מאַליצקי. די לערערין האָט אים געהייסן גיין צוזאַמען מיט רודזקין. האָט ער תחילת נישט געוואָלט, ווייל זיי האָבן זיך נישט ליב. און יענער האָט אים דעם גאַנצן וועג געשטופּט. די לערערין איז אין כעס געוואָרן, ווייל מיר גייען ווי אַ באַנדע, און אַז זי וויל שוין מער נישט גיין מיט אונדז, און אַז מענטשן קוקן זיך אום, און אַז עס איז אַ חרפּה. און מאַליצקי

קריכט אויף צו־להכעיס אַרונטער אונטער אַ דראָזשקע, און די לערערין האָט מורא, אַז מען וועט אים איבערפאָרן. אָבער ער גייט דאָך יעדן טאָג אַליין הין און צוריק פון שול, און קיינער היט אים נישט. טאָ זאָל ער זיך איצט גיין אַליין. אָבער איך ווייס, אַז מען קאָן נישט. ווארום אַז מען וועט איינעם דערלויבן, וועלן באַלד אַלע זיך צעקריכן.

און אין פּאַרק האָט מען זיך נישט באַלד צונויפגעזאַמלט, מען האָט געמוזט טרייבן אַהיים. אַז מען איז שוין געגאַנגען אַ שטיק וועג, האָבן מיר געוואָלט לענגער בלייבן. עס איז געווען שיין, און עס גלוסט זיך נישט אַהיימצוגיין. און עס איז געווען אַזוי: טייל האָבן געפּאָלגט און שטעלן זיך אויס. אָבער אַז מען זעט, עס פעלט צו דער פּאָר, ווערט לאַנגווייליק צו שטיין אַליין, און מען גייט אויפזוכן. זעט מען, אַז אַנדערע שפּילן זיך, און ביי זיי ווערן געפרוירן די פּים. ווערט מען אומגעדולדיק.

— לאָמיר שוין גיין.

זיי באַדויערן, וואָס זיי האָבן געפּאָלגט און זיך באַלד אויס־געשטעלט. יענע לויפן, און זיי מוזן קוקן, ווי די לערערין רעגט זיך אויף.

זיי שטייען, שטייען, און שאַרן זיך ווידער אַוועק. און יענע ווידער זעען, אַז עס האָבן זיך נאָך ווייניק צונויפגעזאַמלט, איילן זיי זיך נישט. יעדער וויל זיין דער לעצטער, כדי נישט צו וואַרטן.

איך וואָלט מיר נישט אָפּגעגעסן דאָס האַרץ. ווען די לערערין וואָלט באַלד אָנגעהויבן צו גיין, ווען אַפילו מיט דריי פּאָרן, וואָלטן די אַנדערע געמוזט דעריאָגן, און בייסלעכווייז וואָלטן זיי זיך צונויפגעקומען. אפשר וואָלט עמעצער געזאָגט:

— זאָלן זיי גיין. איך וועל אַליין טרעפן אַהיים.

ער וואָלט אָבער מורא געהאַט צו בלייבן אַליין, ווייל ער וועט קריגן אַ שטראָף און ער וואָלט אויך געמוזט דעריאָגן. און אויב נישט, איז ער דאָך איינער. מען טאָר זיך נישט צוליב דעם באַ־ליידיקן אויף אַלע.

ווען די דערוואַקסענע זאָלן אונדז פרעגן, וואָלטן מיר נישט איינמאָל געגעבן אַ גוטע עצה. מיר ווייסן דאָך בעסער, וואָס אונדז פעלט, מיר האָבן דאָך מער צייט, כדי זיך צוצוקוקן און צו טראַכטן וועגן זיך, מיר קענען דאָך זיך בעסער, מיר זענען מער

צוזאַמען. איין קינד קאָן אפשר קיין סך נישט וויסן, אָבער צווישן דער גאַנצער חברה וועט זיך שוין געפינען עמעצער, וואָס פאַרשטייט בעסער.

מיר קענען בעסער אונדזער לעבן און אונדזערע עסקים. מיר שווייגן בלויז דערפאַר, ווייל מיר ווייסן נישט, וואָס מען מעג זאָגן, און וואָס נישט. מיר האָבן מורא נישט נאָר פאַר די דערוואקסענע, נאָר נאָך מער פאַר אונדזערע חברים, וואָס ווילן נישט קיין איינפאַרשטענדיקונג, ווילן נישט קיין אָרדענונג, זיי ווילן ליבער אין דעם מוטנע וואַסער פון מחלוקת און אומצופרידנקייט כאַפּן פיש פון אייגננוציקייט. ווען איך זאָל זיין א דערוואקסענער, וואָלט איך געזאָגט:

— אַנאַרכיע און דעמאַגאָגיע.

וואָרום וואָס איז דאָס פאַר א סאָלידאַרישקייט! יעדער איינער האָט זיך איינעם, וועמען ער האָט זייער ליב, עטלעכע, וואָס זענען אים ליב, עטלעכע, וואָס זענען אים נייטש ליב, אָדער גלייכגילטיק און עטלעכע שונאים.

אפשר טרעפט זיך איינער אַן אויסנאַם, וואָס אַלע האָבן אים ליב, אָדער ער האָט אַלע ליב. אָבער ס׳רוב האָט מען בלויז מורא. ווער עס איז שטאַרק, קאָן באַלעבאַטעווען און טאָן, וואָס ער וויל. אָדער עס געפינט זיך אַזעלכער, וועמען די לערערין אָדער דער לערער האָט ליב.

אויפן צוריקוועגס פון שפּאַציר האָב איך דערציילט מונדעקן וועגן מאַריכנעס פון ווילנע.

— ווייסט, מונדעק, איך האָב געקריגן פון ווילנע אַ קאַרטל. בלומען. פאַרגעס־מיך־נישט־בלימלעך. זייער א שיין קאַרטל.

און דערנאָך:

— פון איינער א מיידל.

איך האָב געזאָגט ווי זי הייסט און אין וועלכער אָפטיילונג זי איז.

— אָבער געדענק, אַז דאָס איז אַ סוד.

איך האָב אים דערציילט, אַז איך האָב מיט איר געטאַנצט אויפן געבורטסטאָג־יום־טוב און אַז זי זינגט שיין.

און אַז זי האָט טונקעלע האָר.

— זעסט, מונדעק, און דו ביסט דעמלט אין כעס געוואָרן, וואָס איך האָב באַנטשקעוויטשן פריער דערציילט וועגן ראַבּי־משיקן. איך האָב דאָך געמוזט, ווייל ער האָט מיר נישט געוואָלט באָרגן. און דעמלט האָב איך נאָך דיך נישט געקענט אַזוי גוט.

האָבן מיר זיך אָנגענומען פאַר די הענט און מיר זענען שוין אַזוי געגאַנגען, און ער זאָגט, אַז אים געפעלט אויך איינע אַ מיידל.

— ווייל זי איז שטענדיק טרויעריק

— און מיין מאַריכנע מוז זיין אַ פריילעכע.

אויף דער בריק האָבן מיר שוין גאָרנישט גערעדט. ערשט שפּעטער.

— צי דו ביסט נישט אין כעס, וואָס איך האָב דעמלט געזאָגט אויף דיין פאָטער?

איך האָב געמיינט, אַז ער וועט נישט דערהערן, ווייל גראָד איז פאַרבייגעפאָרן אַ לאַסט־אויטאָמאָביל, אַ מיליטערישער אויטאָמאָביל — אַ שווערער. די קייטן האָבן אַזוי געבראַזגעט. עס זענען אויף אים געזעסן דריי זעלנער. און דער שאָפער איז געווען ציוויל אָנגעטאָן. איך ווייס נישט פאַרוואָס. און איין זעלנער האָט געהאַלטן אַ הונט. און דער הונט האָט זיך אָנגעשפּאַרט מיט די לאַפּעס אין דעם געלענדער, און דער קאָפּ האָט זיך אים געטרייסלט. ער האָט געהאַט אַזאַ צעשראָקענעם אויסזען.

אָבער מונדעק האָט דערהערט.

— איך בין נישט אין כעס — זאָגט ער — אָבער דו רעדט נישט אַזוי, וואָרום ס'איז אומאָנגענעם. דאַכט זיך, דער טאַטע מעג זיין יכ'ווייס וואָס, נו, און אַלע ווייסן דאָך, וואָס ער איז. אָבער ס'איז נישט אָנגענעם, אַז עמעצער זאָגט עס.

— איך האָב דיר נישט געוואָלט אָנטאָן קיין עגמת־נפש — זאָג איך — עס האָט זיך מיר בלויז אַרויסגעכאַפּט.

— איך ווייס דאָך אַליין — זאָגט מונדעק.

נו, איצט בין איך שוין צוריק חבר מיט מונדעקן. דאָס קאַרטל וועל איך אים אויך ברענגען צו ווייזן.

מיר האָבן זיך איבערגעבעטן פאַר יענער זאַך, איך האָב אים געזאָגט אַ סוד, ער זאָל נישט מיינען, אַז בלויז וועגן אים וויל

איך אלצדינג ווייסן. און איך וועל אים אַוודאי בעטן, ער זאָל צו מיר קומען אהיים.

ווי לעבערלעך די דערוואקסענע הייסן איבערבעטן. האָסט ערשט עפּעס אָפּגעטאָן, און באַלד:

— גיי, בעט איבער.

זייט רואיק. אויב איך וויים, אַז איך בין אומגערעכט, וועל איך איבערבעטן, אָבער שפּעטער. איך וועל מיר שוין אויסקלייבן אַזאַ מינוט, ווען מען קאָן דאָס טאָן. וואָרום אַנישט, קומט עס אַרוים ליגן און פאַלשקייט.

און מאַריכנאַ האָט אַזוי קאָמיש געשריבן:

„ליבער קוזין.

איך בין אין ווילנע און איך גיי נישט אין שול. איך בין געפאָרן א גאַנצע נאַכט און האָב מיך פאַרקילט און געהאַט הייץ. איך קוש דיך 1.000.000.000 מאָל. דיין דיך ליבנדיקע מאַריאַ“.

איך שעם מיך דאָס דאָזיקע קאַרטל צו ווייזן מונדעקן.

די לערערין האָט געהייסן באַשרייבן דעם שפּאַציר אין פּאַרק. די באַשרייבונג דאַרף האָבן פיר טיילן. דער וועג צום פּאַרק, דאָס פאַרווײלן אין פּאַרק, דער צוריקקער — און אַ שלום.

די לערערין האָט מיך געלויבט, אַז ס׳איז גוט.

איך האָב אָנגעשריבן:

„עס איז געווען א שיין וועטער, און די לערערין האָט גענומען אונדזער קלאַס אויף אַ שפּאַציר. מיר זענען געגאַנגען דורך פאַרשידענע גאַסן. פון ביידע זייטן גאַס שטייען הויכע הייזער, און אינמיטן איז געווען די גאַסן־באַוועגונג. איבער די רעלסן פאָרן טראַמוויען. און נישט אויף רעלסן פאָרן טאַקסים, דראָזשקעס, וועגענער וכדומה. די דורכגייער גייען פאַרביי, און אויף די ראָגעם שטייען פּאָליציאַנטן.

אין פּאַרק האָבן מיר זיך געשפּילט אין פארשידענע שפּילן. דער פּאַרק איז באַהעקט מיט שניי. די ביימער זענען נאַקעט, וואָרום זיי האָבן נישט קיין בלעטער. זייערע שפּיצן שטייגן אינדערהייך. דער פּאַרק האָט נישט קיין היסטאָרישע דענקמעלער, בלויז אין זומער וואַקסט גראָז. די קוסטעס זענען באַדעקט מיט זאַפּטיקע בלעטער.

און אויפן צוריקוועגס זענען מיר ווידער געגאַנגען דורך דער אייזערנער בריק. מיר האָבן געקוקט אויפן אייז. און מיר זענען דעם גאַנצן וועג געגאַנגען פּאָרווייז.

דער אויספלוג אין פּאַרק איז געווען זייער אָנגענעם, וואָרום די זון האָט די גאַנצע צייט געשיינט און אין פּאַרק האָבן מיר זיך גע־שפּילט אין פאַרשידענע שפּילן".

עס איז נישט אָנגענעם צו מאַכן די שול־אַרבעטן, וואָרום מען שרייבט קיינמאָל נישט דעם אמת, מען שרייבט נאָר, ווייל מען האָט געהייסן אין שול.

מאַריכנאַ האָט זיך פאַרקילט און איז געווען קראַנק. און זי האָט געקאָנט שטאַרק קראַנק זיין, און איך האָב גאָרנישט געוווּסט. און זי האָט געקאָנט שטאַרבן, וואָרום קינדער שטאַרבן אויך. איך פרייי מיך בלומרשט, וואָס איך האָב אַ קאַרטל, אָבער אינדער־אמתן בין איך אומרואיק.

און צו וואָס איז זי דאָ געקומען אהער צו פאָרן?

איך האָב בלויז אַמאָל געהערט, אַז איך האָב אין ווילנע אַ מומע, אפשר האָב איך אויך געהערט, אַז זי האָט קינדער, אפשר האָט מען אויך געזאָגט, אַז דאָס איז א מיידעלע — מאַריכנאַ. און אָט האָב איך זי אַליין געזען.

און צו וואָס?

וואָס גייט זי מיך אייגנטלעך אָן?

בלויז א ווייטע קרובה, עפּעס אַ קוזינקע.

ווען נישט דער פעטער, וואָלט איך מיט איר אַפילו נישט געווען געריהט, ווען זי וואָלט געקומען זיך געזעגענען, בעת איך בין געווען אין שול, וואָלט איך זי שוין מער נישט געזען.

אפשר צערייסן דאָס קאַרטל און מאַכן א סוף?

צו וואָס זיך פייניקן? צו וואָס טראַכטן, צי זי איז געזונט, צי איז מיט איר עפּעס קיין בייז נישט געשען.

און סיי ווי סיי וועל איך נישט צוריקשרייבן, ווייל איך האָב נישט קיין געלט.

און דווקא האָב איך יאָ געקריגן.

— נאַדיר, שאָלטיק — האָט דער טאַטע געזאָגט, און מיר גע־געבן אַ גילדן. — קויף דיר, וואָס דו באַדאַרפסט, אָדער גיי אין קינאָ.

און די מאַמע:

— אוי, גיב נישט דעם יינגל קיין געלט, ווייל ער וועט ווערן צעלאָזן.

און איך האָב גענומען עפּעס אַזוי נאַריש, אומגעשיקט. אַזוי אומגעריכט איז עס געשען.

וואָרום דער טאַטע האָט געציילט געלט, ער האָט אָפּגעציילט 31 צי 41 — אַזוי אַז איין גילדן מער צו אַ גלייכן רעכענונג. איך בין גראָד געשטאַנען, האָט ער אים מיר געגעבן. אומגעריכט.

ווען איך האָב שוין געהאַט צוגענומען, איז מיר אַ רחמנות געוואָרן אויפן טאַטן. ער האָט דאָך נישט צופיל, און די קינדער קאָסטן אַ סך. אָנשטאָט זיך עפּעס צו קויפן, מוז ער קויפן פאַר אונדז, דאָ אַ מאַנטל, דאָ שיך, עסן און שול און אַלצדינג. אָבער פון דעם אַלעם האָט ער בלויז פאַרדרוס און עגמת־נפש, ווען איך פיר מיך אויף שלעכט.

ווען איך האָב געוואָלט זיין אַ קינד, האָב איך אינגאַנצן פאַר־געסן, אַז איך וועל נישט פאַרדינען פאַר זיך, אַז איך וועל פאַלן צו לאַסט.

ניין, קינדער זענען נישט קיין אומזיסטע פרעסער. די שול איז אַן ארבעט. אמת, מיר האָבן מער וואַקאַציעס, אָבער דער לע־דער רוט זיך אויך אָפּ. מיר אַרבעטן שווערער ווי דער לערער. וואָרום פאַר אונדז איז אַלצדינג שווער און ניי.

און עס הייסט, אַז קינדער טוען גאָרנישט, עסן אומזיסט ברויט.

ווען איך האָב געוואָלט זיין אַ קינד, האָב איך אינגאַנצן פאַר־געסן, ווי שווער עס איז, אַז מען האָט נישט קיין אייגן געלט, ווי פאַרשקלאַפט מען איז.

צום ביישפּיל, איך האָב אַ שלעכטע ווירע. עס האָט זי מיר עמעצער איינגעקאַרבט. איך האָב איבערגעלאָזט אַ גאַנצע, איך קום צוריק פון דער פּויזע — זי איז נישטאָ. איך זוך, ביז איך האָב זי געפונען אויף גאָר אַן אַנדערער באַנק. אָבער וואָס קומט ארויס, אַז דער קאַנט איז אָפּגעקלאַפּט: מיט אַזאַ ווירע קאָן מען שוין נישט גלייך צייכענען: די בלייפעדער פאַרטשעפּעט זיך. עס זענען פאַראַן אַזעלכע, וואָס זענען באַשלאָגן מיט אייזן, אָבער זיי קאָסטן טייער. און אונדזערע זענען ווי אויף צו־להכעיס פון ווייך האָלץ.

דו פּאַרגעסט, מוסט אַ קלאַפּ אין דער באַנק — מאַכט זיך באַלד אַ גריבעלע, אַ קאַרב.

וויפל פּאַרשידענע היזקות און פּאַרלוסטן מיר האָבן, און מיר זאָגן גאָרנישט. וואָרום אַז דו וועסט זיך פּאַרקלאָגן, וועט די לערערין זאָגן:

— היט אָפּ.

אָבער בעת דער פּויזע טאָר מען דאָך נישט זיין אין קלאַס און איבעריקנס, צי קאָן מען שטענדיק רק היטן?

אצינד האָב איך אַ גילדן.

אַזוי אַפּנים האָט גאָט געוואָלט.

איך וועל קויפן פּאַר מאַריכנען אַ קאַרטל. באַנטשקעוויטשן וועל איך אָפּגעבן צען גראָשן, איך וועל פּאַרענדיקן מיט ראַבּשיקן. איך וועל קויפן אַ ווירע, כדי צו האָבן אין רעזערוו. אפשר שיך־בענדלעך? כדי נישט צו מוזן אויסהערן דער מאַמעס טענות, ווען די איצטיקע וועלן זיך מיר צעריסן. אפשר דאַרף מונדעק עפּעס האָבן, וועל איך אים באָרגן. עס וואָלט אויך געווען גוט צו גיין אין קינאָ, אָבער ווי? גיין אַליין און נישט אויסזאָגן פּאַר מונדעקן? און זאָגן, אַז איך בין געווען, וועט מונדעקן זיין אומאָנגענעם.

א גילדן דאַכט זיך איז אַ סך געלט. אָבער אַז דו וועסט נעמען אויסרעכענען, וועסטו זען, אַז עס וועט נישט אויסקומען אויף אַלצדינג.

און דערוואַקסענע מיינען, אַז אַ קינד איז לייכטזיניק. נו, עס זענען פּאַראַן: סיי צווישן אונדז, סיי צווישן דערוואַקסענע. פּאַר וואָס גיט אוים מונדעקס טאַטע אויף בראָנפן? פּאַראַן אַזעלכע, און פּאַראַן אַזעלכע. איינער וועט נגנבענען ביים טאַטן און מכבד זיין חברים. ער וועט זאָגן, אַז ער דאַרף אויף א העפט, און וועט אויסגעבן אויף שאָקאָלאַד. ער וועט באָרגן און נישט אָפּגעבן. ער וועט פּאַרלירן, ווייל ער האָט אַ לאָך אין קעשענע, אָדער מיטן נאָזטיכל אַרויסוואַרפן. אַן אַנדערער ווידער וועט אויסגעבן בלויז, ווען ער וועט דאַרפן. ער וועט לאַנג זאַמלען גראָשנווייז און קויפן אַ מתנה פּאַרן טאַטן, אָדער אויף עפּעס א זאַך, וואָס קאָסט טייער.

איך בין געגאַנגען מיט מונדעקן זוכן א שיין קאַרטל. אַ מלאכל האָט זי שוין, פּאַרגעס־מיך־נישט בלימלעך האָט זי אַליין מיר גע־

שיקט. עס איז געווען איינס פון אַ יינגל מיט אַ מיידל, אָבער איך שעם מיך, וואָרום דאָס הייסט דאָך, אַז זי און איך.

ווען מען זאָל קאָנען אַריינגיין אין קראָם, וואָלט געווען לייכ־מער. אָבער עס איז אומאָנגענעם. זיי קוקן, אַז מען זאָל עפּעס נישט צונעמען, נישט צעקניימשן, נישט פאַרפלעקן. זיי איילן זיך, זיי האָבן נישט ליב, מען זאָל באַקוקן. זיי זאָגן:

— נו, גיכער.

און מען זעט, אַז זיי ווילן, מען זאָל אַוועקגיין.

וואָרום קינדער האָבן דאָך בלויז גראָשנס, האָט מען פון זיי אַ קליינעם פאַרדינסט.

אַ דערוואַקסענער קויפט אויך נישט מיט איין מאָל א סך. אַ דערוואַקסענעם דערלויבט מען דורכצוקוקן אַלע אַלבומען. וואָרום אויב ער קויפט היינט בלויז איין קאַרטל, קאָן ער מאָרגן קויפן מער. און מיר? בלויז גראָשנס און גראָשנס.

איך האָב באַלד אָפּגעגעבן באַנמשקעוויטשן. כל־זמן איך האָב נישט געהאַט קיין געלט, בין איך אַפילו נישט דרייסט געווען זיך צו פרעגן.

— אָט האָסטו צען גראָשן, וואָס דו האָסט מיר געבאָרגט אויף מילך.

— איך האָב דאָך דיר געזאָגט, אַז איך שענק דיר.

— איך וויל נישט. וואָס מאַכט ראַבמשיק?

— וואָס זאָל ער מאַכן?

עפּעס ענטפערט ער מיר נישט גלייך. אפשר האָבן די עלטערן נישט דערלויבט, אפשר האָט ער אים אַרויסגעוואָרפן?

— ער איז דאָ ביי דיר?

— ווו דען זאָל ער זיין, אַז דו האָסט אים אַוועקגעוואָרפן?

— איך האָב אים גאָרנישט אַוועקגעוואָרפן, נאָר דיר אַוועק־געגעבן.

— און אויב איך וואָלט אים נישט גענומען?

— וואָלט אפשר אן אנדערער.

— און דו מיינסט, אַז מען דערלויבט אַזוי באַלד צו נעמען אַ הונט אין שטוב אַריין?

איך בין בייז, וואָרום ער שטייט עפּעס אַזוי אין גרויסן.

איך זאָג:

— פאַרוואָס זאָל מען עפּעס ניט דערלויבן?
— און דייִנע האָבן ניט דערלויבט.
— ווייל איך האָב ניט געפרעגט.

איך בין בייז, וואָס אים איז אַזוי גרינג, און איך פיר ווייטער אַן איינזאַם לעבן. וואָרום אַ הונט איז דעם מענטש א פריינד.

איך ווייס, אַז קנאה איז אַ מיאוס געפיל. אָבער צי קאָן מען ניט מקנא זיין, אויב איינעם גייט גוט און ער קאָן אַפילו ניט אָפּשאַצן?

און איך בין נייגעריק, צי ראבטשיק וואָלט מיך דערקענט. איז באַהאַלט איך בלויז דעם פאַרדרוס און זאָג:

— און וועל איך אים קאָנען אַמאָל זען?
— נו, אַז דו וועסט קומען, וועל איך אים ווייזן.
— און נעמען אים אהיים כאָטש בלויז אויף איין טאָג?
— אָאָאָ, באַלד וועסטו וועלן אלצדינג. אַז מיין, איז מיין. איבעריקנס, דו מיינסט, אַז ער וועט אַצינד וועלן גיין צו דיר?
— פונוואַנען ווייסטו? אפשר וועט ער וועלן?
— ער האָט זיך שוין צו מיר צוגעוווינט.
— נו, טאָ האַלט אים דיר.
— אוודאי וועל איך אים האַלטן.

איך גיין אַוועק. וואָס וועל איך מיט אים טענהן? ער וועט סיי ווי סיי ניט פאַרשטיין.

וואָרום מענטשן רעדן צווישן זיך, און יעדער פילט אַנדערש. דערפאַר קאָנען זיי זיך ניט צוזאַמענרעדן.

און מיר איז שוין בלויז איין מונדעק געבליבן.
איך האַלט מיך שוין מיט אים תמיד צוזאַמען.

איבערפרי טרעפן מיר זיך און מיר גייען צוזאַמען אין שול. בעת די פויזעס צוזאַמען.

און מיר גייען אהיים צוזאַמען.
בלויז ער אַליין איז מיר געבליבן.

און אפשר איז אַ זינד אַזוי צו טראַכטן?
איך האָב דאָך אַ טאַטן, אַ מאַמען, אירענקען.

איך האָב נאָך פאַרגעסן, אַז בעת יענעם געזעגענונגס־וויזיט האָבן מיר אראָפּגעבלאָזן אַ רעדעלע פון טיש. וואָרום עס איז

געלעגן אַזאַ רעדעלע פֿון אַ זייגערל, צי פֿון עפּעס אַנדערש. און מאַריכנאַ האָט געזאָגט:

— ווער וועט שטאַרקער בלאָזן?

און זי האָט געבלאָזן אין איין זייט, און איך אין דער אַנדערער.

אירענקען האָבן מיר אויך געלאָזט בלאָזן עטלעכע מאָל.

גרויע טעג

שוין דאָס צווייטע הימל איז איינעם אַ ייגגל פֿאַרפֿאַלן געוואָרן.

עס איז געווען אַן אוואַנטורע.

צום מיינסטן טרעפֿט אין דעם צווייטן קלאַס. עס ווערן דאָרט פֿאַרפֿאַלן ביכלעך און העפֿטן.

עס האָט געזאָלט זיין אַ רעוויזיע.

די לערער זאָגן, אַז עס איז אַ חרפּה פֿאַר דער גאַנצער שול.

יעדער האָט געזאָגט, וואָס עס איז אים פֿאַרפֿאַלן געוואָרן, און די לערערינס האָבן פֿאַרשריבן.

ביי מיר האָט מען גאָרנישט צוגענומען. איך האָב געהאַט אַ שטיקל גומע. אַ קליין שטיקל. עס וואָלט נאָך געגוג געווען אויף אַ וואָך. אָבער איך וויים נישט: אפשר אין שול, אפשר אויף דער גאַס, אפשר אינדערהיים איז עס מיר פֿאַרפֿאַלן געוואָרן. און לויט טייל האָבן גענומען דיקטירן, איז אויסגעקומען, ווי אין דער גאַנצער שול געפינען זיך סאַמע גנבים. וואָס עמעצער האָט ערגעץ־ווו פֿאַרלוירן, אָדער אוועקגעגעבן און פֿאַרגעסן — אַלצדינג האָט מען דיקטירט; די לערערין האָט אַזש נישט באַוויזן אַזוי גיך צו פֿאַרשרייבן. מסתמא האָט מען אויך געזאָגט ליגן. וואָרום פֿאַצעוויטש זאָגט:

— פֿאַרוואָס האָסטו נישט געזאָגט, אַז עס איז פֿאַרלוירן געוואָרן? אפשר וועט די שול אָפּקויפֿן?

עס איז נאָך אַ גרעסערע גנבה צו הייסן זיך אָפּגעבן, ווען עס איז גאָרנישט פֿאַרלוירן געוואָרן. אַזאַ אומפֿאַרשעמטער.

נו, עס זענען פֿאַראַן אַזעלכע, וואָס עס ווערט זיי אַ סך זאַכן פֿאַרלוירן. אָבער זיי האָבן נישט קיין קעפּ. ער פֿאַרוואַרפֿט ערגעץ און ווייסט נישט ווו. ער באָרגט און געדענקט נישט. און צו־

ליב זיי זאָגט מען, אַז קינדער זענען צעחושט. און דאָס ערגסטע איז, וואָס זיי ווילן, אַז אַלע זאָלן אַזוי זיין. ווער עס וויל נישט יעדן אייגעם באָהגן — איז באַלד:

— עגאָיסט, גיריקער, ביטראַק.

א סך מאָל ווערט מען אזש אין כעס, וואָרום וואָס ער זעט, איז באַלד:

— גיב

ער דראָט נאָך:

— געדענק, וועסט הרטה האָבן. וואַרט: כ'וועל דיר דאָס דערמאָנען. וועסט נאָך אָנקומען צו מיר. דו וועסט ביי מיר אמאָל אויך עפּעס בעטן.

מיר מוזן מער באָרגן ווי דערוואַקסענע. וואָרום מען הייסט האָבן, איז אויב מען גיט נישט איבערהיים, וואָס זאָל מען טאָן?

אָפּטמאָל זענען די עלטערן שולדיק, אַז דאָס קינד לייהט. און דאָס ערגסטע איז, וואָס מען גלייבט נישט. ביי דערוואַקסענע, אויב עמעצער איז אָרנטלעך, געטרויט אים יעדער, און דאָ האָט מען אויף דעם אָרנטלעכסטן א חשד.

— איך דאַרף האָבן אויף קאַרטאָן.

— ווידער קאַרטאָן? האָסט דאָך ערשט נישט לאַנג געקויפט?

אַזאַ פראַגע טוט וויי. וואָרום איך עס דען אויף דעם קאַרטאָן?

א דערוואַקסענער האָט זיין אייגן געלט, און וואָס ער דאַרף, קויפט ער. א קינד באַקומט ווי אַ טובה. ער דאַרף וואַרטן, אז די עלטערן זאָלן זיין אין אַ גוטער שטימונג, ווייל מען וועט אים זאָגן א בייז וואָרט.

א קינד דאַרף האָבן אַ שטענדיק חודשלעך געהאַלט, כדי עס זאָל וויסן, וואָס עס האָט, און כדי זיך אויסצולערנען אויסגעבן אַזוי, אַז עס זאָל געניגן. און דו — אָדער דו האָסט גאָרנישט, אָדער מיטאַמאָל צופיל. דאָס לערנט אויס האַזאַרד און שנאָרעריי. וואָרום ער וועט פּרווון זיך צוהנפּענען, כדי עפּעס צו באַקומען.

מיר פאַרלירן, מיר פאַרגעסן, עס איז אמת. אָבער זיי האָבן גרויסע קעשענעס, שופלאָדן, צו וועלכע קיינער גייט נישט צו. זיי

גייען פאַמעלעך, באַוועגן זיך געלאַסן. און פונדעסטוועגן פאַרלירן זיי האָך אויך און פאַרגעסן.

ווען דו ביסט פלייסיק, דו קענסט, געדענקסט — רעדט קיינער נישט דערפון, זיי זעען נישט אונדז פלייסן זיך. זיי פאַרשטייען נישט אונדזער אָנשטרענגונג. און זאָל גאָר עפּעס נישט גראָטן, איז באַלד אַן אַוואַנטורע.

אין די טעאַטערס זענען פאַראַן באַדינערס און די מלבושים גיט מען אַרויס דורך נומערלעך. טאָ ווי אַזוי זאָל פאַרלוירן גיין? אין דער שול הענגט יעדער אויף אַליין, נעמט אַליין, און דערצו אין איילעניש. איז אָט — דריי הונדערט שילער הענגען אויף אין אָרדענונג, אָבער עטלעכע וואַרפן אַוועק ווי ס'איז. רעדט מען נישט וועגן די דריי הונדערט אָרנטלעכע, נאָר מען באַשולדיקט די קינדער. און עס קומט שוין אַזוי אויס, אַז ווו עס האַנדלט זיך נאָר וועגן קינדער, איז שטענדיק, אומעטום און אַלצדינג שלעכט. אַז ווען עס זאָלן זיין דערוואַקסענע, וואָלט געווען אַנדערש.

אויף איין שבח טויזנט פאָרווורפן, אויף איין דאַנק הונדערט זידלערייען און דראָונגען. מען זאָל זיך כ'וויים נישט ווי פלייסן, כ'וויים נישט ווי היטן.

און ווען דו זעסט, אַז זיי באַליידיקן, דערנידעריקן, זענען חושד, באַשמוצן און באַשטראָפן, איז אָדער דו פאַרלירסט דעם חשק זיך צו פלייסן, אויב מען קאָן זיי סיי ווי סיי נישט צופרידנשטעלן, אָדער טוסט אַפילו אויף צו להכעיס:

— זאָלן זיי שרייען — וואָס וועלן זיי מיר דען טאָן?

דו באַמיסט זיך נאָר זיי אויסצומיידן, וואָס ווייטער, וואָס ווייניקער מיט זיי צוזאַמען. סיידן אַז מען מוז דווקא.

וואָרום מען דאַרף זיי, אויב עס טוט עפּעס שטאַרק וויי. וואָרום אויב א ביסל — עפּעס אין אויג אַריינגעפאַלן — איז גלייכער, אַז אַ חבר זאָל העלפן. וואָרום באַלד זענען טענות:

— פאַרוואָס דאָס, פאַרוואָס יענץ?

גלייך איך וואָלט אַליין נישט געוווסט.

אָדער ווען מיר מוזן זיך אויף עמעצן באַקלאָגן. וואָרום עס זענען פאַראַן זייער ווייניק מוסרים, נאָר מיר טוען עס, ווען עס איז נישטאָ קיין ברירה. און שטענדיק מיט שרעק, אַז מען וועט אונדז אַוועקטרייבן מיט אַ בייז וואָרט.

וואָרום טוט נאָר א טראכט: אייערע פאַרברעכער זיצן אין די תפיסות, און אונדזערע גייען זיך ארום פראַנק און פריי צווישן אונדז.

און אַזוי לעבן מיר גאָענט נעבנאנאנדער, אָבער נישט צו־זאַמען.

און זאָל אַ קינד זיך דערנעענטערן, ווייל עס האָט ליב, איז באַלד א חשד, אַז הניבה, אַז עס האָט א כוונה.

און מיר ווייסן נישט, וואָס מען מעג און וואָס אונדז קומט, מיר קענען נישט אונדזערע רעכט, נישט אונדזערע פליכטן. דער־פאַר איז דאָ און דאָרט ווילקיר.

איך האָב ווידער געוואָלט זיין אַ קינד, פטור ווערן פון די גרויע דאגות און טרויער פון די דערוואקסענע, און איך האָב קינדערישע, וואָס טוען שטאַרקער וויי.

זאָל נישט פאַרפירן אונדזער געלעכטער.

קוקט אריין אין אונדזערע געדאַנקען, בעת מיר גייען און קומען רואיק פון דער שול, בעת מיר זיצן רואיק אויף די לעק־ציעס, בעת מיר שמועסן האַלב אויפן קול אָדער פליסטערנדיק, בעת מיר ליגן ביינאַכט אין בעט.

אַנדערע דאגות, אָבער נישט קיין קלענערע, שטאַרקער דורכגעפילטע, און א גרעסערע, אַ גרויסע בענקשאַפט.

איר זייט שוין פאַרהאַרטעוועט אין ליידן און רעזיגנאַציע. מיר בונטעווען זיך נאָך.

ווען איך בין געווען א דערוואַקסענער, האָב איך מיך נאָר אויסגעהיט פון א גנב. און איצט טוט וויי, וואָס מען גנבעט.

— פאַרוואָס נעמט אייגער אַוועק ביים אנדערן. ווי קאָן מען דאָס?

איך בין טרויעריק, וואָס עס קאָן נישט זיין גוט.

— מילא, פאַרפאַלן — האָב איך געזאָגט, ווען איך בין גע־ווען גרויס.

און איצינד וויל איך נישט. איך וויל נישט, אַז עס זאָל אַזוי זיין.

און איך גלייב נישט, אַז די שול וועט העלפן. וואָרום די דערוואַקסענע האַלטן כלומרשט אין איין אויסבעסערן אונדז, און עס קומט גאָרנישט אַרויס: זיי צעיאַטערן בלויז.

דאָס היטל איז ניט געפֿונען געוואָרן. אַלע מוזן באַצאָלן.
איז דאַרף מען זאָגן אינדערהיים. און אינדערהיים וועט מען אָנ־
פֿאַלן אויף דער שול.

— אַ גנבהשע שול.

אָדער:

— וואָס טוען די לערערס, פֿאַרוואָס היטן זיי ניט?

ווידער אומגערעכט, וואָרום וואָס איז שולדיק די שול? די
לערערס קאָנען דאָך ניט אַלצדינג היטן.

און צום טרויעריקסטן, וואָס איינער קאָן אָפּטאָן אַלעמען
אַזויפֿיל אומאָנגענעמלעכקייטן און אומרו.

וואָרעם מונדעק וואַרט אויף מיר, ווייל איך קאָן ניט גע־
פֿינען דעם מאַנטל. מיר זוכן.

און דער שול־דינער באַלד:

— וואָס נישטערט איר האָ?

איך זאָג:

— מיר נישטערן ניט, נאָר מען האָט מיר ערגעץ איבער־
געהאָנגען דעם מאַנטל.

— וואָס דו האָסט דאָ ניט אויפֿגעהאָנגען, האָסטו ניט

— זאָגט דער שול־דינער.

— איך בין דאָך ניט געקומען אָן אַ מאַנטל.

און ער:

— ווער ווייסט אייך האָרט.

און דערנאָך:

— נו, האָסט געפֿונען? זעסט: ווו דו האָסט אויפֿגעהאַנגען,
דאָרט הענגט.

איך זאָג:

— איר האָט ניט געזען, ווייסט איר ניט.

און ער:

— זיי ניט צו קלוג, ווייל דו וועסט באַקומען איבערן
אויער.

וויפֿל צייט וועט אַוועק, איידער מען וועט אויפֿהערן ניט
בלויז צו שלאָגן קינדער, נאָר צו דראָען מיט שלאָגן. וואָרום
אַצינד זעט עס אויס ווי אַ גרויסע טובה, וואָס טייל שלאָגן אונדז
ניט.

אויפֿן וועג האָט מוגדעק ווידער גערעדט וועגן פּאָטער.

— דו מיינסט אפשר, אַז מיין טאַטע איז אַזאַ שיכור, וואָס מאַכט סקאַנדאַלן. אין אונדזער הויז וווינט איינער. מאַכט משו־גענע שטיק — איינמאָל איז אַפילו געווען פּאָליציי. ווען ער קומט אַהיים, שלאָגט ער דאָס ווייב און די קינדער. מען הערט אַ טראַסק, און דערנאָך אַ געיאָמער. דערנאָך נעמט ער שליידערן אויף דער ערד, גלאָזוואַרג — גישט גלאָזוואַרג. און ערשט דערמלט לאָזט ער זיך הערן: „האָס אלצדינג איז מיין, פּאַרדינט מיטן בלוטיקן שוויים. אַז ס'וועט מיך גלוסטן, וועל איך צעברעכן, אַ תל מאַכן, פּאַרברענען". און די קינדער: „טאַטעלע, טאַטעלע". ווען דאָס זאָל זיין מיין טאַטע, ווייס איך נישט, וואָס איך וואָלט געטאָן. וואָרום מיין טאַטע האָט בלויז אַ שוואַכן קאָפּ: ער טרינקט אויס עטלעכע גלעזלעך — איז ער אַ פּאַרטיקער.

— און פּאַרוואָס טרינקט ער?

— איך ווייס נישט. מסתמא זיך צוגעוויינט. איך וועל נישט טרינקען, נישט רייכערן. צו וואָס אַריינגיסן אין זיך סם? אַפילו אין מויל ברענט עס, עס ברענט איבער דאָס בלוט און דעם מאָגן. איך האָב שוין אָנגעהויבן מיט פּאַפּיראָסן, אָבער איין ייִנגל האָט מיך געהייסן אַריינציען רויך און דורכלאָזן דורך אַ טיכל. און עס האָט זיך געמאַכט אויפֿן טיכל אַזאַ געלער, שטינקענדיקער פּלעק. ווען איך זאָל זיין אַ קעניג, אָדער האָבן עפּעס אַ מאַכט, וואָלט איך פּאַרמאַכט אַלע רעסטאָראַציעס, די אַלע פּאַרשידענע קנייפּעס. אַז עס וואָלט נישט געווען, וואָלט מען געמוזט אויפהערן.

מיר זענען געגאַנגען אַ שטיקל וועג שטילשווייגנדיק.

— אין בלוט זענען פּאַראַן אַזעלכע מיני קיילעכלעך, און וועלכע עס גייט אַריין לופט. מאָהנע איז דער מענטש געבוים. נישטאָ קיין איין ענלעכע מאַשין. וואָרום גיב אַ טראַכט: אַ זייגערל, אַז דו וועסט עס נישט אָנציען, בלייבט עס שטיין. און אַ מענטש צען, הונדערט יאָר נישט אָנגעצויגן. דאָס בלאַט האָט אַפילו גע־שריבן וועגן איינעם פון 140 יאָר.

און מיר האָבן אָנגעהויבן צו רעדן, וואָסערע אַלטיטשקע מיר קענען. דערנאָך וועגן די וועטעראַנען: אַז זיי געדענקען דעם אויפ־שטאַנד.

— און דו וואָלסט געוואָלט זיין אַ וועטעראַן?

— ניין — האָט ער זיך געזאָגט. — כ'וואָלט געוואָלט אַלט זיין אַ פופצן אָדער צוואַנציק יאָר.

— מאָ וואָלטן שוין אפשר דיינע עלטערן נישט געלעבט — זאָג איך.

ער האָט געטראַכט, געטראַכט און זאָגט טרויעריק:

— מאָ זאָל שוין זיין ווי עס איז.

מיר האָבן זיך געזעגנט, דערלאַנגט די האַנט און זיך אָנגע־קוקט. און מיידלעך קושן זיך תמיד. אפילו ווען זיי האָבן זיך נישט שטאַרק ליב. מיר, ייִנגלעך, זענען אויפריכטיקער. און אפשר איז עס ביי זיי בלויז אַזאַ געוווינהייט.

וואָס ווייטער?

גאָרנישט. פאַרשידענע לעקציעס.

און בעת דער גימנאַסטיק האָט דער לערער געוויזן אַ נייע שפּיל, אַז עס זענען פאַראַן צוויי פּאַרטייען. מען מאַכט אַ שטריך — אַ גרענעץ. איין טייל אויף דער זייט, די אַנדערע אויף יענער זייט. און זיי ציען אַריבער איינער דעם אַנדערן — און נעמען אין געפאַנגענשאַפט, וועלכער צד עס געווינט. תחילת האָט מען גע־שטערט, וואָרום מען האָט זיך בכיוון אונטערגעגעבן, אויב מען האָט געוואָלט זיין מיט דעם אַנדערן צד. אָדער מען האָט איינעם אַריבערגעצויגן, און ער רייסט זיך אַרויס און קריגט זיך, אַז מען מעג. אָבער דערנאָך איז שוין געגאַנגען גוט. און עס איז געווען פריילעך.

מיר האָבן געבעטן, אַז מען זאָל איבערחזרן האָס זעלבע ביזן סוף שעה, ביזן גלעקל, אָבער דער לערער האָט נישט געוואָלט. איך ווייס נישט פאַרוואָס.

לויט מיין שכל, וואָלט מען באַדאַרפט אויסקלייבן עטלעכע שפּילן, וואָס געפעלן — און זיך מיט זיי פאַרנעמען. אויב מען שפּילט שוין אַזויפיל יאָר אין קליפּע, קוקסאָ און פּאַלאַנט, און אַצינד נאָך אין פוטבאָל — פאַרוואָס זאָל דאָס דערעסן ווערן? און ביי אונדז אויף יעדער לעקציע עפּעס אַנדערש. דאָס רעגט אויף, וואָרום מען קאָן קיין איינע נישט אויסלערנען גוט. מען ווייסט בלויז, וועגן וואָס עס גייט, אָבער מען דאַרף אַ סך וואָכן שפּילן, כדי גרינטלעך צו קענען: אַלע שוועריקייטן, אַלע אופנים — ער־לעבע און אָפּנאַרערישע.

די דערוואַקסענע דאַכט זיך, אַז קינדער האָבן תמיד ליב עפּעס נייס. האָס זעלבע איז מיט מעשהלעך.

אמת, פאַראַן אַזעלכע, וואָס הייבן זיך אָן צו קרימען:

— עעע, מיר קענען דאָס שוין, מיר ווייסן שוין.

אָבער אויב מען הייבט אָן פרעגן וועט זיך שוין תמיד עמע־צער קרימען, אַז עס איז נישט אינטערעסאַנט און אַז ער וויל בע־סער עפּעס אַנדערש.

— אָבער אַ שיין מעשהלע, אַן אינטערעסאַנטע דערציילונג — קאָנען מיר הערן אַ סך מאָל. פונקט ווי דערוואַקסענע גייען אין טע־אַטער נאָכאַמאָל אויף דער זעלבער זאַך, און אַפילו מער. אָבער קינדער מוזן עס נישט צו באַרימען זיך, נאָר כדי בעסער צו קענען די זאַך.

די שול איילט זיך אפשר צופיל, גלייך ווי עס וואָלט עמעצער געטריבן.

עס איז געווען אַן אָנגענעמע פאַרווײַלונג.

און אויף דער לעקציע פון רעכענען איז געקומען דער הער אינספּעקטאָר.

מען זאָגט אונדז, אַז מיר זאָלן זיך תמיד פלייסן, אַפילו ווען מען זעט אונדז נישט. אַז אַפילו ווען מען היט אונדז נישט, דאַרפן מיר זיך גוט אויפפירן. און אַליין מוזן זיי נישט תמיד אַזוי.

ווען דער אינספּעקטאָר איז געקומען, האָבן זיך אַלע מער געפלייסט. אַפילו דער דירעקטאָר. די גאַנצע שול ווערט מיטאַמאָל יום־טובדיק. און כ'ווייס נישט, פאַרוואָס זיי האָבן מורא, וואָרום דער אינספּעקטאָר איז אַ גוטער, זייער אַן אָנגענעמער, אינגאַנצן ווי אַ פּשוטער מענטש.

ער האָט געזאָגט, מען זאָל אויסרעכענען דעם אומפאַנג פון ביכל. און דראָזדאָווסקי האָט פאַר שרעק נישט דערהערט און זאָגט:

— קיכל.

מיר האָבן געמיינט, אַז ער וועט אין כעס ווערן, וועט אויך די לערערין דערנאָך זיין בייז אויף אונדז. ער אָבער האָט זיך בלויז צעלאַכט.

— טראכסט וועגן קיבלעך, ביסט אַוודאי אַ גרויסער נאַשער.

אַלע האָבן זיך צעלאַכט, אָבער גוט געענטפערט.

און די לערערין האָט אויך געזאָגט, אַז גוט. און עס איז געווען אַן אָנגענעמע שעה.

עס איז געווען דער לערערינס געבורטסטאָג. אַ גרויסער פּראָסט געווען דעמלט, און מיר האָבן זיך אָפּגעשמועסט, מען זאָל באַפּוצן דעם קלאַס מיט סאָסנע־צווייגן. אָבער מיר האָבן נישט געהאַט. האָבן מיר געוואָלט אָנשרייבן דער לערערין אַ ווינטש־קאַרטל; אָבער מען האָט זיך אָנגעהויבן צו קריגן, און ס'איז אויך גאָרנישט אַרויסגעקומען. וואָרום עס האָט געזאָלט זיין אַ קאָלעק־טיוו קאַרטל: אַז איינער זאָל אָנשרייבן און אַלע זאָלן זיך אונטער־שרייבן. מען האָט אָנגעהויבן זיך צו באַראַטן, אַז מען זאָל געבן צו פינף גראָשן. אָבער ווער זאָל קויפן, און וואָס אָנשרייבן? — און ווידער גאָרנישט. בלויז עטלעכע בילדלעך האָט מען אויסגעצייכנט און אַנידערגעלייגט אויפן טיש. און אויפן טאָוול:

„מיר ווינטשן אייך".

זיי האָבן נאָך געוואָלט:

— גליק — געזונט.

אַפילו:

— אַ שיינעם מאַן.

אַזעלכע שטותים האָבן זיי אויסגעטראַכט, האָבן מיר נישט געלאָזט. און מען האָט זיך געמוזט איילן, מען זאָל פאַרטיק ווערן בעת דער פּויזע.

די לערערין האָט געוואָרפן אַ בליק און בלויז אַ שמייכל געטאָן. אָבער זי האָט זיך אַפּנים געריכט, וואָרום עס איז נישט געווען קיין לעקציע, בלויז לייענען. די לערערין האָט געבראַכט אַ ביכל „אונדזער קליינער" און די גאַנצע שעה געלייענט.

— שיין — טרויעריק.

אָבער עס איז אומאָנגענעם, אַז מען רייסט איבער דאָס לייענען און מען גייט צו פון זיך, מען דערקלערט. וואָרום יעדער ווערט דאָך מסתמא פאַרשטיין, אויב ער הערט זיך צו, און אויב ער ווערט אַפילו נישט פאַרשטיין, ווערט ער זיך שוין שפּעטער משער זיין. עס געפינט זיך תמיד איינער, וואָס האָט ליב צו שטעלן פראַגן, און אַנדערע זענען אין כעס, וואָס ער שטערט. עס טרעפט זעלטן, ער

זאָל עס מאַכע אויף אַן אמת וועלן וויסן, נאָר גיכער, כדי צו באַ־
רימען זיך, אַז כלומרשט ווייסט ער נישט, נאָר ער איז זייער גע־
וויסנהאַפטיק.

אויב עס איז א נישט שטאַרק אינטערעסאַנטע זאַך, טאָ זאָל
מען האָרט דערקלערן און איבערדרייסן — וועט די צייט גיכער
אַוועק. אָבער אויב עס איז שיין, האָבן מיר מורא, אַז די לערערין
וועט נישט באַוויזן איבערצולייענען. און אויב מען פאַרשטייט
עפּעס נישט אינגאַנצן, קומט עס אַפילו אַרויס מער סודותדיק.

די לערערין האָט באַוויזן איבערצולייענען די גאַנצע דערציי־
לונג. און שוין פאַר דעם גלעקל האָט זי געדאַנקט פאַר דעם
ווינטשן.

איך ווייס פאַרוואָס. זי האָט מורא געהאַט דאָס צו טאָן ביים
אָנהייב לעקציע, אַז מיר וועלן נעמען שרייען, און מען וועט שוין
נישט קענען לייענען. די לערערס האָבן מורא פאַר יעדן
יום־טוב אין קלאַס, פאַר יעדער פרייד, פאַר יעדן פרייליכן אויס־
ברוך. דאָס איז אומאַנגענעם, אָבער אַזוי הפּנים מוז שוין זיין.

און אָט אַזוי האָבן מיר זיך פאַרווײַלט מיט דעם און מיט
יענעם — און דאָס איז עס געווען די גאַנצע פרייד פון דער וואָך.
אָבער עגמת־נפש — קליינע און גרעסערע — אַ סך. טייל איי־
גענע, אַנדערע פון מיטגעפיל.

וואָרום מיר, קינדער, ליידן אַ סך, מיר פילן מיט, ווען עמעצן
גייט שלעכט.

דער לערער האָט צעריסן כמעט אַ גייעם העפט העסן. ער
האָט נאָכלעסיק געשריבן; נישט אַפילו נאָכלעסיק, נאָר ער האָט
זיך געאײַלט, ווייל די מאַמע איז אים קראַנק און ער האָט געהאַט
אַ סך אַרבעט אין דער היים. ער האָט נישט געוואָלט נישט מאַכן
די לעקציעס, — ער האָט מורא געהאַט, אַז דער לערער וועט אויף
אים אין כעס ווערן. און עס איז אַרויסגעקומען נאָך ערגער. ער
איז גראָד בייז געווען, טוט ער אַ זאָג:

— אַ שילער, וואָס שעמט זיך נישט צו ווייזן דעם לערער
אַזאַ שמירעכץ.

און ער האָט צעריסן כמעט אַ גייעם העפט.

העסן האָב איך נישט שטאַרק ליב. ער זיצט גאָר ערגעץ אונ־
דערש און איך זע אים ווייניק און רעד כמעט נישט מיט אים. ער
איז ווילד אין שפּילן און אין שפּאַסן און ער מוז זיין זייער אָרעם.

אָבער עס האָט מיך געוואונדערט, וואָרום איך האָב אים געזען
צום ערשטן מאָל וויינען. טאַקע מיט אמתע טרערן. דערנאָך איז
ער געבליבן זיצן מרה־שחורהדיק.

איך קוק איינמאָל און נאָכאַמאָל און בעת דער פּויזע גיי
איך צו.

ווען איך בין געווען אַ לערער, האָט מיך געהידושט, אַז ווען
איך פלעג עמעצן גערעכט אָדער אומגערעכט באַשטראָפן, האָט
זיך באַלד צונויפגעזאַמלט אַ קרייזל, און מען פלעגט אויסרעדן און
טרייסטן. אַפילו דער ערגסטער געפינט צווישן די בעסטע עפּעס ווי
פאַרבינדעטע. קענען מיר.

איך פלעג זאָגן:

— נישט שפּילן זיך מיט אים, נישט געבן די האַנט.

און זיי פונקט פאַרקערט.

ערשט אַצינד פאַרשטיי איך.

דער לערער באַשולדיקט תמיד, טאָ מוז דאָך זיין עמעצער, וואָס
פאַרטיידיקט. וואָרום מען ווייסט דאָך, אַז כאָטש ער זאָגט גאָר־
נישט, וואָלט ער אויך געקאָנט עפּעס זאָגן אויף צו פאַרטיידיקן
זיך. ביי די דערוואַקסענע האָט דאָך אַפילו דער גרעסטער פאַר־
ברעכער אַ פאַרטיידיקער.

ער האָט נאַכלעסיק אָנגעשריבן אין נייעם העפט. דאָס איז
מאָדנע. אַפילו דער גרעסטער פּויליאַק און נאַכלעסיקער פלייסט
זיך צום אָנהייב.

טאָ וואָס זשע?

די מאַמע איז אים קראַנק. אויב ער פלעגט תמיד שרייבן
מיאוס, איז אַצינד נאָך מער. און עס איז דאָך פאַראַן אַזעלכע,
וואָס וויפל זיי זאָלן וועלן, עס זאָל אַרויסקומען צום שענסטן, קע־
נען זיי נישט שרייבן שיין. און דערצו נאָך איז דאָס פּאַפּיר
שלעכט אין אַ ביליקן העפט, אָדער די פעדער איז אַלט, די טינט
בלאַס, דאָס לעש־פּאַפּיר פאַרשמירט.

איך האָב גראָד אַ נייעם העפט, האָב איך אים געגעבן. ער
האָט זיך אַזוי דערפרייט, ער זאָגט, אַז ער וואָלט אַצינד נישט גע־

קאָנט געמען ביים מאַטן, וואָרום עס איז ביי זיי שלעכט אַצינד צוליב דער דאָזיקער קראַנקהייט.

ער האָט מיך אַפילו עטלעכע מאָל געהאַט פאַרטשעפעט, אָבער איך ווייס, אַז ער וועט שוין מער נישט. מיר קענען לעבן דערוווייטערט, אָבער בעת אַ צרה דאַרף מען דאָך אַרויסהעלפן.

נאָך אין עגמת־נפש צוליב אַזאַ מין מיט־געפיל:

די נייע היגיעניסטקע האָט געפונען ביי קרוקן אַ לויז אויפן העמד. האָט זי אָנגעהויבן צו דערהגיין די יאָרן. אי אים, אי אַלע־מען. אַז יינגלעך וואשן זיך נישט, האָבן לאַנגע גראַמשערס, און האַלטן נישט ריין די שיך.

(הייסט עס, קינדער האָבן גראַמשערס, און דערוואָקסענע — נעגל).

פאַרוואָס זאָגט זי נישט, אַז איינער האָט אַ לויז. צו וואָס מישט זי דאָ אַריין דעם גאַנצן קלאַס? און צו וואָס אים פאַר־שעמען, אַז ער זאָל דווקא ווייגען? עס קאָן זיך דאָך טרעפן. און מען קאָן נישט וויסן, פון וועמען זי האָט זיך גענומען. מיר טרעפן זיך דאָך נישט מיט סאַמע ריינע. און מען זיצט צוזאַמען, און די מאַנטלען הענגען איינער אויפן אַנדערן. און אין דער היים איז דאָ אַ סובלאָקאַטאָר — און ער קאָן זיין שמוציק. און קליינע קינדער זענען תמיד אויפן הויף.

און באַלד מיט שטעכווערטלעך און מיט חוזק. אַפילו די מאַ־מעס אונדזערע אַריינגעמישט, און דערצו האָט זי דאָך שוין לחלוטין נישט געהאַט קיין רעכט.

און די אונטערלעקער, כדי זיך איינצוקויפן אין יחוס, העלפן צו מיט פאַרשידענע שטעכיקע ווערטלעך. געלעכטער. האָס מיאוסע געלעכטער, פון וועלכן עס ווערט אומהיימלעך.

די שיך ריניקן? נו, גוט: דאַרף מען האָבן אַ בערשטל צו פאַסטע. פאַסטע און אַ בערשטל צו מאַכן אַ גלאַנץ. און וואָס טוט מען, אַז די האָר זענען אויסגעקראָכן און ס'איז געבליבן האָס בלוי־זע האָלץ? און פאַר אַ נישט גרויס קעסטעלע דאַרף מען באַצאָלן צוואַנציק גראָשן. אַ פאָר מאָל קאָן מען נאָך ריניקן די שיך מיט שפייעכץ, אָבער דערנאָך איז נאָך ערגער — וואָרום פאַסטע אַפילו קאָן שוין דעמלט נישט קיין סך העלפן.

גלייך ווי עס זאָל זיך ווענדן אין אונדז!...

און דאָס ערגסטע, וואָס מוגדעק האָט ענגע שיך. ער האָט אָפּגעריבן אַ פוס און הינקט נאָך אַלץ. איך האָב צרות מיט דעם מאַנטל, וואָס מען האָט געמאַכט אויף אויסצוואַקסן, אָבער אים איז נאָך ערגער.

אין דער היים האָט ער מורא אויסצוזאָגן, וואָרום מען וועט אָנהייבן שרייען, ווייל מען האָט געוואָלט קויפן מיט אַ נומער גרעסער. און אויך די זענען געווען צו גרויס.

— איך ווייס נישט, וואָס עס איז געשען. הפּנים דער מענטש וואַקסט נישט תמיד אַלציינס. די פריערדיקע שיך זענען צעריסן געוואָרן, און זענען נאָך אַלץ געווען צו גרויס. דעמלט איז מיר דער פוס גאָרנישט געוואָקסן, און איצט דורך אַ האַלב יאָר, זענען מיר אַזעלכע לאַפּעס אָנגעוואָקסן, אַז כ'ווייס אליין נישט פונוואַנען און ווי אַזוי. אַלץ איז מיר ענג. איך קאָן אינגאַנצן נישט מאַכן קיין גימנאַסטיק, ווייל איך האָב מורא, אַז עס וועט אויף מיר פּלאַצן, וואָרום עס טרעשטשעט אַזש. דער לערער איז אין כעס, וואָס איך בייג מיך נישט אַראָפּ, וואָס איך צי נישט אויס די הענט ווי עס באַדאַרף צו זיין, וואָס איך מאַרשיר שלעכט; אָבער טוט אַפילו נישט אַ קוק, ווי איך בין אָנגעטאָן.

— און וואָס וועסטו טאָן? — פרעג איך.

— איך ווייס אַליין נישט. אַז איך וועל שוין אינגאַנצן נישט קענען גיין, וועט מען אינדערהיים שוין אַליין זען. און דעמלט וואָס וועט זיין, וועט זיין. מען וועט שרייען, אָדער אַפילו שלאָגן. איך בין דאָך נישט שולדיק, וואָס איך וואַקס. עס וועט דאָך אַמאָל אַ סוף נעמען מיטן דאָזיקן וואַקסן.

דערנאָך האָבן מיר געשמועסט וועגן דעם, וואָס מען זאָגט, אַז אויב מען גיט אַ הינטל צו טרינקען בראָנפן, וואַקסט ער נישט. אפשר נעמען זיך אויך די קליינע פערדעלעך דערפון, ווייל מען האָט זיי געגעבן בראָנפן. אַזאַ שיין קליין פערדעלע האָט פאַראַיאָרן אַרומגעפירט די אנאָנסן פון צירק.

— האָסט געזען?

— פאַרוואָס האָב איך נישט געזאָלט זען?

— אויף נייע וועלט?

— ניין, אויף מאַרשאַלקאָווסקע.

די דערוואַקסענע חידושן זיך, וואָס מיר קריגן זיך אַרום, און כלומרשט זענען מיר סאָלידאַריש. נו, יאָ: עס זענען פאַראַן צוויי לאַגערן: דערוואַקסענע און קינדער. און דערנאָך איין באַנדע קעגן דער אַנדערער און יעדער קעגן יעדן. בלויז איין מונדעק איז אַן אמתער פריינד — און איך ווייס אויך נישט, ווי לאַנג ער וועט זיין.

די גרעסטע אייגענע עגמת-נפש מיינע איז, וואָס עס איז מיר שווער אין שול. איך האָב פאַרגעסן, וואָס איך האָב געקענט, ווען איך בין געווען אַ דערוואַקסענער. אַצינד קאָן איך שוין נישט אַכ-טונג געבן בעת די לעקציעס, איך מוז מיך היטן און מאַכן די לעקציעס.

עס איז מיר שווער צו ענטפערן. איך בין נישט זיכער, צי איך קען. איך האָב מורא, אַז עס וועט נישט אַרויסקומען גוט.

ווען דער לערער אָדער די לערערין קוקן אויף דעם קלאַס און האַלטן ביי אויסרופן, הייבט דאָס האַרץ אָן עפּעס אַנדערש צו קלאַפּן. אפשר איז דאָס נישט קיין שרעק, נאָר עס איז עפּעס אומ-אַנגענעם, גלייך ווי אין אויספאָרשונג, וואָס הגם מען איז נישט שול-דיק, אָבער ווער ווייסט ווי עס וועט אַרויסקומען.

נישט בלויז פון זיך אַליין בין איך אָפּהענגיק, נאָר פון דעם גאַנצן קלאַס. מען ענטפערט אַנדערש, אויב דער קלאַס ווייס און פאַרשטייט, און אַנדערש, ווען ער קען נישט, און די לערערין דע-נערווירט זיך.

זאָל בלויז איינער זאָגן עפּעס אַ נאַרישקייט, איז שוין נאָך אים שווער גוט צו ענטפערן.

דעריבער זענען פאַראַן טעג, ווען אַלע, אַפילו די ערגסטע קע-נען, און פאַראַן שלימזלדיקע טעג, ווען דער גאַנצער קלאַס איז עפּעס ווי צעהושט. סיידן עס געפינט זיך איינער, וואָס רעכנט זיך נישט מיט קיינעם און האַנדלט אויף אייגענער אחריות. דעמלט ווי-דער פילט ער, אַז ער האָט קעגן זיך אַלע יינגלעך, אַז זיי ווינטשן אים שלעכטס, אַז זיי קוקן אויס, עס זאָל אים אויך נישט געראָטן.

עס הענגט עפּעס אין דער לופט, ווי זיי וואָלטן געזאָגט:

— ברעך דעם קאָפּ, ברעך דעם קאָפּ.

נו, פאַרפאַלן: איך ווייס נישט, איך פאַרשטיי נישט, איך קען נישט. פאַרוואָס מוז איך פאַרשטיין? פאַרוואָס עפּעס דווקא, אַז

איך גיב נישט אכטונג? צי ווייניקער פעיקע קינדער קומט שוין נישט קיין פּיצל אָרט אויף דער וועלט?

די לערערין האָט מיך ארויסגערופן צום טאָוול. דאָס האָט געזאָלט זיין א פאַרבעסערונג. אָבער עס האָט זיך מיר פאַרדרייט דער קאָפּ. איין געדאַנק בלויז:

— וועסט ווידער באַקומען א צוויי.

אַז אַנדערער פרוּווט אָפּהוסטן, אָדער מאַכט אַ וויכטיקע מינע, אָדער ער ווערט הכנעהדיק, אַז ס'איז א רחמנות, אָדער ער קאָן אויפן מאָמענט אויסנוצן, ווען מען זאָגט אים אונטער. ער מאַכט כלומרשט אַליין, אָבער ער וואַרט, וואָס די לערערין וועט זאָגן. אָדער אפשר וועט אין דער לעצטער מינוט געשען א נס, וואָס וועט אים אַרויסראַטעווען.

יעדער העלפט זיך אַנדערש, אבי זיך אַרויסצודרייען. איז האָב איך אויך אַזוי געוואָלט. אָבער די לערערין געדענקט מיך שוין. איך זאָג נישט, אַז זי משעפּעט זיך בכיוון, אָבער זי היט שוין.

מען ווייזט מיר מיט די פינגער, אַז באַלד וועט זיין דאָס גלעקל. אָבער דאָס טרייסט מיך גאָרנישט. וואָרום אָדער די לערע־רין וועט מיך פאַרהאַלטן נאָכן גלעקל — דעמלט איז נאָך ערגער — אָדער זי וועט אַפילו גאָרנישט שטעלן קיין צענזור, אָבער זי וועט געדענקען.

— שלעכט.

איך ווייס אַליין, אַז ס'איז שלעכט און איך וואַרט בלויז, צי די לערערין וועט זיך אָנהייבן בייזערן, אָדער פון מיר הוזק מאַכן.

אָבער ס'איז געווען נאָך ערגער.

— וואָס איז מיט דיר געשען? — זאָגט די לערערין מיט פאָרוואורף. — האָסט זיך זייער פאַרנאַכלעסיקט. גיסט נישט אכטונג אויף די לעקציעס, שרייבסט נאכלעסיק, האָסט זיך אינגאַנצן אָפּ־געלאָזן. און אָט זענען די רעזולטאַטן. געכטן האָבן מיר געמאַכט אַן ענלעכע אויפגאַבע. ווען דו זאָלסט געווען אכטונג געבן.

אַלץ פאַרפאַלן.

נו, יאָ: איך בין קאַליע געוואָרן. יאָ: מיר ווערן קאַליע און מיר ווערן ווידער בעסער. קיינמאָל נישט אָן א סיבה. ווער עס ווייסט נישט, וואָס אין קאָפּ טוט זיך און וואָס דאָס האַרץ פילט, דעם איז לייכט צו אורטיילן.

אַלײן פֿאַרפֿאַלן!

די לערערין האָט מיך שױן נישט ליב. און עס פֿאַרדריסט זי, װאָס זי האָט געהאַט אַ טעות. שױן גלײכער באַלד צו זײַן אַ פּשוט־ טער שילער, אַ גרױער, און אומבאַקאַנטער. עס איז זיכערער, גרינ־ גער, פֿרײער. װאָרום מען פֿאָדערט װײניקער, מען דאַרף זיך נישט אָנשטרענגען.

איך האָב אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און װאַרף בלױז אַ בליק בגנבֿה, װאָרום איך װײס נישט, צי דער לערערין איז אַ רחמנות אָדער זי װעט מיך אױפֿהערן ליב צו האָבן.

אַ לערער זאָגט קײנמאָל נישט, צי ער האָט ליב, אָבער מען פֿילט שױן אַלײן. ער האָט גאָר אַן אַנדער קול און אַן אַנדערן בליק. טײלמאָל שטױסט עס אַזש אָפּ, עס לױפֿט אַזש אַדורך אַ קעלט איבערן לײַב.

און דו לײַדסט זײער און קאָנסט דיר גאָרנישט העלפֿן. אָדער דו שפּירסט, אַז עס הײבט זיך אױף אין דיר אַ בונט.

װאָרום װאָס בין איך שולדיק?

אַז באַראָנסקי האָט אױסגעטראַכט אַ נאַרישע שפּיל און מיר אַ שפּריץ געטאָן אין די אױגן מיט אַ פֿאָמעראַנצן־שאָלעכץ. עס האָט שטאַרק אַ ברען געטאָן. איך האָב אַפֿילו גאָרנישט געזאָגט, נאָר רײַב מיר די אױגן.

און די לערערין:

— װאָס טוסטו? אָנשטאָט אַכטונג צו געבן...

איך װעל דאָך נישט גײן דערצײלן. װאָרום דאָס טרעפֿט דען בלױז אײן מאָל?

עס װעט דיר עמעצער אַ קניפּ טאָן, װעסט אַ געשרײ טאָן און זיך אַ הײב טאָן פֿון אָרט. ביסטו שױן שולדיק.

די לערערס װײסן נישט, װי שטאַרק מיר האָבן מורא פֿאַר די, װעגן װעלכע מען זאָגט:

— אַ שטיל װאַסער.

אַזאַ אײנער טוט, װאָס ער װיל, און עס װעט אים גאָרנישט געשען. עס איז אַן אומגליק צו האָבן אים פֿאַר אַ שכן אױף דער באַנק, אָדער הינטער זיך. מען איז קײנמאָל נישט זיכער מיט דער שעה, מיט דער מינוט.

אײנמאָל בין איך אַלײן אױך אַ ביסל שולדיק געװען.

איך זייז אויף דער לעקציע, און גיב אַ קוק, שטשאָווינסקי האָט אויף די פּלייצעס, אויפן רעקל פינף פינגער מיט קרייד. בעת דער פּויזע האָט עמעצער אָנגעשמירט די הענט מיט קרייד און אַ קלאַפּ געטאָן. יענער ווייסט נישט, אָבער די האַנט האָט זיך אָפּגע־דרוקט אויף די פּלייצעס.

האָב איך געוואָלט צומעסטן, צי עס איז די רעכטע אָדער די לינקע האַנט. איך האָב אפילו געוואָלט פונוויטן, אָבער נישט ווילנ־דיק האָב איך א ריר געטאָן. און ער האָט זיך אויסגעדרייט. דער לערער ווידער באַלד אויף אים, פאַרוואָס ער דרייט זיך. און וויש־ניעווסקי:

— אָ, וואָס פאַר א פינגערוקעס.

און דער לערער וועגדט זיך באַלד צו מיר.

איך ווייז די האַנט, אַז זי איז ריין. און דער לערער:

— שטעלט זיך ביידע אַוועק ביי דער וואַנט.

מיר זענען נישט געשטאַנען לאַנג. אָבער נישט וועגן דעם גייט עס. עס איז נישט גיהא, וואָס אַלע אונדזערע ענינים דערליידיקט מען גיך און ווי ס׳איז נישט איז; וואָס פאַר די דערוואָקסענע איז אונדזער לעבן, אונדזערע דאגות און דורכפאַלן בלויז ווי אַ צולאָג צו זייערע אמתע דאגות.

עס זענען פאַראַן, הייסט עס, צוויי פאַרשידענע לעבנס: זיי־ערס — וואָס איז וויכטיק און רעספּעקטפול, און אונדזערס, וואָס איז ווי אויף אַ שפּאַס. דערפאַר וויל קלענער און שוואַכער, זענען מיר בלויז ווי אַ מין שפּילעכל. פונדאַנען שטאַמט די גרינגשעצונג.

קינדער — דאָס זענען די קומענדיקע מענטשן. הייסט עס, זיי וועלן ערשט זיין, דאָס הייסט, אַצינד זענען זיי נאָך נישט. מיר זע־נען דאָך דאָ! מיר לעבן, פילן, ווייטיקן.

אונדזערע קינדער־יאָרן — דאָס זענען יאָרן פון אמתן לעבן.

פאַרוואָס און אויף וואָס הייסט מען אונדז וואַרטן?

צי דערוואַקסענע גרייטן זיך צו דער עלטער, צי פאַרטאַכ־ליעווען זיי נישט לייכטזיניק די כוחות, צי הערן זיי אויס געדן די וואָרענונגען פון די בורטשענדיקע אַלטע?

אין דער גרויקייט פון לעבן פון א דערוואַקסענעם פלעג איך טראַכטן וועגן די קאָלירפולע יאָרן פון דער קינדהייט. איך האָב מיך צוריקגעקערט, זיך געלאָזט פאַרפירן פון די דערינערונגען.

און אַט בין איך אַריינגעשטאַטן אין דער גרויקייט פון קינדערשע טעג און וואָכן. איך האָב גאַרנישט געוווּנען, איך האָב בלויז אָנ־געווירן די פאַרהאַרטעוועטקייט פון רעזיגנאַציע.

עס איז מיר טרויעריק. שלעכט.

איך פאַרענדיק די מאָדנע דערציילונג.

די געשעענישן קומען אָן גיך איינע נאָך די אַנדערע.

איך ברענג אין שול אַריין מאַריכנאַס קאַרטל, כדי צו ווייזן מונדעקן.

און ווישניעווסקי האָט עס מיר אַרויסגעריסן פון דער האַנט.

— גיב אָפּ!

— גיב אָפּ, דו הערסט?

ער לאַכט און טוט אַ שפּרונג איבער דער באַנק. און אַנט־לויפט.

— גיב אָפּ, די מינוט!

ער פאָכעט מיט דער האַנט אין דער לופטן און שרייט אויפן קול:

— טריפּטשיק. אַ בריוו פון דער כלה.

איך רייס עס אים ארויס. צעקנייטש עס. און צערייס אויף שטיקלעך.

איך האָב נישט באַמערקט, אַז אַ שטיקל איז אַראָפּגעפאַלן אויף דער ערד.

איך בין ווילד פון ווייטיק און צאָרן.

און ווישניעווסקי:

— זעט נאָר, יינגלעך, הונדערט מיליאָן מאָל קושט זי אים.

איך לויף צו — און גיב אים אַ פּאַטש.

דער דירעקטאָר טוט מיך אַ כאַפּ אָן ביי דער האַנט.

— יאָ, ער איז קאַליע געוואָרן. שיין געצייכנט. שיין גע־שריבן. אַצינד גיט ער נישט אַכטונג. איז אומרואיק. מאַכט שלעכט די לעקציעס.

מען שיקט נאָך דער מאַמען.

— וואַרט. זאָל נאָר דער טאַטע צוריקקומען פון דער אַר־בעט. ער וועט דיר שוין נישט געבן קיין גילדנס אויף קינאָ.

אַרומגערינגלט פון אַלע זייטן.

אומעטום בייזע ווערטער, בייזע בליקן — אַז אָנזאָג אויף נאָך שרעקלעכערס.

מונדעק וויל טרייסטן. איך ווייס, אָבער איך קאָן נישט. איך שטויס אים אָפּ גראָב. איך וואַרף אַן אומזיניקע באַשולדיקונג:

— דאָס איז אַלץ איבער דיר.

מונדעק קוקט אויף מיר מיט איבערראַשונג.

— פאַרוואָס?

אַלץ איבער דעם קאַרטל.

איך האָב פיינט מאַריכנען.

— אַ נאַר. — אַ קאָקעטקע. אַ גאַנצע נאַכט וואָלט זי גע־טאַנצט. גלאָצט מיט די אויגן.

אַ שאָד וואָס זי איז ווייט. איך וואָלט איר געטאָן אויף צו־להכעיס. איך וואָלט זי געשלאָגן. איך וואָלט איר דאָס שלייפל אַריינגעוואָרפן אין רינשטאָק.

איך רייס אַרויס דעם אַרבעס פון בלומענטאָפּ. און אַ שליי־דער דורכן פענצטער. אירענע האָט טרערן אין די אויגן. זי פילט, אַז עס איז געשען עפּעס אַ שרעקלעכע זאַך.

נישט האָבן גאָרנישט און קיינעם.

ראַבטשיק, ווו ביסטו?

ניין.

צו וואָס טויג מיר דער דאָזיקער הונט? זאָל אים באַנטשקע־וויטש האַלטן פאַר פּראָצענט. ער האָט אים געקויפט פאַר צען גראָשן. זאָל ער אים לעקן די הענט.

איך האָב פאַרניכטעט אַלע אָנדענקונגען, איך האָב איבער־געריסן מיט דער גאַנצער וועלט.

איך בין געבליבן אַליין.

די מאַמע?

זי האָט דאָך געזאָגט, אַז זי זאָגט זיך אָפּ פון מיר. בלויז אירענע. איך — נישט.

אַן אומווירדיקער, אַ פאַרברעכער, פאַרשאָלטן, צעקריגט מיטן לעבן.

אַלע האָבן פאַרלאָזט. אומעטום פאַראַט.

— אַן אומרואיקער. מאַכט שלעכט די לעקציעס.

סיי די לערערין, סיי ראַבטשיק און סיי די מאַמע.

איך בין אַרויסגעלאָפן ביז אויפן סאַמע בוידעם און זיך אָוועקגעזעצט אויף די שטיגן פאַר דער טיר.
עס איז פוסט אין מיר און פוסט אַרום.
איך טראַכט שוין אַצינד וועגן גאָרנישט.

און פון דער טיפעניש פון דער ברוסט האָב איך אָפגעזיפצט.
דורך דער שפּאַרע פון דער בוידעם־טיר קריכט אַריין זיך וואַקלענדיק דאָס מעגטשל מיט דער לאָמטערן.
— אַהאַ!
ער גלעט זיך די גרויע באָרד. ער זאָגט גאָרנישט.
ער וואַרט.
מיט אַ האָפענונגלאָז געפליסטער — דורך טרערן:
— איך וויל זיין אַ גרויסער. איך באַגער צו זיין אַ דער־וואַקסענער.
דעם שרעטעלעס לאַמטערן האָט אַ שווינדל געטאָן פאַר די אויגן.

איך זיץ ביים שרייבטיש.
אַ באַרג העפטן צום קאָריגירן.
פאַרן בעט דאָס אָפּגעבליאַקעוועטע דיוואַנדל.
די פאַרשטויבטע שויבן אין פענצטער.
איך שטרעק אויס די האַנט נאָך דעם ערשטן העפט.
אַ גרייז.
דאָס וואָרט: "stół" געשריבן מיט "u" פאַרשטראָכן דער "u" און איבער אים אַ "ó" און ווידער פאַרשטראָכן דער "ó" און סאַמע אויבן ווידער אָנגעשריבן "u".
איך נעם אַ בלויען בלייששטיפט און שרייב: "stuł — stuł"

אַ שאָד. אָבער איך וויל נישט צוריק...

Cena 25 zł.

ISBN:0-657-12724-8 01-395